ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# כתובות

בלשון הקודש ואידיש

**214**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת כתובות

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי
וירושלמי, הנמצאות במסכת כתובות

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו
בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
**נעתק על ידי ה"ר יוסף מאיר יעב"ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

❖

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

# מסכת כתובות פרק ראשון

(דף ה) **א תני** בר קפרא בתולה נשאת בד' ונבעלת בה' הואיל ונאמרה בו ברכה לדגים **אלמנה** נשאת בה' ונבעלת בו' הואיל ונאמרה בו ברכה לאדם:

**ב דרש** בר קפרא גדולים מעשה צדיקים יותר ממעשה שמים וארץ דאלו במעשה שמים וארץ כתיב (ישעיה מח) אף ידי יסדה ארץ וימיני טפחה שמים ואלו במעשה ידיהם של צדיקים כתיב (שמות טו) מכון לשבתך פעלת ה' מקדש ה' כוננו ידיך. השיב בבלי אחד ור' חייא שמו (תהלים צה) ויבשת ידיו יצרו ידו כתיב. והכתיב יצרו אמר ר"נ בר יצחק יצרו אצבעותיו כדכתיב (שם ח) כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך. מיתיבי (שם יט) השמים מספרים כבוד אל ומעשה ידיו מגיד הרקיע ה"ק מעשה ידיהם של צדיקים מי מגיד הרקיע ומאי ניהו מטר:

**ג דרש** בר קפרא מ"ד (דברים כג) ויתד תהיה לך על אזנך אל תקרי אזנך אלא אוניך שאם ישמע אדם דבר שאינו הגון (שם ע"ב) יניח אצבעו באזניו והיינו דא"ר אלעזר מפני מה אצבעותיו של אדם דומות ליתדות מ"ט אילימא משום דמחלקן כל חדא וחדא למלתיה

ונבעלת בה. משתחשך בד' ויכנס ליל ה': ברכה לדגים. פרו ורבו ומלאו את המים: הואיל ונאמרה בו ברכה לאדם. פרו ורבו ומלאו את הארץ:
אף ידי. הדא יד: מקדש. מעשה ידי לצדיקים הוא: ה"ק. הא' ומעשה ידיו במעשה הצדיקים כתיב שקרויין מעשה בלהם מעשה ידיו של הקב"ה וה"ק ומעשה ידיו דהוא מעשה הצדיקים מגיד הרקיע שהרקיע מעיד עליהם לבריות שבכל צדיקים שמתפללים על הגשמים ומטר יורד:
יניח אצבעו. שהיא בפניו כיתד: מ"ט. כלומר במאי דומות כיתדות: אילימא דמחלק.

---

**א** תני. בר-קפרא האט געלערנט אבתולה זאל חתונה האבען מיטוואך פארין נאכט. און די בעילה זאל זיין די נאכט וואס געהער צוא דאנערשטאג. ווייל דאנערשטאג איז געזאגט געווארין אברכה צוא די פיש זייא זאלין זיך מעהרין. אאלמנה זאל חתונה האבין דאנערשטאג. און די בעילה זאל זיין די נאכט וואס געהער צוא פרייטאג. ווייל פרייטאג איז געזאגט געווארין אברכה צו מענטשין זייא זאלין זיך מעהרין:

**ב** דרש. בר-קפרא האט גידרשת וס די צדיקים האבן גימאכט איז גרעסער ווי די בשאפונג פון הימעל און ערד. ביי די בשאפונג פון הימעל און ערד שטייט מיין לינקע האנט הט גימאכט די ערד און מיין רעכטע האנט הט גימאכט דעם הימעל. און ביי די זאכען וס די צדיקים האבען גימאכט שטייט דעם מקדש הט גאט אן גיברייט מיט זיינע ביידע העגט. הט איינער פון בבל גיפרעגט. זיין נאמען איז רבי חייא. עס שטייט דאך אין פסוק ויבשת ידיו יצרו. די טריקענעש האבען זיינע הענט בשאפען. איז דאך ביידע הענט. זאגט די גמרא עס שטייט ידו. זיין האנט איין האנט. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך יצרו. זייא האבען בשאפען. איז דאך צוויי הענט. האט רב נחמן בר יצחק גזאגט זייא האבען בשאפען מיינט מען דיא פינגער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איך זעה דיינע הימלען וואס דיינע פינגע האבען גימאכט. פרעגט דיא גמרא עס שטייט אין פסוק די הימלען דער ציילען דעם כבוד פון גאט און דיא ווערק פון דיינע הענט זאגט דער הימעל. אז עס שטייט דיינע הענט. איז דאך צווייא הענט. זאגט די גמרא אזוי מיינט דער פסוק דיא ווערק פון דיא הענט פון די צדיקים ווער זאגט. דער הימעל. דיא ווערק פון די צדיקים איז זייערע גוטע מעשים: דאס זאגט דער הימעל. אז די צדיקים בעטן רעגין גיט דער הימעל רעגין. פון דעם ווייס מען אז זיי זענין צדיקים:

**ג** דרש. בר-קפרא הט גידרשת. עס שטייט אין פסוק ויתד תהיה לך על אזנך. זאלסט ניט לייענען אזנך. נאר זאלסט לייענען אזניך. דיינע אויערין. דו זאלסט האבין אטשוואק ביא דיינע אויערין. אז אמענטש הערט מען הייבט אן צו ריידין ניט גוטעס ריד זאל ער אריין שטעקין די פינגער אין די אויערין ער זאל ניט הערין. דס איז אזוי וויא רבי אלעזר הט גזאגט פר וואס זענין דיא פינגער פון אמענטש גלייך וויא טשוועקים. פרעגט דיא גמרא מיט וואס זענין די פינגער

גלייד

למלתיה עבידא דאמר מר זו זרת זו קמיצה זו אמה זו אצבע זו גודל. אלא מ"ט משופות כיתדות שאם ישמע אדם דבר שאינו הגון יניח אצבעותיו באזניו. תנא דבי ר' ישמעאל מפני מה אוזן כולה קשה והאלית (שלה) רכה שאם ישמע דבר שאינו הגון יכוף אליה לתוכה. ת"ר אל ישמיע אדם לאזניו דברים בטלים מפני שהם נכוים תחלה לאברים:

(דף ז ע"ב) **ד אמר** רב נחמן אמר לי הונא בר נתן תנא מנין לברכת חתנים בעשרה שנא' (רות ד) ויקח (בועז) עשרה אנשים ור' אבהו אמר מהכא (תהלים סח) במקהלות ברכו אלהים ה' ממקור ישראל ורב נחמן בהאי קרא דר' אבהו מאי דריש ביה מיבעיא ליה לכדתניא היה ר"מ אומר מנין שאפי' עוברים שבמעי אמן אמרו שירה על הים שנאמר במקהלות ברכו אלהים ה' ממקור ישראל:

(דף ח) **ה רב** (אמי) [אסי] איקלע לבי רב אשי בהלוליה דבריה בריך שית לימא בהא קמיפלגי דמר סבר חדא יצירה הואי ומר סבר

ב'

שמחולקות זו מזו ואיך מחוברות יחד כל אחת ואחת למלאכה. קמיצה כיון שכל אחת יש לה צורך ואף בצרכי גבוה: זו זרת. מן הקטנה מודדין זרת של משכן: זו קמיצה. אצבע שאצל הקטנה מתחילין לקמוץ הוספה שלש אצבעות על פס ידו הקמיצה והאמה ואצבע וקומץ: זו אמה. מהגדולה מודדין אמת בנין ואמת כלים: זו אצבע. למתן דמים של חטאת דכתיב ביה באצבעו: זו גודל. לבהן יד דאהרן דמצורע: משופות. אגוייכדא"ש בלע"ז: אליה. בשר שבכוף האוזן: נכוים תחלה לאברים. רכות ודקות לכוות מכולם והכי נמי אמרינן במסכת ע"ז כאי נכרי דתדיר ייחא שרי למיכל אפילו מריש אודניה, אע"פ שממהר לבשל:

ממקור ישראל. על ברכת מקור צריך קהל והיינו עשרה כמו הקהל את העדה ואין קהל פחות מעדה ועדה עשרה כדילפינן מעדת מרגלים עד מתי לעדה הרעה יצאו יהושע וכלב:

בריך שית. יוצר האדם הוסיף: חדא יצירה הואי. כמ"ד בעירובין ויבן את הצלע פרצוף שמתחלה

---

גלייך צו טשוועקים: זאלין מיר זאגין ווייל זיי זענין אפ גיטיילט איינער פון אנדערין. יעדער פינגער איז בזונדער. יעדער פינגער איז דאך גימאכט גיווארין צו זיין זאך. ווארום דער תנא האט גיזאגט די קליינער פינגער הייסט זרת. דער אנדערער פינגער הייסט קמיצה. דער דריטער פינגער הייסט אמה. דער פערטער פינגער הייסט אצבע. דער גראבער פינגער הייסט גודל. נאר אזוי פרעגט רבי אלעזר פאר וואס זענין די פינגער שפיציג אזוי ווי טשוועקים. אז א מענטש הערט מען הייבט אן צו ריידין ניט גוטע רייד זאל ער אריין שטעקין די פינגער אין די אויערין ער זאל ניט הערין. דבי רבי ישמעאל האבען גילערנט פאר וואס איז דער אויער אין גאנצין הארט. און די אונטערשטע שטיקול איז ווייך. אז ער וועט הערין מען הייבט אן צוא ריידין ניט גוטע רייד זאל ער אריין בייגין די אונטערשטע שטיקול די ווייכע אין אויער. ער זאל ניט הערין: די רבנן האבען גילערנט א מענטש זאל ניט מאכען הערין ליידיגע רייד צו זיינע אויערין. ווייל זיי ווערין אפ געבריט פון די עבירה פריער וויא אלע גלידער:

ד אמר. רב נחמן האט גיזאגט הונא בר נתן האט מיר גיזאגט מיר האבין גילערנט פון וואנען ווייסין מיר אז בייא די ברכות פון חתן כלה דארף זיין צעהן מענטשין. ווארום עס שטייט אין פסוק בועז האט גינומען צעהן מענטשין. רבי אבהו זאגט פון דעם פסוק ווייסין מיר במקהלות ברכו אלהים ה' ממקור ישראל. ווען מען לויבט צו גאט ווענין דעם קוואל פון קינדער דאס איז אויף א חתונה. דארף זיין די לובונג בייא א פאר זאמלונג פון צעהן מענטשין: פרעגט די גמרא וואס דרשת רב נחמן מיט דעם פסוק וואס רבי אבהו האט גיברייגגט. זאגט די גמרא רב נחמן דארף דעם פסוק צוא דער זאך וואס מיר האבין גילערנט. רבי מאיר זאגט פון וואנען ווייסין מיר אז אפילו די קינדער וואס זענין גיוועזן בייא זייער מוטער אין בויך האבין גיזאגט שירה בייא דעם ים. ווארום עס שטייט אין פסוק פאר זאמלונג ווען דיא יודען זענין גיוועזן פארזאמעלט בייא דעם ים) האבין זיי גילויבט גאט. אפילו די קינדער וואס זענין גיוועזן אין מקור (אין בויך פון זייער מוטער) האבין אויך גילויבט גאט:

ה רב אסי איז גיוועזן בייא רב אשי אויף דער חתונה פון זיין זוהן. האט רב אסי גיזאגט זעקס ברכות. זאגט די גמרא וועלין מיר זאגין אז זיי קריגען אין דעם. דער וואס זאגט נאר

אין

ב' יצירות הוו לא דכ"ע חדא יצירה הואי מר סבר בתר מחשבה אזלינן ומר סבר בתר מעשה אזלינן. כי הא דרב יהודה רמי כתיב (בראשית א) ויברא אלהים את האדם בצלמו וכתיב (שם ה) זכר ונקבה בראם הא כיצד בתחלה עלה במחשבה לבראות שנים ולבסוף נברא אחד:

ז רבי חייא בר אבא מקרי בניה דריש לקיש הוה ואמרי לה מתני בריה דר"ל הוה שכיב ליה ינוקא יומא קמא לא אזיל לגביה למחר דבריה ליהודה בר נחמני מתורגמניה א"ל קום אימא מלתא כל קבל ינוקא פתח ואמר (דברים לב) וירא ה' וינאץ מכעס בניו ובנותיו דור שאבות מנאצין להקב"ה כועס על בניהם ועל בנותיהם ומתים כשהם קטנים וא"ד בחור הוה וה"ק ליה (ישעיה ט) על כן על בחוריו לא ישמח ה' ואת יתומיו ואת אלמנותיו לא ירחם כי כלו חנף ומרע וכל פה דובר נבלה בכל זאת לא שב אפו ועוד ידו נטויה מאי ועוד ידו נטויה אמר רב חנן בר רב הכל יודעין כלה למה נכנסה לחופה אלא כל המנבל פיו ומוציא

בריותו נבראה ב' פרצופין זכר מלפניו ונקבה מאחוריו: ב' יצירות. כמ"ד זכר היה יתמה נבראת כאשה והרי כאן ב' יצירות: בתר מחשבה אזלינן. שב' עלו במחשבה ליבראות ונבראה אחד בעבור וכן בפ' עובין פסין:
אמר ליה. למתורגמניה: כל קביל ינוקא. לנגד המאורע דברים הגונים על מיתת הילד:
וירא ה'. מה עשו אבות: וינאץ מכעס. שהכעיסוהו וגרמו לו לפקוד על בניהם ובנותיהם: ואית דאמרי. לא תינוק היה המת אלא בחור היה וכך קרא אמר על כן על בחוריו וגו': של ע' כנה. ועוד דריש כמו ועוד עולמו של אדם נטויה והפכת מטוב לרע: אלא לנחומי לצורי קא מצער ליה. בתמיה מוכית על

איין מאהל יוצר האדם האלט אז עס איז נאר געווען איין באשאפונג: אדם מיט חוה זענען באשאפן געווארן ביידע מיט איין מאהל. איין מענטש מיט צוויי פענימער. פון פארינט איין זכר אונ פון אינטען א נקבה. אונ דר וואס זאגט צוויי מאהל יוצר האדם האלט עס איז געווען צוויי באשאפונגען. פריער איז באשאפן געווארן אדם אליין אונ פון איהם איז באשאפן געווארן חוה: זאגט די גמרא ניין. מען קען זאגען אלע האלטען עס איז נאר געווען איין באשאפונג. נאהר דער וואס זאגט צוויי מאהל יוצר האדם האלט אז מיר גייען נאך דעם וויא גאט האט געטראכט צו טאהן: אונ גאט האט געוואלט באשאפן אדם באזונדער אונ חוה באזונדער. אונ דער וואס זאגט נאר איין מאהל יוצר האדם האלט אז מיר גייען נאך דעם וויא גאט האט באשאפן. ביידע איין באשאפונג. אזוי וויא רב יהודה האט געפרעגט אין איין פסוק שטייט גאט האט באשאפן דעם מענטש אין זיין פארעם. איז נאר איינער באשאפן געווארן. אונ עס שטייט אין איין אנדער פסוק גאט האט באשאפן איין זכר מיט א נקבה צו זאמען מיט איין מאהל. נאר אזוי איז געווען אין אנהייב האט גאט געטראכט צו באשאפן צוויי מיט איין מאהל: דער נאך איז נאר באשאפן געווארן איינער. אדם אליין:

ז רבי חייא בר אבא האט געלערנט תנ"ך מיט דעם קינד פון ריש לקיש. אנדערע זאגען רבי חייא האט געלערנט משניות מיט דעם קינד פון ריש לקיש. איז ביי רבי חייא געשטארבען א קינד. דעם ערשטען טאג איז ריש לקיש ניט געגאנגען צו רבי חייא מנחם אבל זיין: אויף מארגען האט ריש לקיש מיט גינומען זיין מתורגמן יהודה בר נחמני אונ זענען גיקומען צו רבי חייא איהם מנחם אבל זיין. האט ריש לקיש געזאגט צו יהודה בר נחמני זאג עפעס געגען דאס שטארבען פון דעם קינד. האט יהודה געזאגט עס שטייט אין פסוק גאט האט געזעהן האט ער געצערנט פון דעם כעס פון זיינע זיהן אונ זיינע טעכטער. אז די עלטערן דער צערענען גאט ווערט גאט אין כעס אויף זייערע זיהן אונ אויף זייערע טעכטער אונ זיי שטארבען ווען זיי זענען נאך קליין: אנדערע זאגען ניט א קינד איז געשטארבען ביי רבי חייא נאר א בחור איז געשטארבען אונ אזוי האט יהודה בר נחמני געזאגט. עס שטייט אין פסוק דריבער וועט זיך גאט ניט פרייען אויף זיינע יונגע לייט אונ אויף זיינע יתומים אונ אויף זיינע אלמנות וועט ער ניט רחמנות האבען. ווייל אלע זענען פאלש אונ שלעכט אונ אלע מיילער ריידען מיאוסה רייד. אונ מיט דעם אלעם האט זיך נאך זיין כעס ניט צוריק געקערט. אונ זיין האנט איז גענייגט נאך שלעכטס צו טאהן. פר וואס האט רב חנן בר רב געזאגט אלע ווייסען צו וואס א כלה גייט צו דער חופה. נאר דער וואס פאר מיאוסת

ומוציא דבר נבלה מפיו אפי' נחתם לו גזר דינו של ע' שנה לטובה נהפך עליו לרעה. אתא לנחומי צעורי קא מצער ליה. ה"ק ליה חשיב את לאתפוסי אדרא. א"ל קום אימא מלתא כנגד שבחו של הקב"ה פתח ואמר האל הגדול ברוב גודלו אדיר וחזק ברוב נוראות מחיה מתים במאמרו עושה גדולות עד אין חקר ונפלאות עד אין מספר בא"י מחיה המתים. א"ל קום

על פיו בשביל פום אמר כמה : חשיב את לאתפוסי אדרא. חשוב אתה למצוה להופכך זאת כניך כעון סדור דק"ל בזמן שהצדיקים בדור צדיקים נתפסין על הדור שנאמר ובמקדשי תחלו : האל הגדול ברוב גדלו. בברוך פתח בה ברוך אתה ה' המ"ה האל הגדול וכו' : אחינו (המנוגעים) [המיוגעין] מ'. בברכה המוכפת להברכה היא וכן כדורות על הסדר : באבל הזה תנו לבבכם לחקור זאת בזאת עומדת לעד. שבכל מסים ולא הבכו יהא מדאי:

אימא מלתא כנגד אבלים פתח ואמר אחינו (המנוגעין) [המיוגעין] והמדוכאין באבל הזה תנו לבבכם לחקור את זאת זאת היא עומדת לעד נתיב הוא מששת ימי בראשית רבים שתו רבים ישתו כבשתה ראשונים כך משתה אחרונים אחינו בעל נחמות ינחם אתכם ברוך מנחם אבלים אמר אביי רבים שתו לימא רבים ישתו לא לימא משתה ראשונים לימא משתה אחרונים לא לימא דא"ר שמעון בן לקיש וכן תנא משמיה דר' יוסי לעולם אל יפתח אדם פיו לשטן אמר רב יוסף מאי קראה (ישעיה א) כסדום היינו לעמורה דמינו מאי אהדר ליה (שם) שמעו דבר ה' קציני סדום וגו'. א"ל קום אימא מלתא כנגד מנחמי אבלים

---

מיאוסט זיין מויל אונ רעט מיאוסה רייד. אפילו עס איז אויף איהם געחתמט געווארן אז איהם זאל גוט זיין די גאנצע זיבעציג יאהר. ווערט דאס פארקערט אויף איהם צו שלעכטין. פרעגט די גמרא יהודה איז געקומען צו רבי חייא ער זאל איהם טרייסטען. גיט ער איהם נאך מער צער. ער זאגט איהם אז פאר זיינע עבירות איז זיין זוהן געשטארבען. ענטפערט די גמרא אזוי האט געזאגט יהודה בר נחמני. דיא עבירות ווען געשטא ביי דיר נאר ביי אנדערע מענטשען. נאר דוא אונ דיין זוהן ווענט איהר געשטראפט געווארען פאר אנדערע מענטשען: ווייל איהר זענט צדיקים אונ די צדיקים ווערען געשטראפט פאר די רשעים. דער נאך האט ריש לקיש געזאגט צו יהודה בר נחמני זאג עפעס געגען די לויב פון גאט. האט יהודה אנגיהייבען צו זאגין. ער איז אגאט וואס ער איז גרויס מיט זיין פיל גרויסקייט. ער איז שטארק מיט פיל פארכטיגקייט. ער מאכט לעבעדיג די טויטע מיט זיין זאג. ער טוהט גרויסקייט ביז אן אפארשטונג. ער טוהט וואנדער ביז אן אצאהל. געלויבט ביסטו גאט וואס דו מאכסט לעבעדיג די טויטע. דער נאך האט ריש לקיש געזאגט צוא יהודה בר נחמני זאג עפעס געגען דיא אבלים. האט יהודה אן געהויבין צוא זאגין. אונזערע ברידער וואס זענין אפ געמאטערט אונ צוא שטויסין אין דעם טרויערקייט גיט אייערע הערצער איהר זאלט נאך פארשטין די זאך. דאס איז אזאך וואס שטייט אויף אייביג. דיא וועג איז פון דער צייט וואס די וועלט איז בשאפין געווארין. פיל האבין שוין געטרונקען. פיל וועלן טרינקען: אזוי ווי די ערשטע האבין געטרונקען: וועלין די לעצטע טרינקען. דריבער דארפט איהר ניט וויינען צו פיל. אונזערע ברידער. גאט וואס ער איז דער בעל הבית פון אלע טרייסטונג זאל אייך טרייסטען. געלויבט איז גאט וואס ער טרייסט דיא טרויעריגע. אביי זאגט פיל האבין געטרונקען מעג מען זאגין. פיל וועלין טרינקען זאל מען ניט זאגין: דיא ערשטע האבין געטרונקען מעג מען זאגין. דיא לעצטע ווערין אויך טרינקען זאל ער ניט זאגין. ווארום רבי שמעון בן לקיש האט געזאגט אונ אזוי האט מען געלערנט פון רבי יוסים ווען אמענטש זאל ניט עפענען זיין מויל צום שטן. אמענטש זאל ניט רעדין שלעכץ אויף זיך אליין. ווארום דער שטן וועט זאגין פאר גאט דער מענטש פארלאנגט מען זאל אים געבין שלעכץ פאר וואס זאל מען אים דאס ניט געבין. רב יוסף האט געזאגט דאס ווייסין מיר פון פסוק דער נביא האט געזאגט מיר זענען געווארין חיא סדום מיר זענען גליך צוא עמורה. וואס האט מען געענטפערט צום נביא. הערט דיא רייד פון גאט איר גרויסע לייט פון סדום אונ איר פאלק פון עמורה: דער נאך האט געזאגט ריש לקיש צו יהודה בר נחמני זאג עפעס געגען דיא מענטשין

אבלים פתח ואמר אחינו גומלי חסדים בני גומלי חסדים המחזיקים בבריתו של אברהם אבינו (שנאמר (בראשית יח) כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו וגו') אחינו בעל הגמול ישלם לכם גמולכם ברוך אתה משלם הגמול, א"ל קום אימא מלתא כנגד כל ישראל פתח ואמר רבון העולמים פדה והצל מלט והושע עמך ישראל מן הדבר ומן החרב ומן הביזה ומן השדפון ומן הירקון ומכל מיני פורעניות המתרגשות ובאות בעולם טרם נקרא ואתה תענה ברוך אתה עוצר המגפה:

ז **תניא** בראשונה היתה הוצאת המת קשה לקרוביו יותר ממיתתו עד שהיו מניחין אותו ובורחין עד שבא ר"ג ונהג קלות בעצמו והוציאוהו בכלי פשתן ונהגו כל העם אחריו להוציא בבלי פשתן א"ר פפא והאידנא נהוג עלמא אפי' בצרדא בר זוזא:

(דף ס) ח **אמר** רב שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן (ע"ב) כל היוצא למלחמת בית דוד גט כריתות כותב לאשתו דכתיב (ש"א יז) ואת אחיך תפקוד לשלום ואת

משקה לאבלים ליתא. משקה לאבלים אתא: בבריתו של אברהם. בגמל חסדים דכתיב ויטע אשל בבאר שבע ר"ת אכילה שתיה לויה: הוצאת המת. שהיו קוברים אותו בכלים יקרים כגון שיראין וסריקין: בצרדא בר זוזא. בגד קנבוס שאינו שוה אלא דינר: גט כריתות כותב לאשתו. שאם ימות במלחמה יצא גט מיום כתיבתו: דכתיב. במלחמת שאול ואת אחיך וגו' ודוד למד מישי אביו להנהיג שאף

---

מענטשין וואס זענען גיקומען טרייסטין דעם אבל. האט יהודה אנגיהויבין צו זאגין. אונזערע ברידער וואס איר האט ליב צו טאהן חסד. אונ איר זענט קינדער פון אזעלכע עלטערין וואס האבין ליב גיהאט צו טאהן חסד זייא האלטין די מצות פון אברהם אבינו. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך האב ליב אברהם וויער ער וועט געביטען צוא זיינע קינדער אונ צו זיין הויז געזינד זייא זאלין היטען די וועג פון גאט צו טאהן צדקה אונ משפט. אונזערע ברידער. גאט וואס ער איז דער בעל הבית פון אלע טובות: זאל ער אייך בצאהלין פאר אייערע טובות. גלויבט ביזטו גאט וואס דוא בצאהלסט יעדער מענטש פאר זיין גוטהקייט. דער נאך האט גיזאגט ריש לקיש צו יהודה בר נחמני זאג עפעס געגין אלע יודין. האט יהודה אנגיהויבין צוא זאגין. גאט וואס דוא ביסט דער האר פון אלע העלטין ליין אויס אונ זייא מציל רעטע אונ העלף דיין פאלק ישראל פון אמגפה אונ פון שווערד אונ פון רויב אונ פון תבואה אוים קלאפונג. אונ די התבואה זאל ניט קאליע ווערין. אונ זאלסט זייא היטען פון אלע שלעכץ וואס עס שטורעמט אונ עס קומט אויף דער וועלט. איידער מיר וועלין רופין זאלסטו ענפערין. גלויבט ביסטו גאט וואס דו האלסט אויף עס זאל ניט קומען אמגפה:

ז תניא: מיר האבין גילערונט אין אנהייב איז גיוועזן דאס בגרעבענים פון מת ערגער בייא די משפחה וויא זיין שטארבין. וויל מען פלעגט בגראבין דעם כויטין אין טייערע קליידער. וואס עס האט גיקאסט פיל געלט. אונ די משפחה פלעגין לאזין ליגען דעם טויטען אונ פלעגין אנטלויפין. ביז רבן גמליאל איז גיקומען אונ האט גיזאגט פאר זיין טויט מען זאל אים בגראבין אין פראסטע ליינוואנדענע קליידער. נאך אים האט מען שוין אלע מענטשין בגראבין אין פראסטע ליינוואנדענע קליידער. רב פפא זאגט היינט פירט זיך די וועלט מען בגראבט אין אפראכטע קליידער אפילו זיא איז נאר ווערט איין גילדין:

ח אמר. רב שמואל בר נחמני האט גיזאגט פון רבי יונתן וועגין דער וואס איז גיגאנגען אין די מלחמה פון דוד המלך פלעגט ער פריער גטין זיין ווייב טאמער וועט ער שטארבין אין דער מלחמה. ער וועט גיהרגת ווערין אונ עס וועט ניט זיין קיין עדות אז ער איז גישטארבין וועט דאך זיין ווייב ניט קענען נעמען אמאן. וואורום עס שטייט אין פסוק בייא די מלחמה פון שאול האט ישי גיזאגט צו דוד דו זאלסט זעהן דעם פרידען פון דיינע ברידער אונ

ואת ערובתם תקח מאי ואת ערובתם תקח תני רב יוסף דברים המעורבים בינו לבינה :

**טמאי** אלמנה אמר רב חנא בגדתאה ע"ש מנה אלמנה מן האירוסין מאי איכא למימר איידי דהא קרי לה אלמנה הא נמי קרי לה אלמנה דכתיבא באורייתא מאי איכא למימר דעתידין רבנן דמתקני לה מנה ומי כתיב קרא לעתיד אין דכתיב (בראשית ב) ושם הנהר השלישי חדקל הוא ההולך קדמת אשור ותנא רב יוסף אשור זו סליקא ומי הואי אלא דעתידה ה"נ דעתידה :

י **ואמר** רב חנא בגדתאה מטר משקה מרוה ומזבל ומעדן וממשיך אמר רבא בר ישמעאל ואיתימא רב ייבר בר שלמיא מאי קראה (תהלים סה) תלמיה רוה נחת גדודיה

פיולתן למלחמותיו עושין כן : דברים המעורבין בינו לבינה . אלו קדושין : תקח . הטול מביניהם על ידי גט :

בגדתאה . דמן בגדת : על שם מנה . שהם נשאת משנתאלמנה אין לה כתובה אלא מנה :

דכתיבא באורייתא . ועדיין לא נתקנו כתובות: ומי כתיב קרא . לקרות על שם דבר העתיד : א סליקא . שם עיר : ומי הואי . בימים בבריאת עולם דכתיב ההולך וגו' :

מזבל . את הארץ: מעדן . מתקן עדשה ויין בפירות: תלמיה . של א"י : רוה נחת גדודיה .

אונ דוא זאלסט נעמען ערובתם . וואס מיינט מען ערובתם : האט רב יוסף גילערונט ישי האט גיזאגט צו דוד דו זאלסט נעמען פון דיינע ברידער דיא זאכין וואס פאר מישען דיינע ברידער מיט זייערע ווייבער . דאס מיינט מען דוא זאלסט נעמען פון דיינע ברידער דיא קידושין וואס זייא האבין מקדש גיוועזן זייערע ווייבער . וויא אזוי וועט ער צו נעמען דיא קידושין . ער וועט נעמען בייא זייא גטין פאר זייערע ווייבער . אונ ווייל דוד האט אזוי גילערונט פון זיין פאטער ישי דריבער האט דוד אן גיזאגט בייא זיינע מלחמות יעדער מענטש איידער ער וועט גיין אין דער מלחמה זאל ער געבין זיין ווייב אויף אתנאי . אויב ער וועט קומען צוריק איז זיא זיין ווייב . אונ אויב ער וועט גיהרגית ווערין אין דיא מלחמה זאל זיא זיין גיגט פון איצט :

**ט** מאי : פאר וואס רופט מען אשה וואס איר מאן איז גישטארבין אלמנה . האט רב חנא בגדתאה גיזאגט ווייל אז זיא וועט איצט חתונה האבין וועט זיין איר כתובה נאר מנה . הונדערט גילדין . פרעגט דיא גמרא א כלה וואס איר חתן איז גישטארבין פאר וואס רופט מען איר אלמנה . אז זיא וועט איצט נעמען א מאן וועט דאך זיין איר כתובה צוויא הונדערט גילדין . ענטפערט דיא גמרא ווייל מען רופט דיא וואס איהר מאן איז גישטארבין נאך דער חתונה אלמנה . רופט מען דיא כלה וואס איר חתן איז גישטארבין אויך אלמנה . פרעגט די גמרא פאר וואס שטייט אין דיא תורה דערווארט אלמנה אין דער צייט וואס דיא תורה איז גיגעבין גיווארין איז דאך נאך ניט גיוועזן קיין כתובה . ענטפערט דיא גמרא ווייל דיא תורה האט גיוואסט אז דיא רבנן וועלין מאכין א תקנה אז איר כתובה זאל זיין נאר הונדערט גילדין . פרעגט דיא גמרא שרייבט דען דיא תורה א נאמען אויף וואס עס וועט זיין . זאגט דיא גמרא יא . דיא תורה שרייבט אזוי . ווארום עס שטייט אין פסוק דער נאמען פון דעם דריטען טייך איז חדקל . ער גייט אין מזרח זייט פון אשור . אונ רב יוסף האט גילערונט אשור מיינט מען דיא שטאט סליקא . איז דען דיא שטאט סליקא גיוועזן גיבאהט ווען דיא וועלט איז באשאפען גיווארין . נאר די תורה רופט שוין דיא שטאט אשור דאס איז סליקא ווייל זיא וועט אמאל גיבאהט ווערין . אזוי דא רופט דיא תורה דיא ווייב וואס איר מאן איז גישטארבין אלמנה . ווייל א אלמנה וועט אמאהל נעמען כתובה הונדערט גילדין :

י ואמר . נאך האט גיזאגט רב חנא בגדתאה פאר וואס רופט מען רעגין מטר . ווייל משקה . דער רעגין טרינקט אן דיא ערד . אונ מרוה . ער באבט איר זאט . אונ מזבל . ער מיסט אויס דיא ערד . אונ מעדן . ער גיט א גישמאק אונ א שיינקייט אין דיא פירות . אונ ממשיך . ער ציהט ארויס דיא פירות פון דיא ערד : אונ פון בוים . רבא בר ישמעאל האט גיזאגט . אונ אנדערע זאגין רב ייבר בר שלמיה האט גיזאגט : דאס וויסען מיר פון דעם פסוק דוד המלך האט גיגעבן

אירע

גדודיה ברביבים תמוגגנה צמחה תברך. א"ר אלעזר מזבח מזיח ומזין מחבב ומכפר מכפר היינו מזיח מזיח גזירות ומכפר עונות:

יא וא"ר חנא בגדתאה תמרי משחנן משבען משלשלן מאשרן ולא מפנקן אמר רב אכל תמרים אל יורה מיתיבי תמרים שחרית וערבית יפות במנחה רעות בצהרים אין כמיתן ומבטלות שלש דברים מחשבה רעה וחולי מעים ותחתוניות מי אמרי' דלא מעלו עלויי מעלו ולפי שעתא טרדא מידי דהוה אחמרא דאמר מר השותה רביעית יין אל יורה ואב"א לא קשיא הא מקמי נהמא הא לבתר נהמא דאמר אביי אמרה לי אם תמרי מקמי נהמא כי נרגא לדקולא בתר נהמא כי עברא לדשא. דשא אמר רבא דרך שם. דרגא אמר רבא

כאשר ברביבים תמוגגנה רוה (כוה) [הרי] מבקש ומרוה: תמוגגנה. הרי מזבל: מעדן וממתיק. את הפירות נשקא מלנוחה תברך: מזיח. קא סלקא דעתיה מזיח עונות: מזין. בזכות הקרבנות העולם זון שהקרבנות באין מן המזון וגורמין לו ברכה: מחבב. את ישראל אל אביהם: היינו מזיח היינו מכפר. הי ניהו מזיח הי ניהו מכפר: מזיח גזרות. רעות מעל ישראל:
משחן. מהממן: משלשלן. שלשול: מאשרן. מחזיקות כח כמו אשרו חמוץ: ולא מפנקא. אינן מרבות אסטניסות על הלב וכלן לשבת: אל יורה. שום הוראה לפי שטורדות דעתו כשכור: שחרית וערבית יפות. כללא דמלתא לאחר אכילה יפות שחרית דרכן של בני אדם בפת שחרית כדאמ' בהשואל ערבית לאחר האכילה: במנחה רעות. שהן קודם אכילה לאחר שינת צהרים: בצהרים. לאחר הסעודה שאכל ושבע: אין כמותם. ומוכות יוהר מערבית לפי שאינו מעוכב ביום מליך לצרות לבית הכסא בכל עת שירצה אבל בלילה טורח הוא לו: מבטלות מחשבה רעה. דאגה לפי שמשמחות את הלב ומסירים שעת אורח ונהלה היא: כי עברא לדשא. מחזיקות

---

אירע בייטען מאך זאט מיט וואסער. בערוהיג דיא מענטשין. מיט דיא טראפין רעגין מאכסטו פייכט דיא ערד. דוא טוהסט בענטשין אירע שפראצונג. רבי אלעזר האט גזאגט מזבח מאכט מזיח. ער פאר רוקט דיא עבירות. מזין. ער שפייזט. אין דעם זכות פון קרבנות ווערט גישפייזט דיא וועלט. מחבב. ער מאכט ליב דיא יודין צו גאט. מכפר. מען איז מוחל דיא עבירות. פרעגט דיא גמרא מכפר איז דאך דאס זעלביגע וואס מזיח. מזיח איז דער טייטש ער טוהט אפ דיא עבירות. און מכפר איז דער טייטש ער טוהט אפ דיא עבירות. ענטפערט דיא גמרא מזיח מיינט מען ער שטויסט אפ שלעכטע גזרות פון יודין. און מכפר מיינט מען ער טוהט אפ דיא עבירות:

יא ואמר. נאך האט גיזאגט רב חנא בגדתאה טייטלען אז מען עסט. דער ווארעמען זיא דעם מענטש. און מאכען אים זאט. און זייא מאכען לויז דעם מאגען. און זיי שטארקין דעם מענטש. און זיי מאכען ניט קיין איידעלקייט אויף דאס הארץ. נאר דאס הארץ איז שטארק. רב האט גיזאגט אז מען האט גיגעסין טייטלען זאל מען ניט פסקנען אדין. ווייל טייטלען פאר מישען דעם שכל און ער ווערט אזוי וויא שכור. פרעגט דיא גמרא מיר האבען גילערונט אז מען עסט טייטלען אין דער פריא נאך דעם עסין און בייא נאכט נאך דעם עסין. איז גוט. פארין נאכט פאר דעם עסין אז מען עסט טייטלען איז שלעכט. אז מען עסט טייטלען אין מיטען טאג נאך דעם עסין איז גאר נישטא וויא גוט דאס איז. און דיא טייטלען שטערין דרייא זאכען. שלעכטע גידאנקין און זארג. און מאגען קראנקייט. און מארידען. ענטפערט דיא גמרא זאגין מיר דען אז טייטלען איז ניט גוט. טייטלין איז טאקי זייער גוט. נאר אז מען עסט פיל טייטלען מאכט דאס שכור דעם מענטש אויף אקורצע צייט. אזוי וויא ויין האט אויך דער רבי גזאגט אז מען טרינקט אקוואטירל ווין זאל מען ניט פסקנען אדין. פון דעסטוועגין איז ווין גאנץ גיזונד צום טרינקען. און אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין עס איז ניט קיין קשיא אז מען עסט טייטלען פאר דעם עסין פאר מישט דם דעם שכל. און אז מען עסט טייטלען נאך דעם עסין. פאר מישט ניט דעם שכל. ווארום אביי האט גזאגט מיין מוטער האט מיר גזאגט אז מען עסט טייטלען פאר דעם עסין איז דאס צו דיא גידערים אזוי וויא אהאק צו אבוים. און אז מען עסט טייטלען נאך דעם עסין שטארקט דאס דעם מענטש אזוי וויא דער ריגעל שטארקט דיא טיר. פאר וואס רופט מען אטיר דשא. האט רבא גזאגט דשא מיינט דרך שם. דורך דארט גייט מען אריין אין שטוב. פאר וואס רופט

מען

רבא דרך נג. פוריא אמר רב פפא שפרין ורבין עלית אמר רב נחמן בר יצחק (דף יא) אף אנו נאמר אילונית דוכרניתא דלא ילדה :

# האשה שנתארמלה פרק שני

(דף טז ע"ב) **א ת"ר** כיצד מרקדין לפני הכלה ב"ש אומרים כלה כמות שהיא ובית הלל אומרים כלה נאה וחסודה אמרו להם ב"ש לב"ה הרי שהיתה חגרת או סומא אומרים לה כלה נאה וחסודה והתורה אמרה (שמות כג) מדבר שקר תרחק אמרו להם ב"ה לב"ש לדבריכם מי שלקח מקח רע מן השוק ישבחנו בעיניו או יגננו בעיניו הוי אומר ישבחנו בעיניו מכאן אמרו חכמים לעולם תהא דעתו של אדם מעורבת עם הבריות כי אתא רב דימי אמר הכי משרי קמיה כלתא במערבא לא כחל ולא שרק ולא פירכוס ויעלת חן :

כי

מחזיקות את הגוף כבריה את הדלת : אף אנו נאמר. אף אנו נדרוש את השמות מה לשון איילונית שקראו חכמים לאשה שאינה ראויה לילד . דוכרניתא . לשון איל שמים דמתרגמינן דכר שלים שהרי היא כאיל שאינו מוליד :
כיצד מרקדין . מה אומרים לפניה : כמות שהיא . לפי יפיה ותשובתה מקלסין אותה : הסודה . חוט של חסד משוך עליה : מכאן אמרו . מדברי ב"ה שאמרו ישבחנה: תהא דעתו של אדם מעורבת עם הבריות . לעשות לאיש ואיש כרצונו : משרי . משוררים : לא כחל . אינה צריכה כחל : ולא שרק . צבע המאדים את הפנים : פירכוס . קליעות שער א לא כחלה ולא שרקה ולא פירכסה והרי היא יעלת חן : כל מן דין . כל כמות אלו הוו כוסכין לנו לקרות רבי ולמנוהן דיינים : כרניכון . מכלסי כלכות כהפוך טעמיהן : סרמיטין . ל' סמרטוטין : תמיסין . אומרים תמימות הטעם פורמיסין . לא אהפרים : ממתינה את . מנהמ"ד דנא דעמיה . נפיא בשמו : מדברנא . מנהיג : פריך מהייך לשלם . כרוך בואך לשלום : בולינא וסוארא . על שהיה קלסתר פניו מבהיק כדאמרינן בב"מ שופריה דר' אבהו מעין שופריה דרבי יוחנן דנפקו זיכרוני מניה כדמפרש התם :

---

מען שטיגען וטרעפ) דרגא . האט רבא גזאגט דרגא מאכט דרך נג . דורך דיא שטיגען וטרעפ גייט מען ארויף אויף דעם דאך . פאר וואס רופט מען אבער פוריא . האט רב פפא גזאגט וויל ווייבער ווערין מעוברת אויף דעם בעט אונ האבען קינדער אויף דעם בעט . רב נחמן בר יצחק האט גזאגט מיר וועלין אויך זאגין . אאשה וואס האט ניט קיין קינדער פאר וואס רופט מען איר אילונית . ווארום אילונית איז פון ווארט איל . אשעפס אזכר הייסט אויף לשון קודש איל . אונ די אשה וואס קען ניט האבען קינדער איז זיא וויא אשעפס אזכר :

## פרק שני

**א** תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערנט וואס זאגט מען ווען מען טאנצט פר אכלה . בית שמאי זאגין מען זאל אויף איר ניט זאגין ניט מער ניט וויניגער . נאר אזוי וויא זיא איז אזוי זאל מען איר לויבען . אונ בית הלל זאגין מען זאל איר לויבען אונ מען זאל זאגין זי איז אשיינע כלה אונ אפרומע . האבען בית שמאי גזאגט צו בית הלל אויב דיא כלה איז גיווען לאם והינקענדיגו אדער בלינד זאגט מען אויך אויף איר אז זיא איז שיין אונ פרום . דיא תורה האט דאך גזאגט מען זאל זיך דער ווייטערין פון צו זאגין אליגען ; האבין בית הלל גזאגט צו בית שמאי אז איינער האט גיקויפט אין גאס אשלעכטע זאך . זאל מען אים לויבען דיא זאך אדער מען זאל זיא שענדין ; געוויס וועט איר זאגין מען זאל דיא זאך לויבין פאר אים . ווארום ער האט דאך שוין די זאך גיקויפט . איז דאך שוין פאר פאלען ; נאך וואס זאל מען אים מצער זיין . איז דאך בעסער מען זאל דיא זאך לויבין ער זאל זיין פרייליך . דא ביא דיא כלה איז אויך אזוי ; עס איז דאך שוין נאך דיא קידושין אונ נאך דיא חופה ; עס איז דאך שוין פאר פאלען . נאך וואס זאל מען אים מצער זיין . איז דאך בעסער מען זאל זיא לויבין ער זאל זיין פרייליך . אונ ווענין אליגען איז אויך ניט אסור . ווארום פון שלום וועגין מעג מען זאגין אליגען . פון דאנען האבען דיא חכמים גזאגט אייביג זאל זיין אמענטש אוים געמישט מיט מענטשין ; ער זאל אלע מאהל טאהן דעם ווילען פון יעדער מענטש . אז רב דימי איז גיקומען האט ער גזאגט אזוי זינגט מען פאר אכלה אין ארץ ישראל . זיא האט ניט גיפארבט דיא אויגין . אונ זיא האט ניט גיפארבט דעם פנים . אונ זיא האט ניט גיפלאכטין דיא האר . אונ פון עסטוועגין

איז

ב כי סמכו רבנן לרבי זירא שרו ליה הכי לא כחל ולא שרק ולא פירכום ויעלת חן. כי סמכו רבנן לר' אמי ולר' אסי שרו להו הכי כל מן דין וכל מן דין סמוכו לנא ולא תסמכו לנא לא מן סרמיסין ולא מן סרמיטין ואמרי לה לא מן חמיסין ולא מן טורמיסין רבי אבהו כי הוה אתי ממתיבתא לבי קיסר נפקן אמהתא דבי קיסר לאפיה ושרו ליה הכי רבא דעמיה ומדברנא דאומתיה בוצינא דנהורא בריך מתייך לשלם:

ג אמרו עליו על ר' יהודה בר אלעאי שהיה נוטל בד של הדס ומרקד לפני הכלה ואומר כלה נאה וחסודה. רב שמואל בר יצחק מרקד אתלת א"ר זירא קא מכסיף לן סבא כי נח נפשיה אפסיק עמודא דנורא בין דידיה לכ"ע וגמירי דלא מפסיק עמודא דנורא

אתלת. שלשה בדין זורק אחד ומקבל אחד: מכסיף לן סבא. שמזלזל בכבוד ת"ת ונוהג קלות ראש בעצמו: בווניות לכלה. שוע של הדס

---

איז זי שיין :

ב כי: אז דיא רבנן האבען גימאכט רבי זירא פאר אדיין אונ אמורה הוראה. האט מען פאר אים אזוי געזונגען . ער האט ניט געפארבט דיא אויגען. אונ האט ניט געפארבט דעם פנים. אונ האט ניט גיפלאכטען די האר. אונ ער איז שיין. (ווייל עס איז געווען מענטשען וואס זענען געוועז רשעים אונ פאר דיא וועלט פלעגען זייא ווייזען אז זייא זענען צדיקים (דאס הייסט געפארבטע מענטשען. אונ זייא פלעגען גיין מיט גרויסע האר מען זאל מיינען זייא זענען נזירים. דריבער האט מען געזונגען פאר רבי זירא אז ער איז ניט געפארבט אונ איז ניט קיין נזיר. נאר ער האט חן פון זיין אמתע פרומקייט אונ פון זיין תורה לערנען) . אז דיא רבנן האבען גימאכט רבי אמי אונ רבי אסי פאר דיינים אונ מורה הוראות. האט מען פאר זייא אזוי געזונגען. אזעלכע מענטשען ווי זייא זענען מעג מען מאכי מאכען פאר דיינים אונ מורה הוראות. אונ איר זאלט ניט מאכען פאר דיינים ניט פון דיא מענטשען וואס פסקנען פאלשע דינים דורה דעם וואס דיא זאגען פאר קערטע פשטים (מיינונגען) אין דיא תורה. אונ איר זאלט ניט מאכען פאר דיינים ניט פון דיא מענטשען וואס זענען בעטלערס: טאמער וועלין זייא פסקנען פאלשע דינים ווייל מען וועט זייא געבין געלט. אונ זייא זענען גיוואוינט צו נעמען אומזיסטע געלט. אונ זיי ווייסען ניט צו פסקנען ווייל זייא האבען קיין מאהל ניט גיהאנדילט. אנדערע זאגען אזוי האט מען געזונגען. איר זאלט ניט מאכען קיין דיינים פון דיא מענטשען וואס ווילען ניט זאגען אטעם פאר די האבין אזוי גיפסקנת אז מען בעט זייא שטארק זייא זאלין זאגין דעם טעם: זאגין זייא אפינפטול טעם. אבער אין גאנצען ווילען זייא ניט זאגין. אונ דער דין איז אז מען פרעגט זייא אבין פאר וואס ער האט אזוי גיפסקנת. מוז ער זאגין. אונ איר זאלט ניט מאכען קיין דיינים פון אזעלכע מענטשען וואס זענען ניט אן גינומען אין שטאט. ווארום אבין באדף זיין אזוי א מענטש וואס אלע געבין אים כבוד אונ האבען פאר אים אונטערטעניגקייט. צוא פאלגין וואס ער זאגט. רבי אבהו אז ער פלעגט קומען פון דער ישיבה צום קיסר. פלעגין דיא דינסטען פון קיסר צוא אים ארויס גיין אנטקעגענין. אונ פלעגין אזוי זינגען. דא גייט דער גרעסטער פון זיין פאלק. אונ דער פירער פון זיין פאלק. דיא ליכטיגע ליכט. גילויבט זאל זיין גאט וואס ער האט דיך אהער גיבראכט צו פרידען:

ג אמרו. מען האט גזאגט אויף רבי יהודה בר אלעאי ער פלעגט נעמען א צווייג פון אהדס אונ פלעגט טאנצין פאר אכלה אויף דער חתונה אונ פלעגט זאגין דיא כלה איז שיין אונ פרום. רב שמואל בר יצחק פלעגט טאנצין אויף אחתונה מיט דריי הדסים. ער פלעגט איינם ווארפען אונ איינם כאפען. האט רבי זירא גזאגט אויף רב שמואל בר יצחק דער אלטער פאר שעמט אונז. עס פאסט ניט פאר אתלמיד חכם ער זאל אזוי טאנצין. אז רב שמואל בר יצחק איז געשטארבין איז אראפ גיקומען אפייערדיגער זייל אונ האט פאר שטעלט צווישען אים אונ אלע

מענטשען

דנורא אלא אי לחד בדרא או לתרי בדרא. א"ר זירא אהניא ליה שוטיתיה לסבא ואמרי לה שיטתיה לסבא ואמרי לה שטותיה לסבא. רב אחא מרכיב לה אכתפיה ומרקד אמרי ליה רבנן אנן מהו למעבד הכי אמר להו אי דמיא עלייכו ככשורא לחיי ואי לא לא. א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן מותר להסתכל בפני כלה כל שבעה כדי לחבבה על בעלה ולית הלכתא כוות ה:

ד ת"ר מעבירין את המת מלפני הכלה וזה וזה מלפני מלך ישראל. אמרו עליו על אגריפס המלך שעבר מלפני הכלה ושבחוהו חכמים שבחוהו מכלל דשפיר עביד והא אמר רב אשי אפי' למ"ד נשיא שמחל על כבודו כבודו מחול מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול דאמר מר (דברים יז) שום תשים עליך מלך שתהא אימתו עליך. פרשת דרכים הואי.

ת"ר

ומרקד בו: שוטתיה: שוטא ומנהגו: שטותיה. בסיס מתנהג כשוטה: מרכיב לה אכתפיה. את הכלה: ככשורא כקורה בעלמא שאין אנו מהרהרין עליה: להתכלה. כשרואה שהכל מסתכלין בה נכנס יפיה בלבו:

מעבירין כשהכלה יוצאה: מבית אביה לבית החופה ונושאי המת יוצאין בזו ובזו אוכלוסין הרבה ואין רוצין להתערב מעבירין את המת (ואפילו) דרך אחרת: אפילו למ"ד. פלוגתא בפ"ק דקדושין: שום תשים עליך. ישראל הוזהרו שישימו עליהם שימות הרבה כלו' שתהא אימתו עליהם מלך אין כבודו מחול שלפיכך ריבה הכתוב שימות הרבה: פרשת דרכים [הואי] ולא ניכר שעבר מלפניה אלא כאלו הוא צריך לפנות לאותו הדרך:

---

מענטשין. אונ מיר האבען געלערונט אז אפייערדיגער זייל קומט נאר אראפ פון וועגן אזו אמענטש וואס ער איז נאר איינער אויף דער וועלט. אדער עס איז נאר דא צוויי אויף דער וועלט. ער אונ נאך איינער. האט רבי זירא גזאגט דער הדם וואס דער אלטער הט מיט אים גטאנצט. האט אים געהאלפען. צוא אזוי אכבוד. אנדערע זאגין אזוי האט רבי זירא גיזאגט דער פירוש פון דעם אלטען האט אים גיהאלפין צו אזוי אכבוד: אנדערע זאגין אזוי האט רבי זירא גזאגט דיא נארעשקייט פון דעם אלטען וואס ער האט זיך גימאכט אזוי וויא אנאר צוא טאנצין אוף חתונות. האט איהם גיהאלפען צו אזוי אכבוד. רב אחא פלעגט נעמען דיא כלה אויף זיינע אקסלען אונ פלעגט מיט איר טאנצין. האבען דיא רבנן גזאגט צו רב אחא מעגין מיר אויך אזוי טאהן. האט רב אחא צוא זייא גזאגט אויב עס וועט ביי אייך גלייך זיין אזוי וויא איר וואלט גיהאלטין אבעליק אויף דיא פלייצעס. מעגט איר אזוי טאהן. אונ אויב ניט. איר וועט עפעס טראכטין פון דיא כלה. טארט איר ניט טאנצין מיט דיא כלה: רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין דיא ערשטע זיבען טעג נאך דער חתונה מעג מען קוקען אויף דיא כלה. ווארום אז דער מאן וועט זעהן אלע קוקען אויף איר: וועט ער מיינען אז זיא גיפעלט אלע מענטשין. אונ אלע זענין אים מקנא. וועט ער זיא ליב האבען: זאגט די גמרא אבער דער דין איז ניט אזוי. אויף אאשת איש טאר מען ניט קוקען:

ד תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט אויב פון איין שטוב איז מען ארויס גיגאנגען מיט אכלה אונ מען פירט איר צוא דער חופה. אונ פון איין אנדער שטוב איז מען ארויס גיגאנגען מיט אמת צו בגראבין איהם. זאלין דיא מענטשין מיט דעם מת אוועק גיין אין איין אנדער גאס: אונ די כלה זאל גיין גלייך איהר וועג. אונ דר מת מיט די כלה מוזין אפ טרעטין די וועג פאר אמלך: מען האט גיזאגט אויף אגריפס אז ער האט אפ גיטרעטין די וועג פאר אכלה: האבין איהם די חכמים גילויבט: פרעגט די גמרא אז די חכמים האבין איהם גילויבט. מוז זיין אז ער האט גוט גיטאהן. רב אשי האט דאך גיזאגט אפילו דער וואס זאגט אז אנשיא האט מוחל גיוועזן אויף זיין כבוד איז זיין כבוד גישיינקט. דארף מען איהם ניט געבין כבוד: אבער אז אמלך האט מוחל גיוועזן אויף זיין כבוד: איז זיין כבוד ניט גישיינקט. ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט טאהן אויף דיר אמלך: די מורא פון מלך זאל זיין אויף דיר. האט דאך דער מלך אגריפס ניט גוט גיטאהן וואס ער האט אפ גיטרעטין דעם וועג פאר די כלה. ווארום אז מען האט גיזעהן ער איז מוחל זיין כבוד וועט מען פאר איהם ניט מורא האבין. ענטפערט דיא גמרא דער ארט ווא אגריפס האט זיך גיטראפין מיט די כלה: האבין זיך דארט צו שיידט צוויא וועגין: אז

אגריפס

ה"ר מבטלין ת"ת להוצאת המת ולהכנסת כלה. אמרו עליו על ר' יהודה בר אלעאי שהיה מבטל ת"ת להוצאת המת ולהכנסת כלה בד"א כשאין עמו כל צרכו אבל יש עמו כל צרכו אין מבטלי וכמה כל צרכו אמר רב שמואל בר אוניא משמיה דרב תריסר אלפי גברי ושיתא אלפי שיפורא ואכרי לה תריסר אלפי גברי ומנייהו שיתא אלפי שיפורי עולא אמר כגון דחייצי גברי מאבולא ועד סיכרא רב ששת ואיתימא ר' יוחנן אמר נטילתה כנתינתה מה נתינתה בס' רבוא אף נטילתה בס' רבוא וה"מ למאן דקרי ותני (שם ע"ב) אבל למאן דמתני לית ליה שיעורא:

שיפורי. מכריזין על מיתתו לכבודו: דחייצי גברי מאבולא לסיכרא. משער העיר הבית עד הקבר: נטילה זה של תורה. מה: נתינתה. בסיני נטילתה כינו כשמת ותלמודו בטל: למאן דקרי. מקרא ותני. משנה אבל עדיין לא שנה לתלמידים: אבל למאן דמתני. לאחרים: לית ליה שיעורא. ומזילא במתניתין דלמאן דלא קרי ולא תני אין מבטלין אם יש לו מתעסקין כדי קבורה נמצאת בשלשות דרב אחאי מצאתי כן:

אפוטרופוס. מכר נכסים בידו להכניס ולהוציא לכתובה: ה"ז לא יצא לתרות. ולא

(דף כח) **ה** אריב"ל אסור לאדם שילמד את עבדו תורה ולא והתניא לוה הימנו רבו או שעשאו רבו (שם ע"ב) אפוטרופוס או שהניח תפלין לפני רבו או שקרא ג' פסוקים

---

אגריפס איז צוועק גיגאנגען מיט איין אנדער וועג אונ די כלה מיט איין אנדער וועג; דאס קיינער גיט גיוואוסט וואס אגריפס מיינט: מענטשן האבין גיזאגט אז אגריפס דארף פארן אין יענער וועג. נאר די חכמים האבין גיוואוסט אז ער האט אין יענע וועג ניט גידארפט פארן. ער האט נאר אפ גיטרעטען דעם וועג פאר די כלה ד. יבער האבין. ויא אים גילויבט. די רבנן האבין גילערונט מען זאל ניט לערנען תורה אונ מען זאל גיין צו אלויה פון אמת: אדער צו פירען אכלה צו דער חופה. מען האט גיזאגט אויף רבי יהודה בר אלעאי אז ער פלעגט אוועק לייגען תורה לערנען אונ פלעגט גיין צוא אלויה פון אמת אדער צו פירען אכלה צוא דער חופה. זאגט די גמרא ווען דארף מען אוועק לייגין תורה לערנען אונ גיין צו אלויה פון אמת. אז ביא דער לויה איז ניטא אזוי פיל מענטשן וויא עס דארפין זיין. אבער אז עס איז יא דא ביא דער לויה אזוי פיל מענטשן וויא עס דארף זיין. זאל מען ניט אוועק לייגין תורה לערנען. וויא פיל מענטשן דארפין זיין ביא אלויה. האט רב שמואל בר אוניא גיזאגט פון רבס וועגין צוועלף טויזענד מענטשן אן שופרות. אונ זעקס טויזענד מענטשין מיט שופרות. צו זאמען איז אכטצעהן טויזענד מענטשין. וויא זאלין בלאזין שיפר נאך מענטשין ואלין קומען: אנדערע זאגין אין גאנצען דארף נאר זיין צוועלף טויזענד מענטשין. זעקס טויזענד מענטשין אן שופרות אונ זעקס טויזענד מענטשין מיט שופרות. עולא זאגט עס דארף זיין אזוי פיל מענטשין. ויא זאלין פאר נעמען פון טויער פון שטאט ביז צום קבר. רב ששת זאגט אונ אנדערע זאגין רבי יוחנן האט גיזאגט ביא דעם צו נעמען די תורה דארף זיין אזוי פיל מענטשין וויא עס איז גיוועזן ווען די תורה איז גיגעבין גיווארין: וואו איזד שטארבט ווערט דאך צו גינומען פון אים זיין תורה וואס ער האט גילערונט. אזוי וויא ווען די תורה איז גיגעבין גיווארין. וועגען דאך גישטאנען זעקס מאהל הונדערט טויזענד מענטשין: אזוי ווען ויא ווערט צו גינומען דארף אויך זיין דער ביא זעקס מאהל הונדערט טויזענד מענטשין. דאס איז נאר ביא דער לויה פון אזוי אמענטש וואס האט ג לערנט תנ"ך אונ משניות. אבער מיט תלמידים האט ער ניט גילערנט. אבער דער וואס האט גילערנט מיט תלמידים איז נאר ניטא קיין שיעור וויא פיל מענטשין עס דארפין זיין ביא זיין לויה:

**ה** אמר. רבי יהושע בן לוי האט גיזאגט אמענטש טאר ניט לערנען תורה מיט זיין גוישען קנעכט. פרעגט די גמרא מיר האבין דאך גילערנט אז אבעל הבית האט גיבארגט געלט ביא זיין גוישען קנעכט. אדער דער בעל הבית האט גיגעבין דעם גוישען קנעכט געלט אדער כתובה ער זאל האנדלען. אדער ער האט גילייגט תפלין אונ דער בעל הבית האט גיזעהן אונ האט גשוויגען. אדער ער האט גילייענט אין שוהל אין אספר תורה דריא פסוקים

פסוקים בב"ה ה"ז לא יצא להירות התם דאיקרי עבד מדעתו כי קאמרינן דנהיג ביה מנהג בנים :

ו מאי קצצה דת"ר כיצד קצצה אחד מן האחין שנשא אשה שאינה הוגנת לו באין בני משפחה ומביאין חבית מלאה פירות ושוברין אותה באמצע רחבה ואומרים אחינו בית ישראל שמעו אחינו פלוני נשא אשה שאינה הוגנת לו ומתייראין אנו שלא יתערב זרעו בזרענו בואו וקחו לכם דוגמא לדורות שלא יתערב זרעו בזרענו וזו היא קצצה שהתינוק נאמן להעיד עליה :

ורין אי לאו דשהרריה לא הוה יזיף מידים ולא הוה שביק ליה לנהוג מנהג בן חורין וה"מ דיש עבד בלומד תורה : דוגמא. אות וסי' זכרון לדורות הבאים : [את יוה"כ כשבת. לפטור המדליק את גדיש ביוה"כ כאילו הדליק בשבת : מה שבת. שהוא מיתת ב"ד פטור מן התשלומין וכו' : אף יוה"כ. שהוא בכרת חייב נפש הוא זה ופטור מן התשלומין] : אסון בידי אדם. ולא יהיה אסון דמשמעי במיתת ב"ד למימר דהיכא דליכא מיתת ב"ד משלם דמי ולדות : אסון בידי שמים. וקרבו

אסון

# אלו נערות פרק שלישי

(דף ל) א ותניא ר' נחוניא בן הקנה היה עושה את יום הכפורים כשבת לתשלומין מה שבת מתחייב בנפשו ופטור מן התשלומין אף יה"כ מתחייב בנפשו ופטור מן התשלומין מ"ט דר' נחוניא בן הקנה] אמר אביי נאמר (שמות כא) אסון בידי אדם ונאמר (בראשית מב) אסון בידי שמים מה אסון האמור בידי אדם

פטור

---

פסוקים. אונ דער בעל הבית ווייסט אז ער האט גילייענט אונ ער האט געשוויגען. איז דער קנעכט נאך ניט פרייא. ווען מיר דאך אז אנוישער קנעכט מעג לערנען תורה. ענפערט דיא גמרא אז דער קנעכט אליין לערונט תורה. דארף מען אים ניט שעררין: נאר דער בעל הבית זאל פירען מיט דעם קנעכט אזוי וויא ער פירט מיט זיינע קינדער. ער זאל אים שיקען אין חדר לערנען תורה בייא אמלמד. דאס טאר מען ניט :

ו מאי. וואס איז קצצה. דיא רבנן האבין גילערונט וויא אזוי איז קצצה ואזכר פון אפסולה משפחה הייסט קוצץ. אונ אנקבה פון אפסולה משפחה הייסט קצצהו. אויב איינער פון דיא ברידער האט גינומען אווייב וואס עס פאסט ניט פאר אים ער זאל זיא נעמען. קומען דיא פאמיליע אונ ברייגען אפאס פול מיט פירות אונ זייא צוא ברעכין דיא פאס אין מיטען גאס ואונ קינדער קומען אונ חאפין דיא פירות. אונ זייא זאגין יודין ברידער אונזערע הערט וואס מיר וועלין אייך זאגין: אונזער ברודער וואס ער הייסט מיט דעם נאמען האט ער גינומען אווייב וואס עס פאסט ניט פאר אים ער זאל זיא נעמען. הי בין מיר מורא טאמער וועט צו מישט ווערין זיינע קינדער מיט אונזערע קינדער. קומט אונ נעמט אייך אסימן אונ אצייכען איר זאלט גידיינקען אן צו זאגין אייערע קינדער אונ קינדערס קינדער עס זאל ניט צו מישט ווערין זיינע קינדער מיט אונזערע קינדער. דאס הייסט קצצה. אונ אקינד איז אויך בנאמן עדות צוא זאגין אויף דיא קינדער אז זיי זענין פסול. מיט דעם צייכן אז ער הט גיחאפט פירות פון די פאס. ווען מען הט אויף זיי אויס גירופען אז זיי זענין פסול :

## פרק שלישי

א תניא. מיר האבין גילערונט רבי נחוניא בן הקנה האט גיזאגט אז יום כפור איז אזוי ווי שבת צום בצאהלונג: אזוי וויא אז איינער צינדט אן דעם חברס שטוב: קומט אידם מיתת בית דין דארפין אידם הרגנין דארף ער ניט בצאהלין פאר די שטוב. אזוי אז איינער צינדט אן דעם חברס שטוב אום יום כפור. וייל אידם קומט כרת דארף ער ניט בצאהלין. פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייס רבי נחוניא אז יום כפור איז גלייך צו שבת. אז מען איז מחלל שבת הרגנין אידם בית דין. אונ אז מען איז מחלל יום כפור הרגנת אידם נאט. אונ דיא מיתה פון בית דין איז שווערער ווי די מיתה וואס גאט הרגנת אידם: האט אביי גיזאגט עס שטייט אין

פסוק

פטור מתשלומין אף אסון האמור בידי שמים פטור מתשלומין. מתקיף לה רב אדא בר אהבה כמאי רבי קא מזהר להו יעקב לבניו על צנים פחים דבידי שמים נינהו דלמא על אריא וגנבי דבידי אדם נינהו אטו יעקב אדא אזהר אהא לא אזהר יעקב על כל מילי אזהר. וצנים פחים בידי שמים נינהו והא תניא הכל בידי שמים חוץ מצנים פחים שנאמר (משלי כב) צנים פחים בדרך עקש שומר נפשו ירחק מהם ותו אריא וגנבי בידי אדם נינהו והא אמר רב יוסף וכן תני ר' חייא מיום שחרב בית המקדש אע"פ שבטלו סנהדרין ד' מיתות לא בטלו הא בטלו להו אלא (ע"ג) דין ארבע מיתות לא בטלו. מי שנתחייב סקילה או נופל מן הגג או חיה דורסתו ומי שנתחייב

אסון: צנים פחים. קור וחום: בידי שמים. לא בהיה פורעניות על האדם גזירת מלך הוא: חוץ מצנים פחים. שפעמים שבאים בפשיעה: פחים. פחה: בידי אדם נינהו. שלא מגזירת המלך: דין ארבע מיתות. שוגם דוגמתן: נופל מן הגג. דומה לנסקל שדוחפין אותו מבית הסקילה לארץ וגנוס שהי קוגות היה כדתנינן בנגמר הדין: חיה דורסתו. הריה מפילו לארץ והורגו בדריסה: מגם

פסוק דער ווארט אסון ווא בית דין דארפין הרגנין. עס שטייט ולא יהיה אסון. אז עס וועט ניט זיין קיין אסון (קיין מארד) דארף מען בצאהלין. אבער אז עס וואלט יא זיין אמארד וואלטין בית דין איהם גיהרגת. אונ ער וואלט ניט דארפין בצאהלין. אונ עס שטייט דער ווארט אסון ווא גאט הרגת. עס שטייט יעקב האט גיזאגט צו זיינע קינדער וקרהו אסון. עס וועט אים טרעפין אמארד. פון גאט. אזוי ווי דער אסון (דער מארד) וואס ער ווערט גיטאהן דורך בית דין אז בית דין הרגנין אים. דארף ער ניט בצאהלין. אזוי דער (אסון דער) מארד וואס ער ווערט גיטאהן דורך גאט דארף מען אויך ניט בצאהלין. האט רב אדא בר אהבה גיפרעגט פון וואנען וייסין מיר אז יעקב האט גיזאגט צו די קינדער וקרהו אסון. עס וועט איהם טרעפען אמארד. האט ער גימיינט פון קעלט אדער פון היץ וואס דאס איז פון גאט. טאמער האט ער גימיינט אמארד פון אלייב אדער פון גנבים. וואס דער מארד איז פון מענטשין. ענפערט דיא גמרא האט דען יעקב מורא גיהאט טאמער וועט אים טרעפין אמארד נאר פון אלייב אדער פון גנבים. אונ פאר אמארד פון קעלט אדער פון היץ האט ער ניט מורא גיהאט. יעקב האט דאך אויף אלץ מורא גיהאט. טאמער וועט איהם טרעפין צמארד פון קעלט אדער פון היץ אדער פון אלייב אדער פון גנבים אדער נאך פון אנדערע זאכין. פרעגט דיא גמרא אז אמענטש ווערט קראנק פון קעלט אדער פון היץ איז די שטראף גיקומען פון גאט: מיר האבין דאך גילערונט אלע קראנקהייט וואס עס קומט אויף אמענטשין איז אגזרה פון גאט. נאר דיא קראנקהייט פון קעלט אדער פון היץ קען זיין דאס האט דער מענטש אליין אויף זיך גיבריינגט אן אגזרה פון גאט. צוא וואס איז ער גיגאנגען נאקעט אויף דיא קעלט. אדער צוא וואס איז ער גיגאנגען ווען דיא זוהן האט גיברענט: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק קעלט אונ היץ איז נאר דא אין דיא וועג פון דעם פאר קרימטען מענטש וואס ער היט זיך ניט. אבער דער וואס וויל זיך היטען קען ער זיך דער ווייטערין פון קעלט אונ פון היץ. נאך אקשיא איז אלייב פאלט ארויף אויף אמענטשין. אדער גנבים בעגנבנן אמענטשין דער שטראף איז ניט אגזרה פון גאט. נאר דער מענטש אליין האט זיך דאס גיטאהן. רב יוסף האט דאך גזאגט אונ אזוי האט רבי חייא גילערונט פון דער צייט וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארין אונ דיא סנהדרין זענין בטל גיווארין: פון דעכטוועגין דיא פיר ערליי מיתות וסקילה שרפה הרג חנק זענין ניט בטל גיווארין. פרעגט דיא גמרא זייא זענין דאך יא בטל גיווארין. בית דין הרגנין דאך היינט ניט. נאר מען מיינט דער משפט פון דיא פיר ערליי מיתות איז ניט בטל גיווארין. בית דין הרגנן אים נישט. נאר אז איינער האט גיטאהן אעבירה וואס עס קומט אויף איר איינע פון דיא פיר מיתות. שטראפט אים גאט ביט אזוי אטויט וואס עס איז גלייך צו דעם טויט וואס בית דין וואלט אים גידארפט הרגנן: דער מענטש וואס בית דין וואלט אים גיהרגת מיט סקילה. אדער ער פאלט אראפ פון אדאך. אדער אחיה צו טרעט אים אונ הרגת אים. אונ דער מענטש וואס

מל ש׳ : וגלגים שולפו : סרונכי . לסכרס וסוא (כו״ן) [כגרון] מלנ״ט :

ונ.מ״ס מכל דבר רע . וכל מקום שנאמר השמר פן ואל אינו אלא לא תעשה : לכדר׳ פנחס . במס׳ ע״ז : שלא יהרהר וכו׳ . דסמיך ליה כי יהיה בך איש וגו׳ : רך לוה . ורכיל לשון רך לי תהיה : שנה שלמורה בתורה . כאן נאמרה עונת תשמיש ולקמן הכן אימתי הוא עונה :

שנתחייב שריפה או נופל בדליקה או נחש מכישו ומי שנתחייב הריגה לסטין באין עליו ומי שנתחייב חנק או טובע בנהר או מת בסרונכי אלא איפוך אריא וגנבי בידי שמים צנים ופחים בידי אדם :

## נערה פרק רביעי

(דף מו) **א אזהרה** למוציא שם רע מנא לן ר׳ אלעזר אמר (ויקרא יט) מלא תלך רכיל רבי נתן אמר (דברים כג) מונשמרת מכל דבר רע ור״א מ״ט לא אמר מהאי ההוא מיבעי׳ ליה לכדר׳ פנחס בן יאיר ונשמרת מכל דבר רע מכאן א״ר פנחס בן יאיר אל יהרהר אדם ביום ויבא לידי טומאה בלילה ור׳ נתן מ״ט לא אמר מהאי ההוא אזהרה לב״ד שלא יהיה רך לזה וקשה לזה :

(דף מז ע״ב) **תניא** (שמות כא) שארה אלו מזונות וכה״א (מיכה ג) ואשר אכלו שאר עמי כסותה כמשמעה עונתה זו עונה האמורה בתורה וכה״א (בראשית לא) אם

תענה

---

בית דין וואלט אים פאר ברענט . אדער ער פאלט אריין אין אפייער ; אדער אשלאנג בייסט אים : אונ דער גיפט פון שלאנג פאר ברענט אים אינוויניג . אונ דער מענטש וואס בית דין וואלט אים גיהרגת מיט אשווערד . אדער ער ווערט פאר זינדיגט צום מלך . האקט מען אים אפ דעם קאפ מיט אשווערד . אדער גזלנים קומען אויף אים אונ הרגנן אים מיט אשווערד ; אונ דער מענטש וואס בית דין וואלט אים דער ווארגין . אדער ער ווערט דער טרונקען אין אטייך . אדער ער שטארבט מיט אסכרה . ער ווערט דער ווארגין אין האלדז . זעהן מיר דאך אז אתה וואס הרגת אמענטשין ; אונ וואס גזלנים קומען אויף אמענטשין . איז אגזרה פון גאט . אונ דער מענטש קען זיך ניט פאר היטען פון דיא גזרה . ענפערט דיא גמרא מען דארף זאגין פאר קערט . אליב אונ גנבים איז אגזרה פון גאט ; קעלט אונ היץ איז ביי דעם מענטש אין האנט . אז דער מענטש וויל קען ער זיך פאר היטען פון קעלט אונ היץ זייא זאלין אים ניט שאדען טאן :

## פרק רביעי

**א** אזהרה ; וואו האט דיא תורה פאר זאגט מען זאל ניט אויס ציהען אשלעכטין נאמען אויף אמענטשין . רבי אלעזר זאגט עס שטייט אין פסוק מען זאל ניט גיין אויס זעהן אין פרעמדע שטובין . מען זאל ניט האבין צו זאגין אויף יענעם שלעכטע רייד . רבי נתן זאגט עס שטייט אין פסוק ונשמרת מכל דבר רע . דוא זאלסט דיך היטען אפילו פון שרעכטע רייד ; דוא זאלסט אויף קיינעם ניט ריידין קיין שלעכטס . פרעגט דיא גמרא פאר וואס זאגט ניט רבי אלעזר פון דעם פסוק ונשמרת מכל דבר רע . זאגט דיא גמרא דעם פסוק דארף רבי אלעזר אויף איין אנדער זאך אזוי וויא רבי פנחס בן יאיר האט גזאגט . ונשמרת מכל דבר רע . דוא זאלסט דיך היטען פון אשלעכטע זאך . אמענטש זאל ניט טראכטען פון זנות ביי טאג . ווארום ער וועט זעהן קרי ביי נאכט . פרעגט דיא גמרא אונ פר וואס זאגט ניט רבי נתן פון דעם פסוק לא תלך רכיל . ענפערט דיא גמרא דער פסוק קומט אן צו זאגין בית דין אז צוויי מענטשין קומען האבין אדין תורה זאל דער דיין ניט ריידען מיט איינעם ווייכע אונ גוטע רייד אונ מיט דעם אנדערין הארטע אונ שלעכטע רייד . נאר ער זאל ריידין מיטביידע גלייכע רייד :

**ב** תניא ; מיר האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק אמאן דארף געבין צוא זיין ווייב שארה כסותה ועונתה . שארה איז שפייז אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואשר אכלו שאר עמי . זייא האבען גיגעסין דיא שפייז פון מיין פאלק . כסותה איז קליידונג . עונתה מיינט מען

תשמיש

תענה את הנותי ר' אלעזר אומר שארה זו עונה וכה"א (ויקרא יח) איש איש אל כל שאר בשרו לא תקרבו לגלות ערוה כסותה כמשמעה עונתה אלו מזונות וכה"א (דברים ח) ויענך וירעיבך:

(דף מט ע"ב) **ג** כי הוו אתו לקמיה דרב יהודה אמר להו יארוד ילדה ואבני מתא שדיא

כי הוו אתו לקמיה דרב הסדא אמר להו כפו ליה אסותא בצבורא וליקום ולימא עורבא בעי בני והאוא גברא לא בעי בני ועורבא בעי בני והכתיב (תהלים קמז) לבני עורב אשר יקראו ל"ק הא בחיורי הא באוכמי:

(דף נ) **ד** א"ר אילעא באושא התקינו המבזבז אל יבזבז יותר מחומש תנ"ה המבזבז אל יבזבז יותר מחומש שמא יצטרך לבריות ומעשה באחד שבקש לבזבז [יותר מחומש] ולא הניח לו חברו ומנו ר' ישבב ואמרי לה ר' ישבב ולא הניח לו חברו ומנו

כי הוו אתו. אנשים שאין להם בנים קטנים): יארוד. הנה מעון תנים מתרגמינן מדור יארודין והוא אכזרי על בניו: יארוד ילדה וכו'. שהוא מוליד תולדותיו ומטיל על בני העיר פרנסתו: כפו ליה אסותא. כפו מכתשת על פיה ויעמוד זה על גבי שולים בגובה שישמעו קולו ויכריז על עצמו שהוא רע מן העורבים דעורבא בעי בני והוא גברא לא בעי בני ואית דמפרשים ש"ץ יעמוד עליו ויאמר כן על אותו האיש: לבני עורב אשר יקראו. אלמא לא זיין להו: אוכמי. כשגדל משחיר והאם והאב אוכזין אותם אבל מתחלתם לבנים ומואסים אותם:
המבזבז. לעניים: מחומש. שמכנסיו שלא יצטרך

---

תשמיש: דער מאן דארף בועל זיין דאס ווייב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לבן האט גזאגט צוא יעקב אם תענה את בנותי. אויב דוא וועסט פייניגען מיינע טעכטער. דוא וועסט זייא ניט בועל זיין אזוי וויא א מאן דארף בועל זיין דאס ווייב זיינע: רבי אלעזר זאגט שארה מיינט מען תשמיש. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איש איש אל כל שאר בשרו לא תקרבו לגלות ערוה. א מענטש זאל ניט גיין צו זיינע אפייגענע ער זאל מיט איר מזנה זיין. כסותה מיינט מען קליידונג: עונתה מיינט מען שפייז. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויענך וירעיבך. ער האט דיך געשפייזט אונ האט דיך געהונגערט:

**ג** כי. דיא מענטשין וואס האבין ניט געוואלט שפייזין זייערע קליינע קינדער אז זייא פלעגין קומען פאר רב יהודה. האט רב יהודה צוא זייא גזאגט דער שלאנג האט געבארין קינדער אונ ער ווארפט זייא אויף דיא שטאט מענטשין זייא זאלין שפייזין זיינע קינדער. אז די מענטשין וואס האבען ניט געוואלט שפייזין זייערע קליינע קינדער פלעגין קומען פאר רב חסדא. האט רב חסדא געזאגט צו זיינע בדינטע נעמט א הילצענעם שטוים אונ שטעלט אים מיט דעם דעק אראפ צווישען פיל מענטשין אונ דער מענטש זאל שטיין אויף דעם דעק פון שטוים אין די הויך אלע זאלין הערין וואס ער וועט זאגין. אונ אזוי זאל ער זאגין די קראה וויל שפייזין אירע קינדער. אונ איך וויל ניט שפייזין מיינע קינדער. פרעגט די גמרא אונ די קראהען ווילען שפייזין זייערע קינדער. עס שטייט דאך אין פסוק לבני עורב אשר יקראו. דיא קינדער פון די קראהען וואס זייא רופען צוא גאט ער זאל זייא שפייזין. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. דיא קראה אליין איז שווארץ אונ דיא קינדער זייערע ווען זייא ווערין געבאהרין זענין זייא ווייס. גלויבט ניט דיא מוטער אז דאס איז אירע קינדער וויל זיא זייא ניט שפייזין. רופען זיי צו גאט ער זאל זיי שפייזין. דער נאך אז זיי ווערין עלטער אונ ווערין שווארץ האט דיא מוטער אונ דער פאטער ליב די קינדער אונ שפייזין זייא:

**ד** אמר. רבי אילעא האט געזאגט דיא חכמים וואס זענין געווען אין דיא שטאט אושא האבין געזאגט דער וואס וויל געבין פיל צדקה. זאל ער ניט געבין מער וויא אפינפטעל פאר מעגין: זאגט דיא גמרא מיר האבען אויך אזוי געלערנט. דער וואס וויל געבין פיל צדקה. זאל ער ניט געבין מער וויא אפינפטעל פאר מעגין. מאמער וועט ער ארעם ווערין אונ וועט דארפין אליין נעמען צדקה. עס האט אמאהל געטראפען איינער האט געוואלט צוא טיילען מער וויא אפינפטעל פאר מעגין אויף צדקה. האט אים זיין חבר ניט געלאזט. דער חבר איז געווען רבי ישבב. אנדערע זאגין רבי ישבב האט געוואלט צוא טיילען מער וויא אפינפטעל פאר מעגין אויף

וכנו ר"ע א"ר נחמן ואיתימא ר' אחא בר יעקב מאי קראה (בראשית כח) וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך והא לא דמי עישורא בתרא לעישורא קמא אמר רב אשי אעשרנו לבתרא כי קמא:

**ה נאמר** רב יצחק באושא התקינו שיהא אדם מתגלגל עם בנו עד י"ב שנה מכאן ואילך יורד עמו לחייו איני והא"ל רב לרב שמואל בר שילת בציר מבר שית לא תקבל בר שית קביל וספי ליה כתורא אין ספי ליה כתורא מיהו אינו יורד עמו לחייו עד לאחר י"ב שנה ואבע"א לא קשיא הא למקרא הא למשנה ד] אמר אביי אמרה לי אם בר שית למקרא בר עשר למשנה בר תליסר לתעניתא מעת לעת ובתינוקת

לגריות : מבר אעשרנו . ב' עישורין הוו להו חומש : והא לא דמי בתרא לקמא . דכי עשרה קמא הוו להו ט' וכי פרח מדליה מעשר דידהו הוי כי קמא היה והיינו חומש בשניהן : אעשרנו. ותלמוד כתיב עשר אעשר לך ב"ק העשרנו (גרסינן) [סרסינן] כלו' מעשר בבי י"א כראשון : [מתגלגל אם מסרב מללמוד יגלגל עמו בנחת ובדברים רכים : יורד עמו לחייו . לרדותו בשוטו ובחוסר לחם : רב שמואל בר שילת . מלמד תינוקות היה : וספי ליה כתורא . כלומר טהו תורה כשור שאתה מלעיטו ואוכלו מאכלו] : לתעניתא מעת לעת . להתענות כל היום . והוא כח להתענות

---

אויף צדקה . דאס איז זיין חבר ניט גילאזט . דער חבר איז געוועזן רבי עקיבא . רב נחמן האט גיזאגט אנדערע זאגין רב אחא בר יעקב האט גיזאגט דאס ווייזען מיר פון דעם פסוק יעקב האט גיזאגט צו גאט ווען דו וועסט מיר געבין עשר אעשרנו לך . וועל איך פון דעם גיבען צוויי צענטלען דאס איז אפינפטל אונ וועל געבין צו גאט . פרעגט די גמרא דער אנדערער צענטיל איז דאך ניט גלייך צום ערשטין צענטיל . למשל אז איינער האט הונדערט גילדין אונ ער גיבט אראפ אצענטיל . דאס איז צעהן גילדין : בלייבט ניינציג גילדין . אז ער גיבט אצענטיל פון די ניינציג גילדין . דאס איז ניין גילדין . איז דאך דער אנדערער צענטיל ווייניגער ווי דער ערשטער צענטיל . די ביידע צענטלען צו זאמען איז ניינצעהן גילדין . איז דאך נאך ניט קיין פינפטיל פון הונדערט גילדין . ווארום אפינפטיל פון הונדערט גילדין איז צוואנציג גילדין . האט רב אשי גיזאגט ווייל עס שטייט ניט עשר אעשר . נאר עס שטייט עשר אעשרנו האט יעקב גימיינט דער אנדערער צענטיל וועט זיין אזוי ווי דער ערשטער . למשל ער וועט צוא טיילען הונדערט גילדין אויף צעהן טייל . צעהן מאהל צעהן . פון דעם וועט ער נעמען איין מאהל צעהן אונ נאך אמאהל צעהן :

ה אמר . רב יצחק האט גיזאגט דיא חכמים וואס זענין גיוועזן אין די שטאט אושא האבין גיזאגט אז אמענטש זאל ציהען זיין קינד מיט גוטע רייד ער זאל לערנען אונ פרום זיין . ביז דער קינד ווערט אלט צוועלף יאהר . נאך צוועלף יאהר אז דער קינד וויל ניט פאלגין . זאל דער פאטער גיין מיט אים אויף זיין לעבין . ער זאל אים שלאגין אונ זאל אים ניט געבין עסין ביז ער וועט גוט ווערין . פרעגט די גמרא רב האט דאך גיזאגט צוא רב שמואל בר שילת ווער איז גיוועזן אמלמד אקינד וואס איז אלט ווייניגער ווי זעקס יאהר זאלסטו ניט נעמען אין חדר . אקינד וואס איז שוין אלט זעקס יאהר זאלסטו אים נעמען אין חדר אונ זאלסט אים אריין שטאפין דאס לערנען אזוי ווי מען שטאפט אין אאקס דאס עסין . אונ אקינד וויל דאך ניט לערנען מוז מען דאך אים שלאגין . זעהן מיר דאך אז פאר צוועלף יאהר שלאגט מען אויך אקינד . ענטפערט די גמרא מען דארף טאקי אין אים שטאפין דס לערנען אזוי ווי מען שטאפט אין אאקס דאס עסין . נאר ניט מיט שלאגין . נאר מיט גוטען . ביז נאך צוועלף יאהר . נאך צוועלף יאהר אז ער פאלגט ניט זאל מען אים שלאגין . אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין עס איז ניט קיין קשיא . אקינד וואס איז אלטער ווי זעקס יאהר זאל מען אין אים שטאפין תורה נביאים כתובים . אויף דעם דארף מען דעם קינד ניט שלאגין . ווארום דער קינד וויל וויסען די דער ציילונגען לערנט ער דאס גערין . נאר צוא משניות לערנען דארף מען אים שוין שלאגין . ווארום דאס איז שווערע זאכין וויל זיך דער קינד ניט מאטערין . אונ אביי האט גיזאגט מיין מוטער האט מיר גיזאגט אקינד וואס איז אלט זעקס יאהר זאל מען

יבתינוקת בר תליסר אמר אביי א"ל אם האי בר שית דטרקא ליה עקרבא ביומא דמישלם שית לא חיי מאי אסותיה מרירתא דדיה חיורתא בשיכרא נישפייה ונישקיה. האי בר שתא דטריק ליה זיבורא ביומא דמישלם שתא לא חיי מאי אסותיה אצוותא דדיקלא במיא נישפייה ונישקיה. אמר רב קטינא כל המכניס בנו פחות מבן ו' רץ אחריו ואינו מגיעו א"ד חבריו רצין אחריו ואין מגיעים אותו ותרוייהו איתנהו חליש ונמיר איבעית אימא הא דכחיש הא דבריא:

(תהלים קו) ו אשרי שומרי משפט עושה צדקה בכל עת וכי אפשר לעשות צדקה בכל עת דרשו רבותינו שביבנה ואמרי לה ר' אליעזר זה הזן בניו ובנותיו כשהם קטנים. רבי שמואל בר נחמני אמר זה המגדל יתום

מקודש לכן שנים כדאמרינן ביומא: ובתינוקת שהיא ממהר' להביא בת בחינה מהאת כמה כת"ש והכתי כרי דקאמר שנת י"ב גופא קאמר דהוי בת י"ב ויום אחד דאורייתא היא שמביאה ב' שערות ובת עונבין ואין צריך לנו ללמוד ממניקתו של אביי: לא חיי אם לא ברפואה בדוקה: מרירתא דדיה. מרה של דיה שקורין וובו"ל: נישפייה ונישקיה. המשחנו והשקנו ממנו בכבל: אצוותא דדיקלא. כיס שגדל סביב דקל קומר כעין וזליר"א שסוכך את ען הגפן: המכנים את בנו. לת"ת: רץ אחריו. לשברותו ולפתותו: ואין מגיעו. מסוק הוא לשום מרוב הולו: חבריו רצין אחריו. להיות זקחין בתורה כמותו: הא דכתיש. לא יכניסם שמתוך הוא פן יתלם וימות: דבריא. יכניסם לפי שמהספק: זה הזן בניו ובנותיו כשהם קטנים. שמגדל יתום אולב הם פלו והיא לדקה שאין עלו חיוב כנס

---

מיט אים לערנען תורה נביאים כתובים: אונ אז ער איז אלט צעהן יאהר זאל מען מיט אים לערנען משניות: אז ער איז אלט דרייצעהן יאהר דארף ער שוין פאסטען אגאנצען טאג. אונ אמיידיל אז זיא איז אלט צוועלף יאהר דארף זיא שוין פאסטען אגאנצין טאג. אביי דט זאגט מיין מיטער האט מיר גזאגט אויב אעגדיש האט אבים גיטאן אקינד פון זעקס יאהר. אין דעם לעצטין טאג פון די זעקס יאהר. וועט ער ניט לעבין. נאר מיט וואס קען מען אים דאך גיזונד מאכין. מען זאל נעמען די גאל פון דעם ווייסין פויגיל דיה. אונ מען זאל דיא גאל אויס מישען מיט ביר אונ מען זאל דעם קינד בשמירען מיט דיא ביד: אונ מען זאל אים געבין טרינקען דיא ביר. וועט ער גיזונד ווערין. אויב אבין האט אבים גיטאהן אקינד פון איין יאהר. אין דעם לעצטין טאג פון יאהר וועט ער ניט לעבין. נאר מיט וואס קען מען אים דאך געזונד מאכין. מען זאל נעמען דיא קארע פון אטייטיל בוים אונ מען זאל ווייקן אין וואסער. אונ מען זאל דעם קינד בשמירען מיט דיא וואסער. אונ מען זאל אים געבין טרינקען דיא וואסער. וועט ער גיזונד ווערין. רב קטינא האט גזאגט דער וואס ברייננט זיין זוהן אין חדר צוא לערנען תורה פאר זעקס יאהר. וועט ער לויפין נאך אים אונ וועט אים ניט דער האלטין דאס מיינט מען אפילו ער וועט אים געבין דאס בעסטע צוא עסין: פון דעסטוועגין וועט ער אים ניט דער האלטין ביא דעם לעבין. נאר ער וועט שטארבין פון שוואכקייט. אנדערע זאגין אזוי האט רב קטינא גזאגט צוא זיינע חברים וואס האבין אן גיהויבין צוא לערנען נאך זעקס יאהרן וועלין אים נאך יאגין אין לערנען זייא זאלין קענען אזוי גוט לערנען וויא ער אונ וועלין אים ניט דער יאגין. ער וועט קענען בעסער וויא זייא. אונ ביידע זאגין ווערט ביי אים זיין. ער וועט זיין שוואך אונ וועט קענען גוט לערנען. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין אזוי זאל אמענטש טאן. אויב דם קינד איז שוואך זאל ער אים ניט ברייננען אין חדר צוא תורה לערנען. ווארום ער איז אין אסכנה טאמער וועט ער שוואך ווערין אונ וועט שטארבין. אונ אויב דם קינד איז געזונד זאל ער אים יא ברייננען אין חדר צו תורה לערנען. ווארום ער וועט זיין אגרויסער חכם אין דער תורה:

ו אשרי. דוד המלך האט גיזאגט וואהל צו דעם מענטש וואס ער היט צו טאן משפט אונ ער טוהט צדקה צו יעדער צייט. פרעגט די גמרא קען מען דען טאהן צדקה צוא יעדער צייט. האבין דיא רבנן פון יבנה גידרשת. אנדערע זאגין רבי אליעזר האט גיזאגט דער וואס שפייזט זיינע קליינע קינדער וויהן אונ טעכטערו איז גלייך וויא ער וואלט גיגעבין צדקה. אונ די צדקה איז דאך צו יעדער צייט. ווארום ער שפייזט דאך זיי טאג אונ נאכט. רבי שמואל

בר

יתום ויתומה בתוך ביתו ומשיאן (סס קיב) הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד רב הונא ורב חסדא חד אמר זה הלומד תורה ומלמדה וחד אמר זה הכותב תורה נביאים וכתובים ומשאילן לאחרים. (תהלים קכח) וראה בנים לבניך שלום על ישראל א"ר יהושע בן לוי כיון שבנים לבניך שלום על ישראל דלא אתו לידי חליצה ויבום ר' שמואל בר נחמני אמר כיון שבנים לבניך שלום על דייני ישראל דלא אתו לאנצויי:

(דף נא ע"ב) ז ת"ר שבויי מלכות הרי הן כשבויין גנובי ליסטות אינן כשבויין

ורס: הון ועושר בביתו. שאין הממון כלה ואעפ"כ צדקתו עומדת לעד: זה הלומד תורה ומלמדה. מתקיימת בו הרי הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד על שטרח ללמדה לתלמידים: זה הכותב כו'. הספרים קיימים לו שאינם כלים וצדקתו עומדת לעד: לאינצויי. מי קרוב וקודם לנחלה: שבויי מלכות. נשים ששבה המלך לתשמיש: הרי הן כשבויין. ומותרין לבעליהן כדתנן ואהדרינך לי לאינתו: במלכות אחשורוש. הן כשבויין לפי שמלך גדול הוא ויודעת שלא ישאנה ובעילתה באונס: בן נצר. ליסטים היה ולכד עיירות ומלך עליהן ונעשה ראש לסטים ובדידיה תנן שבויי מלכות אינן כשבויין ואסורות לבעליהן דסברה מינסיב נסיב לה ונבעלת ברצון: ליסטות אליסטות וכו': בבן נצר אסורות כדאמרן דסברה מינסיב

והתניא איפכא מלכות אמלכות לא קשיא הא במלכות אחשורוש הא במלכות בן נצר ליסטות אליסטות לא קשיא הא בבן נצר הא בליסטות דעלמא ובן נצר התם קרי ליה

---

בר נחמני זאגט דער וואס האדעוועט ביי זיך אין שטוב איתום אונ איתומה אונ ער מאכט זיי חתונה. דער טוהט צדקה צו יעדער צייט. ווארום ער שפייזט דאך זיי טאג אונ נאכט. עס שטייט אין פסוק אין זיין שטוב וועט זיין רייכקייט ופון דעסט וועגין וועט דער זכות פון זיין פרומקייט שטיין אויף אייביג. רב הונא אונ רב חסדא קריגען: איינער זאגט דאס מיינט מען דער וואס לערנט תורה פאר זיך אונ ער לערנט תורה מיט אנדערע: אונ איינער זאגט דאס מיינט מען דער וואס שרייבט תורה נביאים כתובים אונ ער פאר בארגט זיי צו אנדערע ודער וואס האט ספרים אונ ער פאר בארגט צו מענטשין מען זאל אין זייא לערנין. עס שטייט אין פסוק דו וועסט זעהן קינדער ביי דיינע קינדער פריד אויף דיא יודין. האט רבי יהושע בן לוי גיזאגט אז דיינע קינדער וועלין האבין קינדער וועט זיין פרידען ביי יודין: דיא ווייבער וועלין ניט דארפין נעמען חליצה אונ מען וועט זיי ניט דארפין מיבם זיין. רבי שמואל בר נחמני זאגט אז דיינע קינדער וועלין האבין קינדער וועט זיין פרידען ביי דיא יודישע דיינים מען וועט ניט האבין קיין קריג וועגין ירושה:

ז תנו רבנן. די רבנן האבין גילערנט דיא ווייבער וואס דער מלך האט זייא גיפאנגען ער זאל מיט זיי מזנה זיין. זענין זיי ווי גיפאנגען ביי איין אנדערין. אונ זיי זענין ניט מזנה מיט דעם גוטען ווילען. דריבער אז זיי קומען צוריק צום מאן מעג דער מאן מיט זיי וואוהנען: אבער די ווייבער וואס גזלנים האבין זייא גיגנבת פון זייערע מאנען. זענין זייא ניט ווייא גיפאנגען. ווארום זיי זענין מזנה מיט דעם גזלן מיט דעם גוטען ווילען. טארין שוין ניט די מאנען וואוהנען מיט זיי. פרעגט די גמרא מיר האבין דאך גילערנט פאר קערט די ווייבער וואס דער מלך האט זיי גיפאנגען זענין אסור צום מאן. אונ די ווייבער וואס גזלנים האבין זיי גיפאנגען זענין מותר צום מאן. ענטפערט די גמרא פון אמלך אויף אמלך איז ניט קיין קשיא: די ווייבער וואס זענין גיפאנגען גיווארין צו אזוי אמלך ווי אחשורוש איז גיוועז. צו אגרויסען מלך. וואס די אשה ווייס אז דער מלך וועט איהר ניט נעמען פאר אווייב: ער וועט נאר מיט איהר מזנה זיין אונ וועט איהר אוועק לאזין אהיים. די אשה איז ניט מזנה מיט איהר גוטען ווילען: דריבער מעג דער מאן מיט איהר וואוהנען: אבער דיא ווייבער וואס דער מלך בן נצר האט גיפאנגען. וויל ער איז גיוועזן אפראסטער מענטש. דריבער האט יעדער אשה גימיינט אז ער וועט איהר נעמען פאר אווייב. האבין זיי מיט איהם מזנה גיוועזן מיט דעם גוטען ווילען. דריבער זענין זייא שוין אסור גיווארין צוא זייערע מאנען. פון גזלנים אויף גזלנים איז ניט קיין קשיא. דיא ווייבער וואס דער גזלן בן נצר האט גיפאנגען. וויל ער איז גיוועזן אמלך אונ אפראסטער. ניט קיין יחסן.

דריבער

ליה מלך והכא קרי ליה ליסטים אין גבי אחשורוש ליסטים הוא גבי ליסטים דעלמא מלך הוא;

(דף נג) ח א"ל שמואל לרב יהודה שיננא לא תיהוי בעבורי אחסנתא אפי' מברא בישא לברא טבא דלא ידיע מאי זרעא נפיק מיניה וכ"ש מברא לברתא:

נסיב לה וקרי ליה מלך: ליסטים דעלמא. אפילו לקיחה בלא קדין לא נפיק אינה אלא אנסה: לגבי אחשורוש ליסטים הוא. הילכך מתניתין קמייתא דמיירי במלכות אחשורוש קרי לבן נצר גנובי לסטות ובתרייתא דתני איפכא דגנובי לסטות איירי בליסטים דעלמא קרי לבן נצר שנויי מלכות: לתכשיטי אשה. שיקנה לה תכשיטין להתנאות בהן שיעדן את זוגו אשקלו"ל בלע"ז: לפרקה. ימי העבורים:

## אף על פי פרק חמישי

(דף נט) א משנה ואלו מלאכות שהאשה עושה לבעלה טוחנת וכו' ומניקה את בנה וכו'): גמ' מתני' דלא כר' חייא דתני ר' חייא אין אשה אלא ליופי אין אשה אלא לבנים ותני ר' חייא אין אשה אלא לתכשיטי אשה ותני ר' חייא הרוצה שיעדן את אשתו ילבישנה כלי פשתן הרוצה שילבין את בתו יאכילנה אפרוחים וישקנה חלב סמוך לפרקה:

כל זמן שמכירה. אין שיעור לדבר אלא כדריקה כדבר הלוי אם אנו רואין שמכירה כוסה ומניקה. נסבר [ולא נירשה]: [כבית דאתאי. גמרה

(דף ס) ב ומניקה את בנה וכו' אמר שמואל כל זמן שמכירה. תהיא דאתאי לקמיה

---

דריבער האט יעדער אשה גימיינט אז ער וועט איהר געמען פאר אווייב · אונ די ווייבער האבין געוואלט אז ער זאל מיט זיי חתונה האבין · ווייל ער איז געוועזן א מלך אויך · דריבער האבין זיא מיט איהם מזנה געוועזן מיט דעם גוטען ווילען · ווענין זיי שוין אסור געווארין צו זייערע מאנען אבער אפראסטער גזלן אז ער פאנגט אווייב · וואס די אשה וויל גאר ניט ער זאל מיט איהר חתונה האבין · איז זיא ניט מזנה מיט איהם מיט דעם גוטען ווילען · דריבער מעג זיא וואוהנען מיט איהר מאן · פרעגט די גמרא פריער רופט מען בן נצר מלך אונ איצט רופט מען איהם גזלן ענטפערט די גמרא ביי אחשורוש הייסט בן נצר אגזלן · אונ ביא גזלנים הייסט בן נצר אמלך :

ח אמר · שמואל האט געזאגט צוא רב יהודה רוא זאלסט ניט צו נעמען די ירושה פון איין זוהן אונ געבין דעם אנדערין זוהן · אפילו פון אשלעכטין זוהן צו געבין אגוטען זהן · ווארום מען ווייס ניט וואס פאר אקינדער עס קענין געבארין ווערין פון דעם שלעכטין זהן · טאמער וועלין פון איהם געבארין ווערין צדיקים · אונ צו נעמען די ירושה פון אזוהן אונ געבין אטאכטער · טאר מען געוויס ניט :

## פרק חמישי

א משנה · ואלו · דיא ארבעט וואס אשה טאהן צום מאן · מאהלין ווייץ קארין : באקין קאכין זייגין אקינד · זאגט די גמרא דיא משנה איז ניט וויא רבי חייא · ווארום רבי חייא האט געלערנט אווייב איז נאר גינומען געווארין צום מאן פון שיינקייט וועגין ניט צום ארבעטין · אווייב איז נאר גינומען געווארין צום מאן זיא זאל האבין קינדער · ניט צום ארבעטין · אונ רבי חייא האט געלערנט אווייב איז נאר גינומען געווארין צום מאן נאר מען זאל איהר קויפין צירונג זיא זאל שיין אויס זעהין · אונ רבי חייא האט געלערנט דער וואס וויל זיין ווייב זאל עלטער אויס זעהן זאל ער איהר מאכין ווייסע וועשע קליידער · אונ אז איינער וויל זיין טאכטער זאל זיין ווייס אונ קלאר זאל ער איר געבין עסין יונגע הינדלאך אונ זאל איר געבין טרינקען מילך אין דער יוגענד פון דעם עלפטין יאהר ביז דעם דרייצעהנטין יאהר :

ב ומניקה · אז איינער האט גיגט זיין ווייב אונ זיא האט אקליין קינד וואס זיא זייגט דאס קינד · נאר דער מאן דארף איר צאהלין · שמואל זאגט אויב דאס קינד קען שוין די מוטער

לקמיה דשמואל אמר ליה לרב דימי בר יוסף זיל בדקה אזל אותבה בדרא דנשי ושקליה לברא וקמהדר ליה עילויהו כי כטא לגבה הוה קכסוי לאפה כבשתנת לעינה מיניה אמר לה ,טף עיניך קום דרי בריך :

(דף סא) **ג דשתיא** שיכרא הוו לה בני אוכמי דאכלת בישרא ושתיא חמרא הוו לה בני בריי דאכלה ביעי הוו לה בני עינני דאכלה כוורי הוו לה בני היננִי דאכלת כרפסא הוו לה בני זיותני דאכלה כוכברתא הוו לה בני בישרני דאכלה אתרוגא הוו לה בני ריחני ברתא דשבור מלכא אכלה בה אמה אתרוגא והוו מסקי לה לקמיה דאבוה בריש ריחני :

ואז סימה ולא נגמיק : זיל בדקה . אם מכירס : אותבה גדולת דנשי סימנה ככירה כל נשים : קכסוי . מכיס : נסף עיניך . וקוף עיניך כמו דהפיל ותזיל כר אותה ועיניה מטייפי דנ ק : דרי בריך . שאי בניך] :

מייח נוליים [פינים. מינינם נחלות] : חיכי. כעלי תן : כרפנה . אפ"כ : כוכברתא . לאיימרל"א בלע"ז :

[הכל משהין בפני השמש . כשמשם בסעודה ואוכלין לפניו ושוהין מלהאכילו עד שיקומו סקרואים : חוץ מבשר שמן וכו' . שמוהו לכם ומכסטר : בתקופה תמוז . שרינו חוק ותום טיזב מתרסר מו

**ד אמר** רב יצחק בר חנניא אמר רב הונא **הכל** משהין בפני השמש **חוץ** מבשר ויין אמר רב חסדא בשר שמן ויין ישן . אמר רבא בשר שמן כל השנה כולה ויין ישן בתקופת התמוז

---

נוז זיא אים זייגן . אבער או דאס קינד איז נאך אזוי קליין אז ער קען איר ניט . דארף זיא ניט אן הייבין אים צו זייגין . אאשה וואס איז גיגט גיווארין אונ האט גיהאט אקליין קינד איז אמאהל גיקומען פאר שמואל פרעגין אויב זיא מוז זייגין איר קינד אדער ניין ; האט שמואל גזאגט צו רב דימי בר יוסף גיי זעה אויב דאס קינד קען דיא מוטער אדער ניין . איז רב דימי גיגאנגען אונ האט געהייסין דיא מוטער זאל זיך זעצין צווישען עטליכע ווייבער . אונ רב דימי האט גינומען דאס קינד אונ האט אים גיטראגין פאר ביי דיא ווייבער ווייא דאס קינד איז גיקומען גיגען דיא מוטער האט ער זיא אן גיקוקט אונ האט איר דער קענט ; האט זיא פערהאלטין דיא אויגין פון אים ; זיא האט אראפ גיבויגין דעם פנים מיט דיא אויגין דס קינד זאל איר ניט דער קענען . האט רב דימי גזאגט צוא דיא מוטער הייב אויף די אויגין . אונ נעם דיין קינד אונ זייג אים :

**ג** דשתיא . אאשה וואס איז מעוברת אונ זיא טרינקט ביר . ווערט זיא האבין שווארצע קינדער : אז זיא עסט פלייש אונ טרינקט וויין ווערט זיא האבין גזונטע קינדער . אז זיא עסט אייער ווערט זיא האבין קינדער מיט גרויסע אויגין . אז זיא עסט פיש ווערין אירע קינדער האבין חן . אז זיא עסט כרפס ווערט זיא האבין שיינע קינדער . אז זיא עסט כוסברתא ווערט זיא האבין פעטע קינדער . אז זיא עסט אתרוגים ווערין אירע קינדער שמעקין . דיא ווייב פון דעם מלך פרס איז גיווען מעוברת אונ האט גיגעסין פיל אתרוגים . אונ זיא האט גיבארין א טאכטער דס פון די טאכטער איז גישמעקט אז מען פלעגט איר ברענגען צום פאטער פר די בעסטע בשמים ער זאל שמעקין פון איר :

**ד אמר** . רב יצחק בר חנניא האט גזאגט פון רב הונא ווען אז איינער מאכט אסעודה מעגין דיא גיבעטענע מענטשן זיצען אונ עסין . אונ לאזין פאר דעם בעדינער זיין חלק ער זאל עסין שפעטער . נאר פלייש אונ וויין זאל מען דעם בעדינער באלד געבין זיין חלק . רב חסדא זאגט אויב אויף דער סעודה איז דא פעטע פלייש אונ אלטע וויין זאל מען דעם בעדינער באלד געבין זיין חלק . ווייל דאס שמעקט דאס דער בעדינער זעהט אז אלע עסין אונ ער עסט ניט . רבא זאגט אגאנץ יאהר ווען עס איז דא אויף אסעודה פעטע פלייש . מוז מען דעם בעדינער געבין באלד זיין חלק . אבער זיין חלק וויין אפילו אלטין וויין מעג מען בעהאלטען זיין חלק פון ווינעט וועגין אויף שפעטער . נאר אין דיא צייט פון דיא תקופה פון תמוז מוז מען דעם חלק אלטען וויין פון דעם בעדינטען אים באלד געבין ווייל פון די היץ שמעקט דער וויין זייער שטארק . אונ אז ער ווערט ניט באלד טרינקען פון אים קען ער קראנק

ווערין

פסח . אבוה בר איהי ומניסן בר איהי חד ספי מכל מינא ומינא וחד ספי מחד מינא . מר משתעי אליהו בהדיה ומר לא משתעי אליהו בהדיה. הנהו תרי חסידי ואמרי לה רב מרי ור"ב נחם בני רב חסדא מר קדים ספי ומר מאחר ספי דקדים ספי אליהו משתעי בהדיה דמאחר ספי לא משתעי אליהו בהדיה. אמימר ומר זוטרא ורב אשי הוו קא יתבי אפתחא דבי איזגור מלכא חליף ואזיל אטורנגא דמלכא חזייה רב אשי למר זוטרא (בס ע"ב) דחוור אפי' שקל באצבעתיה אנח ליה בפומיה א"ל אפסדת' לסעודתא דמלכא אמרי ליה אמאי תעביד הכי אמר להו מאן דעביד האי פסל למאכל דמלכא אמרי ליה אמאי אמר להו דבר אחר חזאי ביה בדקו ולא אשכחו שקל אצבעתיה אנח עליה אמר להו הכא מי בדקיתו בדקו ואשכחו אמרו ליה רבנן מ"ט סמכת אניסא אמר להו

כארכ]: חד ספי. מאכיל את הבהמה מכל מין ומין וחד ספי ליה ממין אחד כהלכת סעודה לשונא ומאכל מינין מבאכו עד שיגמור סעודתו: קדים ספי. קודם שיתן לפניו: מאחר ספי. מכל מין ומין לאחר שיתן לפניו ולפני האורחין: דקדים ספי משתעי אליהו בהדיה. לפי שבשעתן לפניהם והוא רואה ומתאוה ומצטער ופעמים שהם אורחים כרבה: אזגור. שם מלך פרס: אטורנגא דמלכא. מושב כמנית לפני השרים ובלשונו בבקל"ש: דחוור אפיה. פניו זועפים שנתאוה לאכול: שקל. אטורנגא לרב אשי: אפסדתא לסעודתא. שלא יאכל המלך מעתה: אמרו ליה. בוזרי המלך אמאי תעביד הכי: אמר להו. רב אשי: דעביד הכי פסל למאכל דמלכא. העושה ריאכל כזה אין ראוי שיאכל המלך מאכל מידו: דבר אחר חזאי ביה. בשר של חזיר מעורב ובלבן לע"ז סירכמין: שקל אצבעתיה. רב אשי בקל הצבעתיה דקפילא: אנח עליה. על אחר מהמקומות. אהדדיה את גרסיק: הכא מי בדקיתו. כלום בדקתם את מקום זה: בדקו ואשכחו. גם נמצא שם: דברים

---

ווערן. אבוה בר איהי האט גימאכט אסעודה אונ מניסן בר איהי האט גימאכט אסעודה איינער האט גיגעבין דעם בדינער זיין חלק פון יעדער זאך וואס מען האט גיגעבין צום טיש פאר דיא געסט. האט דער בדינער גיגעבין גליך מיט אלע געסט. אונ איינער האט גיגעבין דעם בדינער פון דעם ערשטין עסין ער זאל זאט ווערין. אונ פון דיא איבעריגע עסינס האט ער בעהאלטין פון דיינעטוועגין ביז וואנען אלע ווערין אפ עסין. מיט דעם ערשטין האט אליהו הנביא גישמועסט. אונ מיט דעם אנדערין האט אליהו הנביא ניט גיוואלט שמועסין. צווייא חסידים זענין גיוועזין. אונ אנדערע זאגין דאס איז גיוועזין רב מרי אונ רב פינחס די קינדער פון רב חסדא: איינער האט גיגעבין דעם בעדינער זיין חלק איידער ער האט גינומען פאר זיך אונ פאר דיא געסט: אונ איינער האט פריער גינומען אחלק פאר זיך אונ פאר די געסט. דער נאך האט ער גיגעבין דעם בדינער זיין חלק. דער וואס האט פריער גיגעבין דעם בדינער האט אליהו הנביא מיט אים גישמועסט. דער וואס האט שפעטער גיגעבין דעם בעדינער האט אליהו הנביא מיט אים ניט גיוואלט שמועסין. אמימר אונ מר זוטרא אונ רב אשי זענין גיזעסין ביי דיא טיר פון דעם מלך אזגור. איז פאר ביי גיגאנגען דער בדינטער פון מלך אונ האט גיטראגין טעלערס מיט עסין צוא געבין פאר דיא געסט. האט רב אשי אקוק גיטאהן אויף מר זוטרא אז זיין פנים איז ווייס גיווארין. ווייל דאס עסין האט אים פאר שמעקט. האט רב אשי איינגיטונקט זיין פינגער אין דעם עסין אונ האט אריין גישטעקט דעם פינגער צוא מר זוטרא אין מויל. האט דער בדינער גיזאגט צוא רב אשי דוא האסט קאליע גימאכט דיא סעודה פון מלך. דער מלך וועט שוין ניט וועלין עסין ווייל דוא האסט אריין גישטעקט דעם פינגער. האבין דיא אנדערע בעדינטע גיזאגט צוא רב אשי פאר וואס האסטו אזוי גיטאהן. האט רב אשי גיזאגט איך האב טאקי אריין גישטעקט דעם פינגער ווייל איך האב גיוואלט דער מלך זאל ניט עסין. ווארום דער מלך דארף ניט עסין דיא עסינווארג וואס דער בדינטער האט גימאכט. האט מען גיזאגט צוא רב אשי פאר וואס האט רב אשי גיזאגט איך האב דא גיזעהן אשטיקל פלייש פון אקרעציגען חזיר: האט מען גיזוכט אונ מען האט ניט גיפונען. האט רב אשי גינומען דעם פינגער פון דעם בריגער אונ האט אים ארויף גילייגט אויף אשטיקל פלייש. אונ ער האט גיזאגט צו די בדינטע דיא שטיקל פלייש האט איר גיזעהן פון וועמען זיא איז. האבען זייא גיזוכט אונ האבען גיפונען אז זיא איז פון אקרעציגען חזיר. עס איז ניט

אמת

לחו חואי רוח צרעת דקפרחה עילויה. ההוא רומאה דאמר לה להחיא אתתא מינסבת לי אמרה ליה לא. אזל איתי רימני פלי ואכל קמה כל מיא דצערי לה בלעתיה ולא יהב לה עד דזג לה לסוף אמר לה א מסינא לך מינסבת לי אמרה ליה אין אזל ואיתי רימני פלי ואכל קמה אמר לה כל מיא דצערי לך תוף שדא תוף שדאי עד דנפק מינה כי הוצא דירקא ואיתסיאת:

(דף סג) **ה והתלמידים** יוצאין לת"ת שלא ברשות ל' יום וכו'. ברשות כמה כמה דבעי אורחא דמלתא כמה א"ר חדש כאן וחדש בבית שנאמר (ד"ה א כז) לכל דבר המחלקות הבאה והיוצאת חדש בחדש לכל חדשי השנה ור' יוחנן אמר חדש כאן ושנים בביתו שנאמר (מ"א ה) חדש יהיו בלבנון שנים חדשים בביתו ורב נמי מאי טעמא לא אמר מהיא שאני

צרעת עילויה. דמי זוטרא פלי. מכקע והרבה יש לו דומין במסכת נדה דפלגי פלגי: מיא דצערי. מיץ שגדל בתוך כסה שמחמת קיוכה דבר שאכל בפניו ולא היא אוכל ממנו: עד דזג. נפחו פניו וכרסה משבה כזכוכית שכן דרכי הנפוחים: שוף שדאי. זרקי והשליכי:

אורחא דמלתא. דכך דרך שלא יצא שלא יתא חסת ולפי' הוא ישל לפרוטה שתתן לו רשות:

לכל דבר וגו'. בדה"י כמחלוקת שהיו עובדים את המלך כל מחלקה חדש ולא"ג דמשמעות דקראי משמע שלא היה פורש מביתו אלא חדש א' בשנה אלא ללמוד מכאן אלא חדש כאן וי"א חדשים בביתו כי קרא יתירא דכתב והיוצאת דרים דכו"ל למיכתב דכל מחלקות חדשי השנה משמע שאין כ' מחלקות לנים ומכרתים שמתכרהים עם השלר זו ו' חדשים בדילוג זה ו' חדשים בדילוג זו כלה וזו יוצאת מדי חדש בחדש הרי חדש בבית המלך וחדש בביתו ואף כאן חדש בבית רבו וחדש בביתו:

---

אכט געווען נאר עס איז געווארן אגם האבין דיא רבנן געזאגט צוא רב אשי פאר וואס האסטו דיך פאר לאזין אויף אגם. האט רב אשי צוא זיא געזאגט איך האב געזעהן אויזנט פון צרעת איז גיפאלין אויף מר זוטרא דער נאך ווי ער האט פארזוכט פון דעם עסין. איינער פון רוים האט געזאגט צו אשה דו וועסט מיט מיר חתונה האבין; האט זי געזאגט ניין. איז ער גיגאנגן אונ האט גיבראכט אמילגרוים אונ האט איהם צו שפאלטין אונ האט איהם גיגעסין פאר איהר. אלע שפייעכין וואס איהר איז גיקומען אין מויל ווייל זיא האט ניט גיגעסין פון דעם מילגרוים האט זיא איין גישלונגען, אונ ער האט איהר ניט גיגעבין פון דעם מילגרוים. ביז זיא איז גישוואלין גיווארין. דער נאך האט ער גיזאגט צוא איהר אויב איך וועל דיך גיזונד מאכין וועסט א צוא מיר גינומען ווערין. האט זיא גיזאגט יא. איז ער גיגאנגען אונ האט גיבראכט נאך אמילגרוים. אונ האט איהם צו שפאלטין אונ האט איהם גיגעסין פאר איהר: אונ ער האט גיזאגט צו איהר אלע שפייעכין וואס דיר וועט קומען אין מויל, זאלסטו אויס שפייען. ביז עס איז ארויס גיגאנגען פון איהר אזוי וויא אגרינע בלאט אונ זי איז גיזונד גיווארין:

**ה** התלמידים. יונגע מענטשין וואס וויילען לערנין תורה מעגין זייא גיין אין אישיבה לערנען תורה אויף דרייסיג טעג אונ זייא דארפין ניט פרעגין ביא דיא ווייבער אויב זיי ווילין אין דיא מאגען זאלין גיין. אז דיא ווייבער ווילגען איין דיא מאגען זאהין גיין לערנין תורה. אויף וויא לאנג מעגין דיא מאגען גיין. פרעגט דיא גמרא אויף וויא לאנג זייא ווילען זאהין זייא גיין. ענטפערט דיא גמרא מען מיינט אפילו דיא ווייב ווילינט איין פון דערטוועגין איז ניט רעכט ער זאל איר פאר בינדען צוא זיצען אן אמאן אלאנגע צייט. דריבער פרעגט דיא גמרא אויף וויא לאנג מעג ער אוועק גיין אונ עס זאל ניט זיין קיין עבירה. האט רב געזאגט אויף אחודש. אחודש זאל ער זיין אין דער ישיבה אונ אחודש אין דער היים; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צוא אלע אפ גיטיילטע נאבען. צוא דעם אפטיילונג פון דיא בעדינטע פון מלך. דיא טייל וואס איז אריין גיקומען בעדינען דעם מלך, אונ דיא טייל וואס זענין ארויס גיגאנגען פון בעדינונג. האבין זייא זיך גיטאהשט אחודש אום אחודש צוא אלע חדשים פון יאהר. אחודש איז דיא טייל גיגאנגען בעדינען דעם מלך אונ יענע טייל איז גיוועזן אין דער היים. דעם אנדערין חודש איז יענע טייל גיקומען בעדינען דעם מלך אונ דיא טייל איז גיוועזן אין דער היים. ווייל מיר אז מען גייט אוועק פון דער היים נאר אויף איין חודש. רבי יוחנן זאגט אחודש זאל ער זיין אין דער ישיבה אונ צוויא חדשים אין דער היים; אזוי ווי א עס שטייט

אין

שאני בנין בית המקדש דאפשר ע"י אחרים ור"י מ"ט לא אמר מההיא שאני התם דאית ליה הרווחה]. אמר רב אנחה שוברת חצי גופו של אדם שנאמר (יחזקאל כא) ואתה בן אדם האנח בשברון מתנים ובמרירות האנח ור' יוחנן אמר כל גופו של אדם שנאמר (שם) והיה כי יאמרו אליך על מה אתה נאנח ואמרת אל שמועה כי באה ונמס כל לב ורפו כל ידים וכהתה כל רוח וכל ברכים תלכנה מים ור' יוחנן נמי הכתיב בשברון מתנים ההיא דכי מתחלא ממתנים מתחלא. ורב נמי הכתיב ונמס כל לב ורפו כל ידים וכהתה כל רוח שאני שמועה דבית המקדש דתקיפא טובא. ההוא ישראל ונכרי דהוו קאזלי באורחא בהדי הדדי לא אימצי נכרי לסגויי בהדי ישראל אדכריה חורבן בית המקדש נגיד ואיתנח ואפ"ה לא אימצי נכרי לסגויי בהדיה א"ל לא אמריתו אנחה שוברת חצי גופו של אדם א"ל ה"מ מלתא חדתא אבל הא דשנן בה [לא] דאמרי אינשי דמלפא תכלי לא בהתה:

דלית ליה הרווחה. שהיו נהנים מבית המלך ומיכה כוות ביתה לפיכך מקבלת עליה וכו' שהיון שיש לו שכל יש לה מזונות מרווחים ותכשיטין אבל ת"ח מלוה דיליה הוא]: מתנים. באמצע הגוף: דשק בה. הורגלנו בה כמו כיון דדש דש: דמלפי תכלי

המיילין

אין פסוק אהודש זאלין זיי זיין אין וואלד אונ צוויי חדשים אין דער היים. פרעגט די גמרא פאר וואס לערנט ניט אפ רב פון דעם פסוק פון רבי יוחנן אז צוויי חדשים זאל ער זיצען אין דער היים. ענטפערט די גמרא דארט שטעהט פון באהען דעם בית המקדש: קען מען איהם באהען דער וייל דורך אנדערע מענטשין: עס וועלין זיך געפינען פיל מענטשין וואס וועלין העלפין באהען דעם בית המקדש. עס וועט ניט גישטערט ווערין דאס באהען דורך דעם וואס ער וועט זיצען צוויא חדשים אין דער היים. אבער דא ביי תורה לערנען ווערט דאך גישטערט אין לערנען אז ער איז אין דער היים: דריבער זאל ער נאר זיין איין חודש אין דער היים. אונ רבי יוחנן פאר וואס לערנט ניט אפ פון דעם פסוק פון רב. ענטפערט די גמרא דארט איז אנדערש דיא צייט וואס דער מאן איז ביי דעם מלך פארדינט ער האט זיא דאך הנאה פון זיין פארדינסט. עס איז דא אין שטוב פרנסה זיא קען קויפין קליידונג צירונג: דריבער וויל זיא אויך ער זאל גאר זיין אחודש אין דער היים: אבער פון זיין תורה לערנין וועט זיא קיין פרנסה ניט האבין אונ צירונג אויך ניט: וויל זיא בעסער ער זאל זיין איין חודש אין דער ישיבה אונ צוויי חדשים אין דער היים. רב זאגט אז אמענטש טוהט אזיפץ צו ברעכט דאס איהם אהאלבין גוף. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ דוא מענטש זאלכט זיפצען מיט אצוברעכונג פון דיינע לענדין אונ מיט ביטערקייט זאלסטו זיפצען. (אונ דיא לענדין זענין אהאלבער גוף) . רבי יוחנן זאגט אזיפץ צוברעכט דעם גאנצין גוף פון מענטשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס וועט זיין אז זייא וועלין זאגין צו דיר אויף וואס זיפצט דוא זאלסטו זאגין צו די הערונג וואס עס איז גיקומען עס צו גייט דאס גאנצע הארץ עס ווערין שוואך אלע הענט עס ווערט טונקעל יעדער געמיהט אלע קניא גייען אין וואסער. פרעגט דיא גמרא אויף רבי יוחנן עס שטייט דאך אין פסוק די לענדין וועלין צו בראכין ווערין. איז דאך גאר אהאלבער גוף. ענטפערט די גמרא דאס צוברעכונג הייבט אן פון די לענדין אונ עס ווערט צו בראכין דער גאנצער גוף. פרעגט דיא גמרא אויף רב עס שטייט דאך אין פסוק עס צו גייט דאס גאנצע הארץ עס ווערין שוואך אלע הענט עס ווערט טונקעל אלע געמיהטן. ענטפערט די גמרא די הערונג פון חורבן בית המקדש איז אנדערש זי איז גאנץ שטארק צו צערברעכין די גאנצע הארץ. איוד מיט אגוי זענין אמאהל גיגאנגען צו זאמען אין וועג. האט דער גוי ניט גיקענט גיין מיט דעם יוד: האט דער גוי דערמאנט דעם יוד דער בית המקדש איז חרוב גיווארין. האט דער יוד אזיפץ גיטאהן. פון דעסטוועגין האט נאך אלץ דער גוי ניט גיקענט גיין מיט דעם יוד: האט דער גוי גיזאגט צו דעם יוד איהר זאגט דאך אז אזיפץ צוא ברעכט אהאלבין גוף פון מענטשין, האט דער יוד גיזאגט דאס איז נאר אז מען

זיפצט

ו והטיילין בכל יום. מאי טיילין אמר רבא בני פירקי א"ל [בני מאן דכתיב בהו] (תהלים קכז) שוא לכם משכימי קום מאחרי שבת אוכלי לחם העצבים כן יתן לידידו שנא וא"ר יצחק אלו נשותיהן של ת"ח שמנדדות שנה מעיניהם בעולם הזה ובאות לחיי העולם הבא [ואת אמרת בני פירקי אלא אמר אביי כדרב דאמר רב כגון רב שמואל בר שילת דאכיל מדידיה ושתי מדידיה וגני בטולא דאפדני' ולא חליף פריסתקא דמלכא אבבי' כי אתא רבין אמר כגון מפנקי דמערבא. ר' יוחנן הוה קסליק בדרגא הוו סמכו ליה ר' אמי ור' אסי איפחתא דרגא תותיה סליק ואסקינהו אמרי ליה רבנן וכי מאחר דהכי למה ליה לממסכיה אמר להו א"כ מה אניח לעת זקנה] :

א כהנת. אשה מלומדה לבכות בפה לקוברים ליתן הספד ומספדת בפני אחד מהם שכבר למודה היא : [בני פירקי. תלמידים שהרב מטי להם בפירקן ושונין פרקם ולנים בביתם : מאן דכתיב בהו. בבבלים אמר לבעלי אומנות] : שוא לכם משכימי קום מאחרי שבת. למלאכת הרבית אוכלים לחמם בעצב : כן יתן הקב"ה לידידו שנה. למי שמנדד לכבודו ולמצותיו שינה : מנדדות שינה. ממתינות את בעליהן שהם בבית רבן ושונין פרקן [אלמא בשעה שהם עוין בבית רבן ואת אמרת יש להן פנאי לעונה בכל לילה : מפנקי דמערבא. בני א"י מעונגים במאכל ומשתה לכך הם בריאים ובעלי כח לתשמיש : מאחר דהכי. שבעל כח אתה : א"כ. שלשים את כחי ולא יסמכוני : מה אניח. כח בעצמי לשמש בו לעת זקנה] :

---

זיפצט אויף א נייע זאך. אבער מיט דעם בית המקדש זענען מיר שוין געוואוינט. צו ברעכט דאס ניט אזוי שטארק. ווארום מענטשען זאגען די אשה וואס איז געוואוהנט בייא איהר זאלין שטארבען קינדער אז א קינד שטארבט ביי איהר שרעקט זיא ניט אזוי שטארק: ווייל זי איז שוין געוואוהנט מיט דעם שרעק :

ו הטיילין. דארפין זיין ביי זייערע ווייבער אלע נאכט. וואס איז טיילין. האט רבא געזאגט דאס מיינט מען די תלמידים וואס לערנען ביי זייער רבי אין שטאט. און נעכטיגען אין דער היים דארפין זיי בועל זיין זייערע ווייבער אלע נאכט. האט אביי געזאגט די מענטשין וואס אויף די איז געזאגט געווארין דער פסוק איהר ארבייטער וואס איהר ארבעט פאר דיא וועלט. אומזיסט האט איהר שטייט אויף פריא צו די ארבעט. און וואס איהר זיצט שפעט ביי נאכט בייא דיא ארבעט איז אויך אומזיסט. איהר עסט אייער געמאטערט ברויט. אזוי וועט גאט געבין עולם הבא צו דעם וואס ער האט ליב. ווייל ער שלאפט ווייניג ביי נאכט נאר ער לערנט תורה. און רבי יצחק האט געזאגט דאס מיינט מען די ווייבער פון די תלמידי חכמים וואס זיי שלאפין ווייניג בייא נאכט אויף דער וועלט. ווייל זיי ווארטין ביז שפעט אין דער נאכט אויף זייערע מאנען ביז זיי וועלין קומען פון בית המדרש. וועט זייא גאט געבין שכר אויף עולם הבא. זעהן מיר אז דיא תלמידים וואס לערנען אין זייער שטאט זענין אויך פאר נומען ביי טאג און ביי נאכט מיט זייער לערנען און זיי האבין גאר ניט צייט צוא זיין בייא זייערע ווייבער אלע נאכט. און דוא רבא זאגט אז דיא תלמידים דארפין יא זיין אלע נאכט בייא זייערע ווייבער. האט אביי געזאגט טיילין מיינט מען אזוי וויא רב האט געזאגט: אזוי א מענטש ווי רב שמואל בר שילת איז. ער עסט פון זיין אייגענע געלט און טרינקט פון זיין אייגענע געלט. און שלאפט אין זיין אייגענע שטוב. און דער שליח פון מלך איז קיין מאהל ניט פאר בייא געגאנגען געבין זיין טיר. נעמען בייא איהם פאדאטקעס אזוי א רוהיגער מענטש דארף זיין ביי זיין ווייב אלע נאכט. רבין זאגט דיא מענטשין פון ארץ ישראל וואס זיי עסין גוט און טרינקען גוט און זיי זענין געזונד און שטארק דארפין זיי זיין בייא זייערע ווייבער אלע נאכט. רבי יוחנן איז אמאהל געגאנגען אויף טרעפ האבין איהם רבי אמי און רבי אסי געהאלפין ארויף גיין. ווייל זייא האבין געמיינט אז רבי יוחנן האט ניט קיין כח אליין ארויף צו גיין. האט זיך אוים געבראכין א טרעפ: האט רבי יוחנן ארויף געטרעטין אויף דעם אנדערין טרעפ: און האט מיט זיך ארויף געהויבין רבי אמי און רבי אסי אויך. האבין דיא רבנן צוא איהם געזאגט אז דוא ביסט אזוי שטארק צו וואס דארפסטו זיין אנגעלעהנט. האט רבי יוחנן צו זיי געזאגט אז איך וועל אין דער יוגענד אפ שוואכין מיינע כחות וואס וועל איך טאהן אויף דער עלטער :

(ע"ב) ז נפיסקא החמרים אחת בשבת הגמלים אחת לשלשים יום וכו'] א"ל (רבא) רבה בר רב חנין לאביי חמר ונעשה גמל מאי א"ל רוצה אשה בקב ותיפלות מעשרה קבין ופרישות. [פיסקא הספנים אחת לו' חדשים דברי ר' אליעזר א"ר אדא בר אהבה אמר רב זו דברי ר' אליעזר אבל חכמים אומרים התלמידים יוצאים לת"ת ב' וג' שנים שלא ברשות. אמר רבא סמכו רבנן אדרב אדא בר אהבה ועבדי עובדא בנפשייהו כי הא דרב רחומי הוה שכיח קמיה דרבא במחוזא הוה רגיל דהוה אתי לביתיה כל מעלי יומא דכפורי יומא חד משכתיה שמעתא הות מסכיא דביתהו השתא אתי השתא אתי לא אתי חלש דעתה אחיתת דמעתא מעינה הוה יתיב באיגרא אפחית איגרא מתותיה ונח נפשיה. [עונה של ת"ח אימת אמר רב יהודה אמר שמואל מע"ש לע"ש (תהלים א) אשר פריו יתן בעתו אמר רב יהודה ואיתימא וכו' זה המשמש מטתו מע"ש לע"ש] :

חמר ונעשה גמל מהו. כשאלו לו כשאלה האי מהו ליעשות גמל שלא ברשות הרוצה עדיפא לה שיתעשר או עונה עדיפא לה: ותיפלות. לשון נעל. עונה מי' קבים להתעשר: דברי ר' אליעזר. המתני' קאי וסיפא דמתני' כ"ש: א דברי ר' אליעזר. הכי שונות ויוצאות שלא ברשות דתנן דקתני התלמידים יוצאין לת"ת שלא ברשות ל' יום סמכו רבנן. תלמידים שבדורנו סומכין על דבריו ויוצא שלא ברשות: ועבדי עובדא. מותיב: בנפשייהו. והוא כמו להם ליטול מהם נפשות בעונשים ומתים: מסכיא. תרגום של מצפה:

פיסקא. החמרים. די וואס פארן מיט אייזלען דארפין זיין ביי זייערע ווייבער איין מאהל אין וואך. אונ די וואס פארן מיט קעמלען דארפין זיין ביי זייערע ווייבער איין מאהל אין דרייסיג טעג. האט רבה בר רב חנין גיזאגט צו אביי אז אשה האט חתונה גיהאט מיט איינעם וואס פארט מיט אאייזיל. אונ איצט וויל דער מאן פארין מיט קעמלען. אן איהר וויסען מעג ער אדער ניין. אויב זיא וויל בעסער דער מאן זאל מער פארדינען אפילו ער וועט נאר זיין ביי איהר איין מאהל אין דרייסיג טעג. מעג ער פארין מיט קעמלען. אונ אויב זיא וויל בעסער דער מאן זאל זיין ביי איהר איין מאהל אין דער וואך אפילו ער וועט ווייניגער פארדינען. טאר ער ניט פארין מיט קעמלען אן איהר וויסען. האט אביי גיזאגט אאשה וויל בעסער דער מאן זאל ווייניגער פארדינען נאר ער זאל זיין ביי איהר עפטערס. איידער ער זאל פארדינען צעהן מאל אזוי פיל אונ ער זאל זיין אפ גישיידט פון איר. דריבער טאר ער ניט פארין מיט קעמלען סיידין זיא וועט אים הייסן. דיא מענטשין וואס זייער פרנסה איז צוא פארין מיט שיפען דארפין זיין ביי זייערע ווייבער איין מאהל אין זעקס חדשים. אזוי זאגט רבי אליעזר. רב אדא בר אהבה האט גיזאגט פון רבס וועגין וואס עס שטייט אין דער משנה אז אתלמיד טאר ניט אוועק פון ווייב אן איר ווילען תורה לערנען לייניגער ווי אויף דרייסיג טעג. דאס זאגט נאר רבי אליעזר. אבער דיא חכמים זאגין דיא תלמידים מעגין גיין לערנען תורה אויף צוויא דרייא יאהר אן דער ווייבס ווילען. רבא זאגט דיא רבנן האבין זיך פאר לאזין אויף דיא רייד פון רב אדא בר אהבה אונ האבין אזוי גיטאהן דיא וועגין אוועק גיגאנגען תורה לערנען אויף צווייא דריי יאהר אן זייערע ווייבערס ווילען. אבער גאט האט זיי גישטראפט מיט נפשות. זיא זענין גישטארבין. רב רחומי האט גילערינט ביי רבא אין די שטאט מחוזא. אונ ער איז גיוועזן גיוואוהנט צוא קומען אהיים אלע ערב יום כפור. אמאהל איז ער גיוועזן פארטומען מיט זיין לערנען אונ ער איז ניט גיקומען אהיים ערב יום כפור. דאס ווייב האט אויס גיקוקט איצט קומט ער איצט קומט ער. אונ ער איז ניט גקומען. האט זי גיהאט צער אונ עס איז ארויס גיגאנגען טרערין פון איהרע אויגין. אונ רב רחומי איז גיזעסין אויף אבוידים האט זיך איין גיבראכין דער בוידים אונטער אים אונ ער איז אראפ גיפאלין אונ גישטארבין. ווען איז דיא צייט פון אתלמיד חכם ער זאל זיין ביי זיין ווייב. האט רב יהודה גזאגט פון שמואלס וועגין פון ערב שבת צו ערב שבת (אלע פרייטאג צו נאכט). אין פסוק שטייט זיין פרוכט וועט ער געבין אין זיין צייט: האט רב יהודה גזאגט דס מיינט מען דער וואס בהעפט זיך מיט זיין ווייב פון ערב שבת צו ערב שבת (אלע פרייטאג צו נאכט):

ח יהודה בריה דר' חייא וחתניה דר' ינאי הוה אזיל ויתיב בבי רב וכל בי שמשא הוה אתי לביתיה וכי הוה אתי הוה קא חזי קמיה עמודא דנורא יומא חד משכתיה שמעתא כיון דלא חזו ההוא סימנא אמר להו ר' ינאי כפו מטתו שאלמלא יהודה קיים לא ביטל עונתו. הואי (קהלת י) כשגגת שיוצאה מלפני השליט ונח נפשיה:

ט רבי איעסק ליה לבריה בי ר' חייא כי מטא למכתב כתובה נח נפשה דרביתא אמר רבי ח"ו פסולא איכא יתבו ועיינו במשפחות רבי אתי משפטיה בן אביטל ור' חייא אתי משמעי אחי דוד אזיל איעסק ליה לבריה בי ר' יוסי בן זמרא פסקו ליה תרתי סרי שנין למיזל בבי רב אחלפוה קמיה אמר להו ניהוו שית שנין אהלפוה קמיה תניין אמר להו איכניס והדר איזיל הוה קא מכסיף מאבוה אמר ליה בני דעת קונך יש בך מעיקרא כתיב (שמות טו) תבאמו ותטעמו ולבסוף כתיב (שם כה) ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם. אזל יתיב תרתי סרי שני בבי רב עד דאתי איעקרא דביתהו

אמר

**כפו מטתו.** כדין כמתאבל דחייב בכפיית המטה: **איעסק לבריה.** להשיאו בתו של ר' חייא: **איכא פסולא.** שלא היו מהוגנים לזוג אחד: **שפטיה בן אביטל.** בן דוד היה. אביטל גם אשת דוד: **ור' חייא אתי משמעי.** וזהו הפסול שרבי היה מבית דוד ולא היתה בת הבאה משמעי הוגנת לבנו שלא היתה בת מלכים: **פסקו ליה תרתי סרי שנין.** קודם שיכניס: **אחלפוה קמיה.** העבירו הנערה לפני החתן: **דעת קונך יש בך.** שאמר להרחיק זמן הוסתו והדר ואלכה תלמוד תורה כלהו: **מעיקרא כתיב תבאמו ותטעמו.** בהר נחלתך מכון לשבתך פעלת ה' שיכנסו לארץ ואח"כ יבנה לו מקדש: **ולבסוף אמר ועשו לי מקדש.** במדבר: **איעקרא.**

---

ח יהודה דער זוהן פון רבי חייא דער איידים פון רבי ינאי פלעגט ער גיין לערנען אין בית המדרש אגאנצע וואך. אונ אלע פרייטאג פארין נאכט פלעגט ער קומען אהיים: אונ אז ער פלעגט קומען אהיים פלעגט ער זעהן פאר זיך אפייערדיגען זייל. אמאהל איז יהודה געוועזען פארנומען מיט זיין לערנען ערב שבת. איז שוין שפעט געווען אונ ער איז נאך נים געקומען אהיים. ווייל זייא שטוב מענטשען האבען נים געזעהן דעם צייכען פון דעם פייערדיגען זייל. האט רבי ינאי צו זייא געזאגט קערט אום זיין בעט. ער איז געוויס געשטארבען וואָרום אז יהודה וואלט געלעבט וואלט ער געוויס געקומען אהיים צו זיין ווייב אויף שבת. נאר באמת האט יהודה פריער געלעבט. נאר ווייל רבי ינאי האט ארויס גערעדט דעם ווארט אז יהודה איז געשטארבען. איז ער דיא מנוט געשטארבען: אזוי וויא אמלך רעדט אמאהל ארויס אווארט אומגערן מען זאל דעם מענטשין הרגנען. אונ מען הרגעט אים. אזוי איז געוועזען דא ביי רבי ינאי מיט יהודה:

ט רבי האט געוואלט חתונה מאכען זיין זוהן מיט דיא טאכטער פון רבי חייא. אז מען איז געקומען שרייבען דיא כתובה איז דיא מיידיל (דיא טאכטער פון רבי חייא) געשטארבען. האט רבי געזאגט טאמער איז חס ושלום דא אפסול וואס זייא זענען נים ווערט געווערט חתונה צו האבען ביידע. זענען זייא געזעסען אונ האבען גקלערט זייערע פאמיליעס. דיא פאמיליע פון רבי איז געווען פון שפטיה בן אביטל ושפטיה איז געווען אזוהן פון דוד המלך. אונ אביטל איז געווען אווייב פון דודו. אונ דיא פאמיליע פון רבי חייא איז געווען פון שמעי דער ברודער פון דוד המלך. איז געגאנגען רבי אונ האט געמאכט אשידוך מיט זיין זוהן מיט דיא טאכטער פון רבי יוסי בן זמרא. האט מען אויס גערעדט אז דער חתן זאל פאר די חתונה אין אישיבה לערנען אויף צוועלף יאהר. האט מען פאר ביי געפירט דיא כלה פאר דעם חתן. האט דער חתן געזאגט זאל נאר זיין זעקס יאהר. האט מען נאך אמאהל פאר ביי געפירט דיא כלה פאר דעם חתן. האט דער חתן געזאגט פריער וועל איך חתונה האבען דער נאך וועל איך פארין לערנען. האט זיך דער חתן געשעמט פאר זיין פאטער אזוי צו זאגען. האט רבי געזאגט צים חתן מיין זוהן. אין דיר איז דא אזוי אמיינונג וויא גאט האט געטאהן: פריער שטייט אין פסוק דוא זאלסט אים ברייגנען אין ארץ ישראל אונ אים דארט איין פלאנצען. דער נאך זאל מען באהען אבית המקדש. האט נאך אפ געלייגט זיין בהעפטונג מיט דיא יאהרין

אויף

אמר רבי היכי נעביד נגרשה יאמרו עניה זו לשוא שמרה ניניסב אתתא אחריתי יאמרו זאת אשתו וזאת זונתו בעא עלה רחמי ואיתסיאת :

י רבי חנינא בן חכינאי הוה קאזיל לבי רב בשילהי הלוליה דרשב"י א"ל איעכב לי עד דאתאי בהדך לא איעכב ליה אזל יתיב תרי סרי שני בבי רב עד דאתי אשתנו שבילי דמתא ולא ידע למיזל לביתיה אזל יתיב אגודא דנהרא שמע להה'יא רביתא דהוו קרו לה בת חכינאי בת חכינאי מלי קולתך והא ניזיל אמר ש"מ האי רביתא דידן אזל בתרה הוה יתיבא דביתהו קא נהלא קמחא דל עינה חזיתיה סוי לבה פרח רוחה אמר לפניו רבש"ע עניה זו זה שכ"ה בעא רחמי עלה וחיתה :

יא רבי חמא בר ביסא אזל יתיב תרי סרי שני בבי מדרשא כי אתא אמר לא אעביד כדעביד בן חכינאי עייל יתיב במדרשא שלח לביתיה אתא ר' אושעיא בריה יתיב קמיה

פירוש

נעשית עקרה כן דרך העומדת עגב שיש בלא בעל :
בשילהי הלוליה דר"ש. ס"ף ימי חופתו : איעכב לי. המתן לי עד שילכו ימי חופתי ואלך עמך לבי רב : אשתנו שבילי דמתא. שנבנו בתים חדשים ונשתנו בה מקומות : רביתא רביתא. נערה : מלי לבה. מלאי לבה כלי. כדסב פאחום שנה בעלה :
לא אעביד כדעבד בר חכינאי. שנכנס לביתו פתאום. יתיב קמיה. ולא היה יודע מכירו :
פירש

---

אויף אציגס שפעטער. דער נאך שטייט זיין פסוק גאט האט געזאגט מען זאל מאכן א מקדש שוין אין דער מדבר אונ איך וועל רוהען צווישען זייא. האט דער חתן התונה געהאט. אונ נאך דער חתונה איז ער געפארין אין אישיבה אונ האט דארט געלערנט צוועלף יאהר : ביז ער איז געקומען אהיים איז זיין ווייב געווארין אעקרה. נאז אוועיב זיצט צעהן יאהר אן אמאן ווערט זיא אעקרה האט רבי געזאגט וואס זאל מען איצט טאהן. ער זאל איר געבין. וועט מען זאגין דיא ארעמע האט אומזיסט געווארט צוועלף יאהר אויף איר מאן. זאל ער נעמען נאך אווייב. וועט מען זאגין דאס איז אווייב. אונ דאס איז אזונה. האט רבי מתפלל געוועזן אויף איר איז זיא געזונד געווארין :

י רבי חנינא בן חכינאי האט געוואלט גיין לערנען אין אישיבה : אין דיא לעצטע טעג פון רבי שמעון בר יוחאי חתונה. האט רבי שמעון געזאגט צוא רבי חנינא ווארט ביז נאך דיא זיבען טעג פון מיין חתונה. וועל איך גיין מיט דיר צו נאמען. האט רבי חנינא ניט געווארט. אונ איז אליין געגאנגען אין דער ישיבה. אונ ער איז געזעסין אין דער ישיבה צוועלף יאהר. ביז ער איז געקומען אהיים וועגן געענדערט געווארין דיא גאסין פון שטאט. האט ער ניט געוואסט צוא גיין אהיים. איז ער געגאנגען אונ האט זיך געזעצט ביי דעם ברעג טייך. האט ער געהערט מען זאגט צוא א מיידל דוא טאכטער פון חכינאי דוא טאכטער פון חכינאי שעפ אן א פולע קרוג וואסער אונ קום מיר וועלין גיין. האט רבי חנינא געזאגט דיא מיידל מוז זיין פון אונזער שטוב. איז רבי חנינא געגאנגען נאך איר ביז אין שטוב אריין. איז זיין ווייב געזעסין אונ האט געזייפט מעהל. האט זיא אויף געהויבין אירע אויגין אונ האט אקוק געטאהן אויף אים. האט זיך איר געדוכט אז דאס איז איר מאן. פאר שרעק איז פון איר ארויס דיא נשמה. האט רבי חנינא געזאגט פאר גאט רבונו של עולם דאס איז דער שכר פון דיא ארעמע וואס האט אזוי לאנג געווארט אויף מיר. האט רבי חנינא מתפלל געוועזן אויף איר איז זיא לעבעדיג געווארין :

יא רבי חמא בר ביסא איז געזעסין אין א פרעמדע שטאט אין א בית המדרש צוועלף יאהר. אז ער איז געקומען צוריק אין זיין שטאט. האט ער געזאגט איך וועל ניט טאהן אזוי וויא בן חכינאי האט געטאהן. וואס ער איז אריין געגאנגען אין שטוב פלוצלינג. נאר ער איז אריין געגאנגען אין בית המדרש. אונ ער האט געשיקט אהיים זאגין אז ער איז געקומען דער וויל איז געקומען רבי אושעיא דער זוהן פון רבי חמא. אונ איז געזעסין פאר רבי חמא אונ זייא האבן איינער דעם אנדערין ניט געקענט. אונ ער האט אים געפרעגט ארין.

קמיה הוה קא משאיל ליה שמעתא חזא דקא כחדדן שמעתתיה חלש דעתיה אמר אי הואי הכא הוה לי זרע כי האי על לביתיה על בריה קם קמית הוא סבר למשאל שמעתתא קא בעי אמרה ליה דביתהו מי איכא [אבא] דקאים מקמי (ינוקא) [ברא] קרי עליה רמי בר חמא (קהלת ד) והחוט המשלש לא במהרה ינתק זה ר' אושעיא בנו של ר' חמא בר ביסא :

פירש. נכרים דמחדדן שמעתתיה : אי הואי הכא. אלו הייתי כאן (שבמתי) [כשבגתתי] בני קטן והלכתי הייתי מלמדו תורה והיה חכם כזה : כלבא שבוע. שם אחד מעשירי ירושלים שכל הנכנס לביתו רעב ככלב היה יוצא שבע : קא מגנדר. לא מסתכנת : שיבבתא. השכנות : שאלי והלכש שלה

יב רבי עקיבא רעיא דבן כלבא שבוע הוה חזיתיה ברתיה דהוה צניע ומעלי אמרה ליה אי מקדשנא לך אזלת לבי רב אמר לה אין איקדשא ליה בצנעא ושדרתיה שמע אבוה אפקה מביתיה אדרה הנאה מנכסיה אזל יתיב י"ב שני בבי רב כי אתא איתיה בהדיה תריסר אלפי תלמידי שמעיה לההוא סבא דקאמר לה עד כמה (דף סג) קא מדברת אלמנות חיות אמרה ליה אי לדידי צייתי יתיב תריסר שנין אחריני אמר ברשות קא עבידנא הדר אזל יתיב תרי סרי שנין אחריני בבי רב כי אתא איתיה בהדיה כ"ד אלפי תלמידי שמעה דביתהו הות קא נפקא לאפיה אמרו לה שיבבתא שאילי מאני לבוש ואיכסאי אמרה להו (משלי יב) יודע צדיק נפש בהמתו כי מטיא לגביה נפלה

---

האט רבי חמא געזעהן אז זיינע דינים זענען שארף ווער האט אשארפן שכל. האט רבי חמא געהאט צער. אונ האט געזאגט ווען איך וואלט געוועזן אין דער היים. וואלט מיין קינד אויך געוועזן אזוי אלמדן וויא דער קינד איז. ווארום איך וואלט מיט אים געלערנט. איז רבי חמא געגאנגען אהיים. איז זיין זוהן אויך אריין געקומען. אונ וויל רבי חמא האט נאך ניט געוואסט דאס איז זיין זוהן האט זיך רבי חמא אויף געשטעלט פאר אים. ווארום ער האט געמיינט אז דער קינד איז געקומען פרעגן אדין. האט דאס וייב געזאגט צוא רבי חמא שטייט דען אויף אפאטער פאר אזוהן. דאס איז דאך דיין זוהן. האט רמי בר חמא אויף אים געלערנט דעם פסוק. דריי פעדים צו זאמען גיפלאכטין ווערט ניט גערווינט צוא ריסען ווערין. דאס איז רבי אושעיא דער זוהן פון רבי חמא. אונ רבי חמא איז דער זוהן פון רבי ביסא. דריי לומדים צוא זאמען אין איין מאהל. ווערט שוין די תורה ניט אוועק געריסען ווערין פון זייא :

יב רבי עקיבא איז געוועזן אפאסטוך ביי בן כלבא שבוע : דיא טאכטער פון כלבא שבוע האט געזעהן אויף רבי עקיבא אז ער איז גוט אונ פרום. האט זיא געזאגט צו איהם אויב איך וועל צו דיר מקודש ווערין וועסטו גיין אין בית המדרש לערנען. האט רבי עקיבא צוא איר געזאגט יא. האט רבי עקיבא איר מקדש געוועזן אין דער שטיל. אונ זיא האט אים אוועק געשיקט אין בית המדרש. וויא דער פאטער האט דאס געהערט האט ער איר ארויס געטריבען פון שטוב. אונ האט אנדר געטאהן זיא זאל ניט הנאה האבין פון זיין פארמעגין. אונ רבי עקיבא איז געזעסין צוועלף יאהר אין בית המדרש. אז רבי עקיבא איז צוריק געקומען פון בית המדרש האט ער געבראכט מיט זיך צוועלף טויזענד תלמידים. האט רבי עקיבא געהערט וויא אאלטער מאן זאגט צו זיין ווייב ביז וויא לאנג וועסטו זיך פירען וויא אלעבעדיגע אלמנה. האט זיא געזאגט צום אלטען ווען רבי עקיבא וואלט מיך פאלגין וואלט ער געזעסין נאך צוועלף יאהר אין בית המדרש. האט רבי עקיבא צוא זיך אליין געזאגט אז דאס איז איהר גוטער ווילען. איז ער צוריק געגאנגען אין בית המדרש אונ איז דארט געזעסין נאך צוועלף יאהר אז רבי עקיבא איז נאך אמאהל צוריק געקומען פון בית המדרש האט ער געבראכט מיט זיך פיר אונ צוואנציג טויזענד תלמידים. האט דאס ווייב געהערט אז רבי עקיבא קומט. איז זיא ארויס געגאנגען צו אים אנטקעגין. האבין דיא שכנות צו איר געזאגט באָרג דיר קליידער

נפלה על אפה קא מנשקא ליה לכרעיה הוו קא מדחפי לה שמעיה אמר להו שבקוה שלי ושלכם שלה הוא שמע אבוה דאתא גברא (רבא) [רבה] למתא אמר איזיל לגביה אפשר דמיפר נדראי אתא לגביה א"ל אדעתא דגברא (רבא) [רבה] מי נדרת א"ל אפילו פרק אחד ואפילו הלכה אחת א"ל אנא הוא נפל על אנפיה ונשקיה על כרעיה ויהב ליה פלגא ממוניה ברתיה דר' עקיבא עבדא ליה לבן עזאי הכי והיינו דאמרי אינשי רחילא בתר רחילא אזלא כעובדי אמה כך עובדי ברתה . רב יוסף בריה דרבא שדריה אבוה לבי רב לקמיה דרב יוסף פסקו ליה שית שנין כי הוה תלת שני מטא מעלי יומא דכפורי אמר איזיל ואחזינהו לאינשי ביתי שמע אבוה שקל מנא ונפק לאפיה א"ל זונתך נזכרת איכא דאמרי א"ל יונתך נזכרת איטרוד לא מר אפסיק ולא מר אפסיק :

כזה תורה שלמדתי אני ושלמדתם אתם של ידה היא : שקל מנא . כלי זיין כאלו בא להלחם : איטרוד . באותה מריבה : לא מר אפסיק ולא מר אפסיק . לא אכלו סעודה יה"כ שמפסיק בה מלאכול להתענות . סעודה אחרונה של ערב יוה"כ קרי סעודה המפסקת שמפסיק בה במס' תענית : אין כית דין פוסקין יינות לאשה . שכיין מרגילה לתאוה

(דף סה) יג אין פוסקין יינות לאשה וא"ת (הושע ג) אלכה אחרי מאהבי נותני לחמי ומימי צמרי ופשתי שמני ושקויי דברים שהאשה משתוקקת על הן

---

און קליידט דיך אן און דעק דיך צו : האט זיא גיזאגט צו דיא שכנות דעם פסוק דער צדיק ווייסט דעם נפש פון זיין בהמה ומיין מאן ווייסט אז איך בין ארעם . וויא זיא איז גיקומען צו רבי ע.קיבא איז זיא גיפאלין אויף איר פנים און האט גיקושט זיינע פים . האט דער גידינער פון רבי ע.קיבא איר גיוואלט אוועק שטויסין . האט רבי ע.קיבא צו זייא גיזאגט לאזט איר מיין תורה און אייער תורה איז גיקומען דורך איר . האט איר פאטער כלבא שבוע גיהערט אז עס איז גיקומען אגרויסער למדן אין שטאט . האט ער גיזאגט איך וועל גיין צוא אים . טאמער וועט ער מיר מתיר זיין מיין נדר . איז כלבא שבוע גיקומען צו רבי ע.קיבא האט רבי ע.קיבא גיזאגט צו אים אז דו וואלכט וויסען אז דיין טאכטערס מאן איז אגרויסער למדן וואלכטו אנדר גיטאהן דיין טאכטער זאל פון דיר קיין הנאה ניט האבין . האט כלבא שבוע גיזאגט אפילו אידר מאן וואלט נאר גיקענט איין פרק משניות . און אפילו נאר איין דין : וואלט איך אויך ניט גיטאהן דעם נדר . האט רבי ע.קיבא גיזאגט איך בין דיין טאכטערס מאן . איז כלבא שבוע גיפאלין אויף זיין פנים און האט אים גיקושט זיינע פים . און האט אים גישיינקט העלפט פון זיין פארמעגין . דיא טאכטער פון רבי עקיבא האט אזוי גיטאהן צו איר מאן בן עזאי . דאס איז וואס מענטשין זאגין אשעפס גייט נאך אשעפס . אזוי וויא דיא מוטער טוהט . אזוי טוהט דיא טאכטער . רבא האט געשיקט זיין זוהן רב יוסף ער זאל לערנען אין בית המדרש בייא רב יוסף זעקס יאהר . וויא עס איז גיקומען ענדע דרייא יאהר ערב יום כפור : האט רב יוסף גיזאגט איך וועל גיין אהיים זעהן מיינע שטוב מענטשין . וויא דער פאטער האט גיהערט אז זיין זוהן קומט אהיים . האט ער גינומען גיווער (אשווערד אביקס) און איז גיגאנגען אנטקעגין זיין זוהן . און האט גיזאגט צו אים דו האכט דיך דער מאנט אן דיין ווייב . אנדערע זאגין אזוי האט ער גיזאגט צו אים דו האסט דיך דער מאנט אן דיין טויב : האבין זייא ביידע געקריגט . ניט דער פאטער האט גיגעסין דיא סעודה המפסקת . און ניט דער זוהן האט גיגעסין דיא סעודה המפסקת וויא סעודה וואס מען עסט ערב יום כפור פארין נאכט הייסט סעודה המפסקת :

יג אין : אז מען דארף עפייזין אאשה פון איר מאנס פארמעגין . אדער פון יתומים פארמעגין . זאל מען אידר ניט געבין וויין און ניט געלט אויף וויין . טאמער וועסטו פרעגין עס שטייט דאך אין פסוק איך וועל גיין נאך די מענטשין וואס האבין מיך ליב וואס זיי גיבען מיר מיין ברויט און מיין וואסער און מיין וואל און מיינע פלאקס שמני ושקויי . מיין אייל און מיין

לכתוב תמנים : [נ"יק קד"ס . לכתוב עליהן ומאי נינהו תכשיטין דרש ר' יהודה איש כפר
מכתב : סוכמה נפס. המנים : וימלו לל כיחס. גבוריא ואמרי לה איש כפר גבור חיל מנין שאין פיסקין
יינות לאשה שנאמר (ש"א א) ותקם חנה אחרי אכלה בשילה ואחרי שתה שתה ולא שתת
אלא מעתה אכלה ולא אכלו ה"נ אנן מדשני קרא בדבוריה קאמרינן מכדי בגוה קעסיק
ואתי מ"ט שני ש"מ שתה ולא שתת [א"ר אבהו א"ר יוחנן מעשה בכלתו של נקדימון
בן גוריון שפסקו לה חכמים סאתים יין לציקי קדרה מע"ש לע"ש אמרה להן כך תפסקו
לבנותיכם תנא שומרת יבם היתה ולא ענו אחריה אמן תנא כוס א' יפה לאשה ב' ניוול
הוא לה ג' תובעת בפה ד' אפילו חמור תובעת בשוק ואינה מקפדת אמר רבא לא
שנו אלא שאין בעלה עמה אבל בעלה עמה לית לן בה והא חנה דבעלה עמה הנאי
אכסנאי שאני דאמר רב הונא מנין לאכסנאי שאסור בתשמיש המטה שנאמר (ש"א א) וישכימו
בבקר וגו' וישובו ויבואו אל ביתם הרמתה וידע אלקנה את חנה אשתו השתא אין מעיקרא לא.

חומא

---

ווין וואס איך פלעג טרינקען . ווען מיר דאך אז דער שפעטער איז אשה זאל טרינקען ווין . שטעהט די גמרא שקשיי איז ניט דער טייטש פיין טרינקען . נאר פיין גלוסטיגג . אזעלכע זאכען וואס אשה גלוסט צו זיי . דאס איז אידרע צירונג . רבי יהודה פון דארף גבוריא . אנדערע זאגען פון דארף גבור חיל . האט ער גידרשת פון וואנען ווייסען מיר אז מען שפייזט אשה פון אידר מאום פארמעגן . אדער פון יתומים פארמעגין זאל מען אידר ניט געבין ווין אונ ניט געלט אויף ווין . ווארום עס שטייט אין פסוק חנה איז אויף גישטאנען אחרי אכלה בשילה ואחרי שתה . נאך דעם ווי זיא האט אפ גיגעסין אין שילה אונ נאך ווין טרינקען . שתה שטייט . ווין טרינקען . ווייא אלקנה האט גיטרונקען . אונ עס שטייט ניט שתת . אידר טרינקען . ווארום חנה האט ניט גיטרונקען . פרעגט די גמרא אויב שתה מיינט מען ווין טרינקען אונ זי האט ניט געטרונקען וועלין מיר טייטשען אחרי אכלה . נאך אידר עסין . אבער ניט נאך זיין עסין . ווארום ער האט ניט גיגעסין ענטפערט דיא גמרא מיר דרשנן נאר וויל דער פסוק האט גיענדערט זיינע רייד . דער פסוק שטעהט דאך פון איר . פר וואס ביים עסין שטייט אכלה . איר עסין . אונ ביי טרינקען שטייט ניט שתת . איר טרינקען : נאר עס שטייט שתה . זיין טרינקען . ווייל חנה האט ניט געטרונקען . ווארום אשה דארף ניט טרינקען קיין ווין : רבי אבהו האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגען דיא שנור פון נקדימון בן גוריון האט גיבעטען נעמען שפייז פון איר מאנס פאר מעגין . האבען די חכמים גיפסקנת מען זאל איר געבין אלע פרייטאג צווייא סאה ווין אריין צו גיסען אין אירע עסענצייג דיא גאנצע וואך . האט זיא גזאגט צוא דיא חכמים צו אייערע טעכטער זאלט איר אויך אזוי צו זאגין : מיר האבען גילערנט וויל איר מאן איז גישטארבין אן קינדר אונ זי האט גיווארט איר מאנס ברודער זאל מיט איר חליצה האבען . דריבער האבען דיא חכמים ניט גיענטפערט אמן אויף איר ברכה . מיר האבען גילערנט איין כוס ווין איז פר אשה שיין צו טרינקען . צווייא כוסות ווין איז פר אשה מיאוס צו טרינקען . אז זיא טרינקט דרייא כוסות ווין מאכט זיא אונ זאגט מען זאל איר בועל זיין . אז זיא האט גיטרונקען פיר כוסות ווין וואלט זיא גערין אפילו אאייזיל ואבהמה זאל איר בועל זיין אין גאס אונ וואלט זיך ניט גישעמט : רבא זאגט ווען זאל אשה ניט טרינקען ווין נאר אז דער מאן איז ניטא מיט איר . אבער אז דער מאן איז מיט איר מעג זיא טרינקען ווין . פרעגט די גמרא פאר וואס האט חנה ניט גיטרונקען ווין . דער מאן איז דאך גיוועזן מיט איר . ענטפערט די גמרא וויל זיא זענען גיוועזן געסט . פרעמדע מענטשין . אונ רב הונא האט גזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז א גאסט טאר ניט משמש המטה זיין ביז ער קומט אהיים . ווארום עס שטייט אין פסוק אלקנה מיט זיינע ווייבער זענען אויף גישטאנען גאנץ פריא אונ זענען אוועק גיגאנגען אונ זענען גיקומען אהיים . אין דיא שטאט הרמה . אונ אין דער היים האט אלקנה בועל גיוועזן זיין

ווייב

חומא דביתהו דאביי אתאי לקמיה דרבא אמרה ליה פסוק לי מזוני פסק לה פסוק לי חמרא אמר לה ידענא ביה בנחמני דלא הוה שתי חמרא אמרה ליה חיי דמר דהוי משקי ליה בשופרזי כי האי בהדי דקא מחויא ליה איגלי דרעא נפל נהורא בבי דינא קם רבא על לביתיה תבעה לבת רב חסדא אמרה ליה בת רב חסדא מאן הוי האידנא בבי דינא אמר לה חומא דביתהו דאביי נפקא אבתרה מחתא לה בקולפי דשידא עד דאפקה לה מכולי מחוזא אמרה לה קטלת ליך תלתא ואתת למקטל אחריני] :

והדר ירדע אלקמה: חומא. זה שמה: שופרזי. גביעים ארוכים: כי האי. כמדת אמה זרועי. פ״ע: לבת רב חסדא. תבעה את אשתו לתשמיש: בקולפי דשידא. שמכפול של ארגז: קטלת ליך תלתה. שכבר נישאת לשלשה ומתו כדאמרינן ביבמות: למקטל אחריני. שבאת לבעלות יוסף שיקטלו לא עליך] :

ולא כדין מתלין מתליא. ולא כך כי מושלין משל

## מציאת האשה פרק ששי

(דף סו ע״ב) **א** ת״ר מעשה בריב״ז שהיה רוכב על החמור והיה יוצא מירושלים והיו תלמידיו מהלכים אחריו ראה ריבה אחת שהיתה מלקטת שעורים מבין גללי בהמתן של ערביים כיון שראתה אותו נתעטפה בשערה ועמדה לפניו אמרה לו רבי פרנסני אמר לה בת מי את אמרה לו בת נקדימון בן גוריון אמר לה בתי ממון של בית אביך היכן הלך אמרה לו רבי לא כדין מתלין מתליא בירושלים

---

ווייב חנה. אין דער היים. אבער ניט ווען זיא זענין געוועזן אין שילה. ווייל זייא זענען דארט געווען געסט. חומא דיא ווייב פון אביי איז געקומען פר רבא אונ זיא האט געזאגט צו אים. ער זאל פסקענען מען זאל איר שפייזן. האט רבא גיפסקנת מען זאל איר שפייזן. דער נאך האט חומא גיבעטין ביי רבא ער זאל פסקנען מען זאל איר וויין אויך געבין. האט רבא געזאגט צו איר איך ווייס אז אביי אליין פלעגט אויך ניט טרינקען קיין וויין. האט חומא געזאגט צוא רבא איך שווער אזוי ווי דער רבי לעבט אז איך פלעג געבין צו טרינקען מאן אביי גרויסע בעכערס וויין. יעדער בעכער איז געוועזן גרוים ווי דיא האנט. ווייא זיא האט אויף גירעקט די האנט צו ווייזן דיא גרייס פון בעכער. איז ליכטיג געווארין אין בית דין שטוב. איז רבא אויף געשטאנען פון זיין ארט אונ איז גיגאנגען צו זיך אהיים. אונ ער האט גיבעטין ביא דיא טאכטער פון רב חסדא דאס איז זיין ווייב ער זאל איר בועל זיין. הט דיא טאכטער פון רב חסדא זיין ווייב צו אים געזאגט ווער איז איצט געוועזן אין בית דין שטוב. הט רבא צוא איר געזאגט חומא דיא ווייב פון אביי איז געוועזן. האט דיא ווייב פון רבא גינומען אשלאס פון אקאסטען אונ האט גישלאגען דיא חומא אונ האט איר נאך גיאגט ביז זיא האט איר ארוים געטריבען פון דיא גאנצע שטאט מחוזא. אונ דיא ווייב פון רבא הט געזאגט צוא חומא. דוא האסט שוין דריי מאנען גיהרגעט. ביסטו געקומען ווייזן דיין שיינקייט נאך אפערטער מאן זאל דיך נעמען. דוא זאלסט אים אויך הרגענען :

## פרק ששי

**א** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט עס הט אמאהל גיטראפען רבן יוחנן בן זכאי האט געריטען אויף אאייזיל. אונ ער האט ארוים געריטען פון ירושלים. אונ זיינע תלמידים זענען גינאנגען אינטער אים: האט רבן יוחנן גיזעהן אאשה קלויבט גערשטין פון דיא מיסט פון דיא בהמות פון דיא אראבער. וויא דיא אשה האט גיזעהן רבן יוחנן קומט. הט זי בדעקט איר פנים מיט אירע האר אונ זיא האט זיך גישטעלט פאר רבן יוחנן. אונ זיא האט געזאגט צוא רבן יוחנן רבי שפייז מיך. האט רבן יוחנן צו איר געזאגט וועמעס טאכטער ביסטו. האט דיא אשה געזאגט איך בין דיא טאכטער פון נקדימון בן גוריון. האט רבן יוחנן צו איר געזאגט. מיין טאכטער דיא געלט פון דיין פאטער וואו איז אוועק גיגאנגען. האט זיא געזאגט צוא רבי

יותגן

בירושלים מלח ממון חסר ואמרי לה חסד ושל חמיך היכן הוא אמרה לו בא זה ואבד את זה אמרה רבי זכור אתה כשחתמת על כתובתי אמר להם לתלמידיו זכור אני כשחתמתי על כתובתה של זו והייתי קורא בה אלף אלפים דינרי זהב מבית אביה חוץ משל חמיה בכה ריב"ז ואמר אשריכם ישראל בזמן שעושין רצונו של מקום אין כל אומה ולשון שולטת בהם ובזמן שאין עושין רצונו של מקום מוסרן ביד אומה שפלה ולא ביד אומה שפלה אלא ביד בהמתן של אומה שפלה. ונקדימון בן גוריון לא עשה צדקה והתניא אמרו עליו על נקדימון בן גוריון כשהיה יוצא מביתו לבית המדרש כלי מילת היו (דף סז) מציעין תחתיו ובאו עניים ומקפלין אותם מאחריו אבע"א לכבודו הוא דעבד ואבע"א כדבעי ליה למעבד לא עבד כדאמרי אינשי לפום גמלא שיחנא. תניא א"ר אלעזר בר צדוק אראה בנחמה אם לא ראיתיה שהיתה מלקטת שעורים מבין טלפי סוסים בעכו קראתי עליה מקרא זה (ש"ה א) אם לא תדעי לך היפה בנשים צאי לך בעקבי הצאן

ורעי

בירושלים : מלח ממון חסר . הרוצה למלוח ממונו כלומר לגרום לו שיתקיים יחסרנו לצדקה תמיד והחסרון זה קיומו : ואמרי לה חסד . יעשה ממנו חסד ושל בית אביה לא עשו צדקה כראוי וכלה ממונם : בא זה ואבד את זה . לפי שהערב בו : חוץ משל חמיה . תוספת שהוסיף לה החתן : ערביים . קרי אומה שפלה שיושבי אהלים הם במדבר : מציעין תחתיו . תחת רגליו להלוך עליהם : לפום גמלא שיחנא . לפי כח הגמל יטעינוהו משא : אם לא תדעי . אם לא תתני לב כנסת ישראל לשמור את התורה : צאי לך גו'. סופך לצאת בעקבי

---

יוחנן רבי נית אזוי זאגט מען אמשל אין ירושלים. דער וואס וויל איין זאלצען געלט. די געלט זאל ביא אים בלייבען. זאל ער די געלט אלע מאהל וויניגער מאכען. ער זאל געבען פון זייא אויף צדקה. וועט זיין רייכקייט בלייבען ביי אים. אנדערע זאגען נישט חסר, נאר חסד. דער וואס וויל זיין רייכקייט זאל ביי אים בלייבען. זאל ער טאהן מיט זיין געלט חסד. אונ מיינע עלטערן האבען נישט געגעבען צדקה וויא עס דארף זיין. דריבער איז זייער געלט פארלענדט געווארן. אונ וואו איז דאס געלט פון דיין שווער. האט זיא גזאגט צו רבי יוחנן די געלט פון מיין פאטער האט פארלארין די געלט פון מיין שווער. האט די אשה גזאגט צוא רבן יוחנן רבי דוא געדיינקסט ווען דוא האבסט זיך געחתמת אין מיין כתובה. האט רבן יוחנן גזאגט צוא זיינע תלמידים איך געדיינק ווען איך האב מיך געחתמת אויף איר כתובה. האב איך געלייענט די כתובה איז אין איר געשטאנען אז זיא האט געבראכט פון איר פאטער טויזענט מאהל טויזענט גילדענע רענדלאך. אויסער די געלט פון איר שווער. האט רבן יוחנן בן זכאי געוויינט אונ האט גזאגט וואוהל צו אייך יודין. ווען איהר טוהט דעם ווילען פון גאט קען קיין פאלק נית געוועלטיגען אויף אייך. אונ ווען איר טוהט נית דעם ווילען פון גאט. גיט אייך גאט אין די האנט פון אנידעריגע פאלק: אונ נית נאר אין די האנט פון אנידעריגע פאלק. נאר צוא די בהמות פון אנידעריגע פאלק. פרעגט די גמרא אונ נקדימון בן גוריון האט נית געגעבען קיין צדקה. מיר האבען דאך געלערנט מען האט גזאגט אויף נקדימון בן גוריון ווען ער פלעגט גיין פון זיין שטוב צום בית המדרש. פלעגט מען אויס שפרייטין אויף די ערד זיידענע קליידער. אונ ער פלעגט גיין אויף די קליידער. אונ דער נאך וויא ער איז אריבער געגאנגען פלעגין די ארעמע לייט קומען אונ פלעגין צו זאמען וויקלען די זיידענס. אונ פלעגין דם נעמען פאר זיך. ענטפערט די גמרא אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין נקדימון האט דם נית געמיינט צו געבען צדקה. ער האט דאס נאר געטאהן וועגין זיין כבוד. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין אזוי וויא ער האט געדארפט געבען צדקה האט ער נית געגעבען. אזו וויא מענטשין זאגין נאך די שטארקייט פון קעמל אזוי זאל מען אויף אים לייגין די משא. וואס רייכער מען איז מער צדקה דארף מען געבען. מיר האבען געלערנט רבי אלעזר בר צדוק האט גזאגט איך זאל אזוי זעהן וויא ירושלים וועט געטרייסט ווערין. איך האב געזעהן די אשה דם געקליבען גערשטין פון צווישען די קלאהען פון די פערד אין די שטאט עכו. האב איך אויף איר געלייענט דעם פסוק אם לא תדעי לך היפה בנשים. דוא שענסטע פון אלע ווייבער ודיא יודין

וואר

ורעי את גדיותיך וגו' אל תקרי גדיותיך אלא גויותיך:

כלאן ולרעות את גדיותיך: [גויותיך] (ר"ל גופך). להתפרנס. מזונות של צדקה: שבאו לינשא. משל צדקה דאמרינן לקמן אשר יחסר לו זו אשה:

(ע"ב) ב ת"ר יתום ויתומה שבאו להתפרנס מפרנסים את היתומה ואחר כך את היתום מפני שהאיש דרכו לחזור על הפתחים ואין האשה דרכה לחזור. יתום ויתומה שבאו לינשא משיאין את היתומה ואח"כ משיאין את היתום מפני שבשתה של אשה מרובה משל איש. ת"ר יתום שבא לישא שוכרין לו בית ומציעין לו מטה וכל כלי תשמישו ואח"כ משיאין לו אשה שנא' (דברים טו) די מחסרו אשר יחסר לו די מחסורו זה הבית אשר יחסר זה מטה ושלחן לו זה אשה וכה"א (בראשית ב) אעשה לו עזר כנגדו:

ג ת"ר (דברים טו) די מחסורו אתה מצווה עליו לפרנסו ואי אתה מצווה עליו לעשרו. (שם) אשר יחסר לו אפי' סוס לרכוב עליו ועבד לרוץ לפניו. אמרו עליו על הלל הזקן שלקח לעני בן טובים אחד סוס לרכוב עליו ועבד לרוץ לפניו פעם אחת לא מצא עבד לרוץ לפניו ורץ לפניו שלשה מילין. ת"ר מעשה באנשי גליל העליון שלקח

לעני

---

וואס זאגען די שענסטע פון אלע פעלקער. אויב דוא ווייסט ניט צוא היטען די תורה. וועסטו מוזען גיין אין די טריט פון די שעפסין ורעי את גדיותיך. זאלסט ניט לייענען גדיותיך. נאר זאלסט לייענען גויותיך אונ פיטערין דיין גוף: דוא וועסט מוזען צו זאמען קלייבען די קערנער וואס צווישען די טריט פון די שעפסין. אונ דאס וועסטו עסין:

ב תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט אז א יתום אונ א יתומה קומען צום גבאי פון צדקה ער זאל זיי שפייזען. זאל ער פריער שפייזען די יתומה דער נאך דעם יתום. ווייל א זכר קען גיין אין די הייזער בעטין נדבות. אונ א אשה קען ניט גיין אין די הייזער בעטין נדבות. ווייל זיא שעמט זיך. אז א יתום אונ א יתומה קומען צום גבאי פון צדקה מען זאל זיי חתונה מאכען. מאכט מען פריער חתונה די יתומה. דער נאך מאכט מען חתונה דעם יתום: ווייל פאר א מיידל איז מער ניט שיין צוא זיצען אן א מאן ווי א בחור צו זיצען אן א ווייב: די רבנן האבען געלערנט אז א יתום קומט צום גבאי פון צדקה מען זאל אים חתונה מאכען. דינגט מען פון זיינעט וועגען א שטוב. אונ מען קויפט פון זיינעט וועגען א בעט מיט בעטגעוואנט: אונ אלע כלים וואס מען דארף צו ניצונג אין א שטוב. דער נאך מאכט מען אים חתונה. ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט געבין דעם ארעם מאן גענוג זיין פעלונג וואס אים וועט פעלין. גענוג זיין פעלונג. מיינט מען א שטוב צום וואהנען: וואס עס וועט פעלין. מיינט מען א בעט אונ א טיש: צוא אים: מיינט מען א ווייב. אונ אזוי שטייט אין פסוק איך וועל מאכין צוא אים א הילף ענטקעגין. דאס מיינט די ווייב וואס זיא וועט זיין אלע מאהל ענטקעגין אים אונ וועט אים העלפין:

ג תנו רבנן: די רבנן האבין געלערנט די תורה האט געזאגט מען זאל געבין דעם ארעם מאן גענוג זיין פעלונג. איז א מענטש פאר באטין ער זאל שפייזען דעם ארעם מאן. אבער ער איז ניט פאר באטין ער זאל רייך מאכין דעם ארעם מאן. די תורה זאגט מען זאל געבין דעם ארעם מאן וואס אים וועט פעלין. אפילו עס פעלט אים א פערד צו רייטין אויף איהם. אונ א קנעכט זאל לויפין פאר איהם. מוז מען איהם אויך געבין. מען האט געזאגט אויף הלל הזקן אז ער האט אמאהל געקויפט פאר א ארעם מאן פון א גוטע פאמיליע א פערד ער זאל אויף איהם רייטין אונ א קנעכט ער זאל לויפין פאר איהם. אמאהל האט הלל ניט בעקומען צו דינגען א קנעכט וואס זאל לויפין פאר דעם ארעם מאן. איז הלל אליין געלאפין פאר דעם ארעם מאן דרייא תחום שבת דאס הייסט אליינג פון זעקס טויזענד איילין. תנו רבנן. די רבנן האבין געלערנט עס האט אמאהל געטראפין די מענטשין פון אויבערשטין גליל

האבין

לעני בן טובים אחד מצפורי ליטרא בשר בכל יום ליטרא. בשר מאי רבותיה אמר רב הונא ליטרא בשר משל עופות ואי בעית אימא בשר בליטרא ממש רב אשי אמר התם כפר קטן היה ובכל יומא הוו מפסדי חיותא אמטולתיה. ההוא דאתא לקמיה דר' נחמיה א"ל במה אתה סועד א"ל בבשר שמן ויין ישן רצונך שתגלגל עמי בעדשים גלגל עמו בעדשים ומת אמר אוי לו לזה שהרגו נחמיה אדרבה אוי לו לנחמיה שהרגו לזה מבעי' ליה אלא איהו הוא דלא איבעי' ליה לפנוקי נפשיה כולי האי. ההוא דאתא לקמיה דרבא א"ל במה אתה סועד אמר ליה בתרנגולת פטומה ויין ישן א"ל ולא חיישת לדוחקא דצבורא א"ל אטו מדידהו קאכילנא מדרחמנא קאכילנא דתניא (תהלים קמה) עיני כל אליך ישברו ואתה נותן להם את אכלם בעתו בעתם לא נאמר אלא בעתו מלמד שלכל אחד ואחד נותן הקב"ה פרנסתו בעתו אדהכי אתאי אחתיה דרבא דלא חזיא ליה תליסר שני ואתיא ליה תרנגולת פטומה ויין ישן

פנא עופות. שדמיהן יקרים והוא היה מעונג: בשר בליטרא. שהיה בשר ביוקר והיה צריך בשר כדמי ליטרא מעות: כפר קטן היה. ולאין שמוכר מוכר: אמטולתיה. בשבילו והיינו רבותא אפילו כמשקל ליטרא בשר קאמר: ההוא דאתא. עני כמבקש פרנסה: במה אתה סועד. מה אתה רגיל לאכול בסעודתך: בעתו כל לפי מה שהוא צריך

האבין גיקויפט אלע טאג אפונט פלייש פאר אארעם מאן פון אנוטע פאטיליע פון דיא שטאט צפורי. פרעגט דיא גמרא אזוי אגרויסע זאך איז דאס אלע טאג אפונט פלייש. האט רב הונא גיזאגט אפונט פלייש פון עופות: דאס קאסט טייער. אונ אז דו ווילסט וועל איך דיר זאגין אין דער צייט איז גיוועזען פלייש אזוי טייער אז פאר אפונט פלייש האט מען גיגעבין אפונט געלט: רב אשי זאגט דארט איז גיוועזען אקליינער דארף אונ אלע טאג האט מען שאדין גימאכט אבהמה פון זיינעטוועגין. ווארום מען האט אים גיגעבין אלע טאג פרישע פלייש. האט מען גימוזט שעכטין אלע טאג אבהמה פון זיינעט וועגין. אונ דיא דארפס מענטשין האבין נישט גיקענט איין עסין אלע טאג דיא פלייש פון די גאנצע בהמה פלעגט דיא פלייש בלייבין פון איין טאג אויף דעם אנדערין פלעגט פאר שטונקען ווערין אונ מען פלעגט ארויס ווארפין. אמאהל איז גיקומען אארעם מאן פאר רבי נחמיה: האט רבי נחמיה צו אים גיזאגט וואס ביסטו גיוואהנט צו עסין. האט דער ארעם מאן גיזאגט איך בין גיוואהנט צו עסין פעטע פלייש אונ טרינקען אלטען וויין: האט רבי נחמיה צו אים גיזאגט דאס האב איך דיר נישט צוא געבין. נאר אויב דו ווילסט עס מיט מיר ארבעס. האט דער ארעם מאן גיגעסין מיט אים ארבעס אונ איז גישטארבין: האט רבי נחמיה גיזאגט וויא צו דעם מענטש וואס נחמיה האט אים גיהרגעט. פרעגט דיא גמרא פאר קערט האט ער גידארפט זאגין וויא צו נחמיה וואס ער האט גיהרגעט דעם מענטש. נאר אזוי האט רבי נחמיה גיזאגט דער מענטש איז אליין שולדיג אין זיין טויט ער האט נישט גידארפט זיך אזוי איידיל גיוואהנען: אמאהל איז גיקומען אארעם מאן פאר רבא. האט רבא צו אים גיזאגט וואס ביסטו גיוואהנט צו עסין. האט דער ארעם מאן גיזאגט איך בין גיוואהנט צוא עסין אפעטע הון אונ טרינקען אלטען וויין: האט רבא גיזאגט צום ארעם מאן דו זארגסט גאר נישט וואו וועלין דיא שטאט מענטשין דאס נעמען פון דיינעטוועגין: האט דער ארעם מאן גיזאגט איך עס דען פון זייערע. איך עס פון גאט: ווארום מיר האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק דיא אויגין פון אלע בשעפעניש האפין צוא דיר. אונ דוא גיבסט צו זייא זייער עסין אין זיין צייט. עס שטייט נישט אין זייער צייט. נאר אין זיין צייט. דער פסוק לערונט אונז אז גאט גיט צו יעדער בשעפעניש זיין פרנסה אין זיין צייט ומיט וואס דער מענטש איז גיוואהנט גישפייזט צו ווערין. גיט אים גאט. דער ווייל איז גיקומען דיא שוועסטער פון רבא. זיא האט אים נישט גיזעהן דרייצעהן יאהר. אונ זיא האט אים גיבראכט אפעטע הון אונ אלטען וויין: האט רבא גיזאגט וואס פאר אנייס איז דא גיווארין. אזוי לאנג איז מיין שוועסטער נישט גיוועזען: אונ

היינט

ישן אמר מאי דקמאי אמר ליה נעניתי לך קום אכול :

ד ת״ר אין לו ואין רוצה להתפרנס נותנים לו לשום הלואה וחוזרים ונותנים לו לשום מתנה דברי ר׳ מאיר וחכמים אומרים נותנים לו לשום מתנה וחוזרים ונותנים לו לשום הלואה לשום מתנה הא לא שקיל אמר רבא לפתוח לו לשום מתנה. יש לו ואינו רוצה להתפרנס נותנין לו לשום מתנה ותוזרים ונפרעים ממנו חוזרים ונפרעים ממנו הו לא שקיל אמר רב פפא לאחר מיתה ר׳ שמעון אומר יש לו ואינו רוצה להתפרנס אין נזקקין לו אין לו ואינו רוצה להתפרנס אומרים לו הבא משכון וטול כדי שתזוח דעתו עליו :

[צריך] כל יחיד ויחיד לפי למודו : אמר רבא מאי דקמאי. מאי דבר זה שאירע לפני עתה שאלה כייתי רגיל בכך שבאת א לכאן והרנגולת וויין ישן בידה : נעניתי לך. דברתי יותר מדאי :
אין לו. משלו : ואינו רוצה להתפרנס. משל צדקה :
יש לו ואינו רוצה להתפרנס. משלו אלא משל צדקה ומסגף עצמו ברעב : שתזוח דעתו עליו. יגבה לבו לומר דעתם להזור ולגבות ממני ויאכיל והכטוני משכון אין זו אלא הלואה ויטול בלא כושת שיאמר אין לי משכון והם יאמרו טול בלא משכון : ציגורא דדשא. חור שבמפתן וציר הדלת סובב בו : סכות יומא. אותו היום שאין כעני לבו לדעת

ה מר עוקבא הוה ענ״א בשבבותיה דהוה רגיל כל יומא דשדי ליה ארבע זוזי בצינורא דדשא יומא חד אמר איזיל אחזי מאן קא עביד בי ההוא טיבותא ההוא יומא נגהא ליה למר עוקבא בבי מדרשא אתיא דביתהו בהדיה כיון

---

היינט איז זיא גיקומען אונ האט גיבראכט אפעטע הון מיט אלטען וויין ; אזוי ווי דער ארעם מאן האט פארלאנגט : האט רבא גיזאגט צום ארעם מאן איך בין דיר אונטער טעניג . איך האב געגין דיר שלעכט גירעט . נא דיר דיא הון מיט דיא וויין קום אונ עס :

ד תנו רבנן . דיא רבנן האבין גילערונט אז אמענטש האט ניט קיין געלט אונ ער וויל ניט נעמען פון צדקה . זאל מען אים געבין פון צדקה געלט אונ מען זאל אים זאגין מען בארגט אים . נאך אמאהל אז ער וועט דארפין נעמען פון צדקה געלט . זאל מען זאגין מען שיינקט אים אמתנה ניט קיין צדקה . אזוי זאגט רבי מאיר : אונ דיא חכמים זאגין דעם ערשטין מאהל זאל מען זאגין מען שיינקט איהם . דעם אנדערין מאהל זאל מען זאגין מען בארגט אים . פרעגט דיא גמרא ער נעמט דאך ניט קיין מתנה : האט רבא גיזאגט מען הייבט אן מיט אים צו ריידין ער זאל נעמען אמתנה . ניט צדקה ; אונ אויב ער וויל ניט זאל מען זאגין מען בארגט אים . אז איינער האט געלט אונ ער וויל ניט לעבין פאר זיין געלט אונ ער פייניגט זיך מיט הונגער . אונ פון צדקה וויל ער נעמען . זאל מען אים געבין געלט פון צדקה אונ מען זאל זאגין מען שיינקט אים ; דער נאך וועט מען אפ נעמען פון אים דאס געלט . פרעגט דיא גמרא אז מען וועט אפ נעמען פון אים דאס געלט . וועט ער דאך שוין מער ניט וועלין נעמען . האט רב פפא גיזאגט מען מיינט אז ער וועט שטארבין וועט מען אפ נעמען דיא צדקה געלט פון זיין פארמעגין . רבי שמעון זאגט דער וואס האט געלט אונ ער וויל ניט לעבין פון זיין געלט . דארף מען איהם ניט געבין פון צדקה . אז ער האט ניט אונ ער וויל ניט נעמען פון צדקה ; זאל מען זאגין צו אים ברייננ אמשכון וועט מען דיר בארגין ; אונ אז ער זאגט ער האט ניט קיין משכון . זאגט מען צו אים בארג אן אמשכון . אונ וייל מען האט פריער גיזאגט צו אים ער זאל ברייננען אמשכון ; רעכונט ער אז מען מיינט אין אמת נאר צו בארגין ; איז ער גרוים ביי זיך אונ שעמט זיך ניט צו נעמען דאס געלט :

ה מר . נאנט פון מר עוקבא האט גיוואהנט אארעם מאן . אלע טאג פלעגט מר עוקבא אריין לייגין פיר גילדין אין דיא לאך פון דיא שוועל אונטער דיא טיר פון דיא שטוב ווא דער ארעם מאן האט גיוואהנט . אונ דער ארעם מאן פלעגט אלע טאג געפינען דיא פיר גילדען . אמאהל האט דער ארעם מאן גיזאגט איך וועל גיין זעהן ווער מיר טוהט דיא טובה אונ גיט מיר אלע טאג דיא פיר גילדין . דעם טאג ווען דער ארעם מאן איז גיגאנגען זעהן . האט זיך מר עוקבא פארשפעטיגט אין בית המדרש . איז דאס וייב מיט גיגאנגען מיט מר עוקבא אריין

פן ניתן לו: כיון דחזא. כעני: מצלי. הטו עצמם להשליך לתוך גורת דדשא: אלא בכיתאה בגו ביתא. ועניי"ם מוצאים אותי לפניך זכותי גדול: ומקרבא הנייתי. הנאתי מזומנת כה: מחלקת להם בשר ומלח אבל אתה נותן מעות לעניים והם מלחים וקונים סעודה: ומאי כולי האי. למה להם לגנות ולכנוס להנור: היא מוצאת והיא שלחה וגו'. אע"פ שבאת ליטרף לא גלתה הדבר אלא אם כן יגלה הוא ואם לא יגלה נשרפת:
סייסנא. (כפלים) [כפל־יהו]: סיאנקי. שם מקום: זוודי קלילא. צדה קלה

כיון דחזא דקא מצלי ליה לדשא נפק בתרייהו רהוט מקמיה עיילי לההוא אתונא דהוה גרופא נורא הוה קא מיקליין כרעיה דמר עוקבא אמרה ליה דביתהו שקיל כרעיך אותיב אכרעאי חלש דעתיה אמרה ליה אנא שכיחנא בגויה דביתא ומקרבא הנייתי. ומאי כולי האי דאמר מר זוטרא בר טוביה אמר רב ואמרי לה אמר רב הונא בר ביזנא א"ר שמעון חסידא ואמרי לה אמר ר' יוחנן משום רשב"י נוח לו לאדם שימסור עצמו לתוך כבשן האש ואל ילבין פני חבירו ברבים מנא לן מתמר דכתיב (בראשית לח) היא מוצאת:

**ו מר** עוקבא הוה עניא בשבבותיה דהוה רגיל לשדורי ליה ארבע מאות זוזי כל מעלי יומא דכפורי יומא חד שדרינהו ניהליה ביד בריה אתא א"ל לא צריך א"ל מאי חזית חזאי דקא מזלפי ליה יין ישן אמר כפנק כולי האי עייפינהו ושדרינהו ניהליה כי קא ניחא נפשיה אמר אייתין לי חושבנאי דצדקה אשכח דהוה כתוב ביה שבעת אלפי דינרי סיאנקי אמר זוודאי קלילא ואורחא רחיקתא קם בזבזיה לפלגיה ממוניה.

היכי

---

אריין ווארפין דיא פיר גילדין: חיא דער ארעם מאן האט גיזעהן מר עוקבא בייגט זיך איין צי דיא טיר איז ער ארויס גיגאנגען פון שטוב. זענען זייא אנטלאפין פאר איהם. אונ זייא זענען אריין גיגאנגען אין אהויבין וואס עס איז גיוועזן ארויס גישארט פון איהם דיא פייער. האט געברייט דיא פיס פון מר עוקבא. האט דאס ווייב גיזאגט צו מר עוקבא. נעם דיינע פיס אונ לייג זייא אויף מיינע פיס. האט מר עוקבא צער גיהאט פאר וואס זיינע פיס האט געברייט. אונ זיין ווייבס פיס האט ניט געברייט. האט דאס ווייב צוא איהם גיזאגט דאס איז וויל איך בין אגאנצין טאג אין שטוב: ווען דער ארעם מאן קומט טרעפט ער מיך: אונ פון מיין צדקה האט דער ארעם מאן שוין הנאה: ווארום איך גיב איהם ברויט אדער גיקאכטע עסין. אונ דוא ביסט ניטא אגאנצין טאג אין שטוב. אונ פון דיין צדקה האט ניט דער ארעם מאן שוין הנאה. ווארום דוא גיסט איהם געלט דארף ער גיין קויפען עסין. דריבער איז מיין זכות גרעסער. פרעגט דיא גמרא פאר וואס זענען זייא אנטלאפין אונ אריין גיגאנגען אין אהויבין: ענפערט דיא גמרא ווארום מר זוטרא בר טוביה האט גזאגט פון רבס וועגין אנדערע זאגין רב הונא בר ביזנא הט גזאגט פון רבי שמעון חסידאס וועגין. אנדערע זאגין רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין. עס איז בעסער פאר אמענטשין ער זאל זיך אריין ווארפען אין אקאלך הויבין פייער. נאר ער זאל ניט פאר שעמען דעם חבר פאר פיל מענטשין. דאס ווייסען מיר פון תמר. עס שטייט אין פסוק מען האט איר געפירט צום פאר ברענען אונ זיא הט ניט גזאגט אז זי איז מעוברת פון יהודה. נאר אז יהודה אליין וועט מודה זיין אז זיא איז מעוברת פון איהם איז גוט: אונ אז ניט וועט זי פאר ברענט ווערין אונ וועט איהם ניט פאר שעמען:

**ו מר**: נאנט פון מר עוקבא האט גיוואוהנט אארעם מאן. אלע ערב יום כפור פלעגט מר עוקבא שיקען פיר הונדערט גילדין צוא דעם ארעם מאן. אמאהל האט מר עוקבא געשיקט די פיר הונדערט גילדין דורך זיין זוהן: איז דער זוהן גיקומען אונ האט גזאגט צום פאטער דער מענטש איז ניט קיין ארעם מאן ער דארף ניט דיינע געלט. האט מר עוקבא גזאגט צום זוהן וואס האסטו גיזעהן ביא איהם. האט דער זוהן גזאגט איך האב גיזעהן מען האט געשפריצט דיא שטוב מיט אלטען וויין. האט מר עוקבא גזאגט אז דער מענטש איז יא אזוי עדעל: הט ער איהם געשיקט אכט הונדערט גילדין אאהר: איידער מר עוקבא איז גישטארבין האט ער גזאגט מען זאל איהם ברייגען דעם בוך וואס דארט איז פאר שריבען דיא צדקה וואס ער האט גיגעבן.

האט

היכי עביד הכי והא"ר אלעאי באושא התקינו המבזבז אל יבזבז יותר מחומש ה"מ מחיים שמא ירד מנכסיו אבל לאחר מיתה לית לן בה:

ז רבי אבא הוה צייר זוזי בסודריה ושדי ליה לאחוריה ומכצי נפשיה לבי עניי ומצלי עיניה מרמאי. ר' חנינא הוה ההוא עניא דהוה רגיל לשדורי ליה ארבע זוזי כל מעלי שבתא. יומא חד שדרינהו ניהליה בידא דדביתהו אתאי אמרה ליה לא צריך מאי חזית שמעית דהוה קאמרי ליה במה אתה סועד (דף סח) בטלי כסף או בטלי זהב אמר היינו דא"ר אלעזר בואו ונחזיק טובה לרמאים שאלמלא הם היינו חוטאים בכל יום שנאמר (דברים טו) וקרא עליך אל ה' והיה בך חטא. והני ר' חייא בר רב מדפתי ר' יהושע בן קרחה אומר כל המעלים עיניו מן הצדקה כאלו עובד ע"ז כתיב הכא (שם) השמר לך פן יהיה דבר עם לבבך בליעל וגו'. וכתיב התם (שם יג) יצאו אנשים בני בליעל מה להלן ע"ז אף כאן ע"ז:

כלומר להדך רחוקה שלאי יחלה נם: ומלאי עיניה. ומטה עיניו כלפי אחוריו נראות שלא יבא כמחזי ויתירס מבושה: עומו של והכנסים אליב ומתירים אותס: בטלי כסף או בטלי זהב. במסוה של סבין לנמס או בכל מיני לבוחות: סיים העולים. שאנו מעלימים עין מן העניים שאל עכשיו כשמאנס גורמים לנו:

ת"ד

---

האט ער געזעהן עס בטרעפט זיבען טויזענד גילדען פון דעם ארט סיאנקי. האט ער גזאגט מיין שפייז איז ווייניג און דיא וועג איז ווייט. האט ער גיגעבין העלפט פאר מעגין אויף צדקה. פרעגט דיא גמרא וויא אזוי האט מר עוקבא אזוי גיטאהן. רבי אלעאי האט דאך גזאגט אין אושא האט מען גימאכט א תקנה דער וואס וויל געבין פיל צדקה. זאל ער נישט געבין מעהר ווי א פינפטעל פאר מעגין. זאגט דיא גמרא דאס איז נאר אז דער מענטש לעבט. זאל ער נישט געבין מער וויא א פינפטעל. טאמער וועט ער ארעם ווערין. אבער נאך זיין טויט מעג ער געבין וויא פיל ער וויל. אונ מר עוקבא האט אויך גיהייסען נאך זיין טויט זאל מען געבין העלפט פאר מעגין אויף צדקה:

ז רבי אבא פלעגט איין בינדין געלט אין א פאטשיילע אונ האט אויף גיהאנגען דיא פאטשיילע אויף דיא פלייצעס. אונ ער פלעגט גיין צווישען ארעמע לייט. אונ די ארעמע לייט פלעגין אויף בינדען דיא פאטשיילע אונ ארויס נעמען דאס געלט. אונ רבי אבא פלעגט אום בייגין דיא אויגין אויף אינטען אכטונג צוא געבין א פאלשער מענטש זאל ניט ארויס נעמען דיא געלט פון דיא פאטשיילע. רבי חנינא האט גיהאט א ארעם מאן וואס ער פלעגט אים שיקען פיר גילדין אלע ערב שבת. אמאהל האט רבי חנינא געשיקט דיא פיר גילדין דורך זיין ווייב. איז זיא גיקומען אונ האט גזאגט צו רבי חנינא. דער מענטש דארף ניט דיזע פיר גילדין. האט רבי חנינא גזאגט צוא זיין ווייב וואס האסטו געזעהן ביי אים. האט זיא גזאגט איך האב גיהערט מען האט גיפרעגט ביי אים אויף וואס פאר א טישטוך ווילסטו עסין. אויף א וועבענעם טישטוך וואס ער איז ווייס וויא זילבער. אדער אויף א ציידענעם טישטוך וואס ער איז גיפארבט וויא גאלד. האט רבי חנינא גזאגט איצט איז רעכט וואס רבי אלעזר האט גזאגט מיר דארפין דאנקין דיא פאלשע מענטשין. וואס זייא דארפין ניט נעמען צדקה אונ נעמען יא. ווען ניט זייא וואלטין מיר אלע טאג געזינדיגט פאר וואס מיר געבין ניט קיין צדקה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער ארעם מאן וועט רופען אויף דיר צוא גאט פאר וואס דוא גיבסט אים ניט קיין צדקה. וועסטו האבען א זינד. אבער היינט האבען מיר א תירוץ. ווער ווייס טאמער איז ער א פאלשער מענטש. ער דארף ניט נעמען קיין צדקה אונ וויל יא נעמען. רבי חייא בר רב פון דפתי האט גילערינט רבי יהושע בן קרחה האט גזאגט דער מענטש וואס קוקט אוועק פון א ארעם מאן אונ ער גיט אים ניט קיין צדקה. איז גלייך וויא ער וואלט געדינט עבודה זרה. ביי צדקה שטייט דוא זאלסט דיך היטען טאמער וועט זיין מיט דיין הארץ בליעל: א שלעכטע זאך. אונ ביי עבודה זרה שטייט עס ווענען ארויס גיגאנגען מענטשין בני

בריעל

ח ת"ר המכסה את עיניו והמצבה את בטנו והמקפח את שוקו אינו נפטר מן העולם עד שיבא לידי כך:

(דף סח) ט שלח ליה רב ענן לרב הונא הונא חברין שלם כי אתיא הא אתתא לקמך אגבייה עישור נכסי הוה יתיב רב ששת קמיה א"ל זיל אימא ליה ובשמתא יהא מאן דלא א"ל ענן ענן ממקרקעי או ממטלטלי ומאן יתיב בי מרזחא ברישא אזל רב ששת לקמיה דרב ענן א"ל מר רבה ורב הונא רביה דרבה ושמותי שמית מאן דלא א"ל ואי לאו דשמית לא הוה קא אמינא ליה לכר ענן ענן ממקרקעי או ממטלטלי ומאן יתיב בי מרזחא בראש אזל רב ענן לקמיה דמר עוקבא א"ל חזי מר היכי שלח לי רב הונא ענ: ענן ועוד מרזחא דשלח לי [ולא ידענא] מאי ניהו א"ל אימא לי איזי (ע"ג) גופא דעובדא היכי הוה א"ל הבי והכי הוה מעשה א"ל וגברא דלא ידע מאי ניהו מרזחא

המכסה את עיניו. מלהביט עמו כאלו עני הוא כסומא: מקפח שוקו. כאלו שוקו נכווה כדי ליטול צדקה:

הוה יתיב רב ששת קמיה. כבעל הבית לפניו ולקפיד רב הונא על דקרייה הונא חברין: א"ל. רב הונא לרב ששת: זיל אימא ליה. בלשון גנאי שאתה אומר לו: ובשמתא תהיה. אם לא תאמר בלשון זה: ענן ענן. מהיכן אתה אומר שבגונים ממקרקעי או אפי' ממטלטלין ועוד שאלה אחרת השיבני: מאן יתיב בי מרזחא ברישא. מי שיבא בבית האבל יראה הקרואים כשאין מסובין בסעודה מיהו שבר בהסיבתה מי הוא הראש שבגדול שיבא במפה אחת בראש הבלתן יבין לי נמסמ אחרים למטה הימנו: א"ל מר רבה. אתה ורב הונא רבך ולפייסו אמר לו כן שלא יכעוס עליו על שמשמתו שלית בדבר ומדלהו פנים שעל כרחו שמשם שליח לבך: גופא דעובדא. מתנה הדברים מה נכון:

בליעל: לערנען מיר פון אגדה שוה בליעל. אז דער וואס גיט ניט קיין צדקה איז גליך ווי ער וואלט געדינט עבודה זרה:

ח תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט דער וואס מאכט זיך ער זאל אויס זעהן ווי בלינד, און זיין בויך זאל אויס זעהן ווי געשוואלין. און דער וואס ציהט איין די פיס, ער זאל אויס זעהן ווי לאהם והינקעדיג. מען זאל אים געבען צדקה. וועט ער ניט אוועק גיין פון דער וועלט ביז ער וועט אזוי ווערין:

ט שלח. רב ענן האט געשיקט צוא רב הונא. הונא אונזער חבר שלום זאל זיין צו דיר. אז די אשה וועט קומען פאר דיר זאלסטו זעהן זיא זאל נעמען אצעהנטיל פאר מעגין פון די ירושה. איז רב הונא אין בעס געווארין פאר וואס רב ענן האט אים גירופען חבר. און רב ששת איז געזעסען פאר רב הונא ווען דער שליח איז צוא אים גיקומען. האט רב הונא גזאגט צוא רב ששת גיי צוא רב ענן און זאג אים. און אין חרם זאל זיין דער וואס וועט ניט זאגין. און אזו זאלסטו זאגין. ענן ענן פון וואס ווילסטו זאל די אשה נעמען אצעהנטיל. פון פעלדער אדער פון מטלטלין. און נאך זאלסטו אים פרעגין ווען מען עסט די ערשטע סעודה ביי אבל. ווער זיצט ביי די סעודה הויבין אן. איז רב ששת גיגאנגען און איז גיקומען פר רב ענן. האט רב ששת גזאגט צו רב ענן. דוא ביסט ארבי און רב הונא איז דיין רבי: און רב הונא האט גזאגט דער וואס וועט ניט זאגין צוא דיר ווי ער האט גיהייסען זאל ער זיין אין חרם. און ווען רב הונא וואלט ניט גזאגט צחרם. וואלט איך דיר אזוי ניט זאגין: און אזוי האט רב הונא גיהייסען זאגין צוא דיר: ענן ענן פון וואס ווילסטו זאל די אשה געמען אצעהנטיל. פון פעלדער אדער פון מטלטלין. און נאך האט רב הונא גיהייסען ביי דיר פרעגין ווען מען עסט די ערשטע סעודה ביי אבל. ווער זיצט הויבין אן ביי די סעודה. איז רב ענן גיגאנגען צו מר עוקבא. און האט גזאגט צו אים. זעה ווי רב הונא האט צוא מיר געשיקט. ענן ניט רב ענן. און נאך האט ער צוא מיר געשיקט פרעגין מאן יתיב בי מרזחא ברישא. איך ווייס גאר ניט וואס מרזחא איז. האט מר עוקבא גזאגט צוא רב ענן זאג מיר גאר פון אנהייב ווי אזוי איז די זאך גיוועזען. ווי אזוי האסטו צוא אים געשיקט. האט רב ענן גזאגט אזו און אזוי איז די זאך גיוועזען. איך האב געשיקט צוא אים הונא חברין. אונזער חבר הונא. האט מר עוקבא גזאגט צוא רב ענן אמענטש וואס ווייס ניט וואס מרזחא איז שיקט ער צוא רב הונא

און

מרזחא שלח ליה לרב הונא חברין מאי מרזחא אבל דכתיב (ירמיה טז) כה אמר ה' אל תבא בית מרזח וגו' אמר רבי אבהו מנין לאבל שמסב בראש שנאמר (איוב כט) אבחר דרכם ואשב ראש ואשכון כמלך בגדוד כאשר אבלים ינחם. ינחם אחרים משמע. אמר רב נחמן בר רב יצחק ינחם כתיב מר זוטרא אמר מהכא (עמוס ו) וסר מרזח סרוחים. מר וזה נעשה שר לסרוחים:

לשון כנהם לו. ינחם כתיב. אין לך לומר פתח בכוס אות אלא אם כן ח' או כ' סמוכים לו או על פי הנקודה שהתחיו וה"א בתה במקום אות כלנו אמר ינחם וכיון שלא כתב כאן הא"ף על ברחך ע"פ מסורה הכתב אחם קורא ינחם וזהו כמנוחם עצמו כלומר כאבל כמתנחם: מר וזה. מי שכבש נפשו ודעתו זהה ונעתקת מעליו. נעשה שר לסרוחים. לגדולים (לשון וסרח העודף) כבאים נגחמו:

אישי לשון אישות ונשואין: ככלה בבית חמיה. שכבר נשאת ואם לבה נבטלה ואינה בושה כיום:

# המדיר פרק שביעי

(דף ע"א ע"ב) **א אז** הייתי בעיניו כמוצאת שלום (ש"ה ח) א"ר (יונתן) [יוחנן] ככלה שנמצאת שלמה בבית חמיה ורדופה לילך ולהגיד שבחה בבית אביה (הושע ב) והיה ביום ההוא נאם ה' תקראי אישי ולא תקראי לי עוד בעלי א"ר יוחנן ככלה בבית חמיה ולא ככלה בבית אביה:

(דף עב) **ב תניא** היה רבי מאיר אומר מאי דכתיב (קהלת ז) טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה באשר הוא סוף כל האדם והחי יתן אל לבו מאי והחי יתן אל לבו

---

אונ רופט אים אונזער חבר הונא. וואס איז מרזחא: אאבל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גזאגט דוא זאלסט ניט קומען בית מרזח אין דיא שטוב פון אאבל. רבי אבהו האט גזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז דער אבל זיצט הויבען אן. ווארום עס שטייט אין פסוק איך וועל אים דער וויילין זייער וועג אונ וועל זיצען הויבען אן אונ וועל רוהען אזוי וויא א מלך צווישען זיינע עלצטע כאשר אבלים ינחם. אזוי וויא דער וואס טרייסט דיא אבלים. פרעגט דיא גמרא ינחם איז דאך דער טייטש ער טרייסט אנדערע. זיצט דאך ניט דער אבל הויבען אן. נאר דער וואס טרייסט דעם אבל זיצט הויבען אן. האט רב נחמן בר רב יצחק גזאגט עס שטייט ינחם: דער וואס ווערט גיטרייסט דס איז דער אבל. ער זאל זיצען הויבען אן. מר זוטרא האט גזאגט פון דאנען ווייסען מיר אז דער אבל זיצט הויבען אן. עס שטייט אין פסוק וסר מרזח סרוחים. מרזח איז צווייא ווערטער. מר וזח. דער מענטש וואס איז מאר ביטערט. אונ זיינע גידאנקען זענען פון אים אוועק גיגאנגען. דאס איז דער אבל. וסר סרוחים. זאל ער זיין אשר ביי די גרויסע לייט וואס זענען גיקומען אים טרייסטען. דער אבל זאל זיצען הויבען אן: אונ דיא טרייסטער זאלן זיצען ביים דער זייט:

# פרק שביעי

**א אז**: עס שטייט אין פסוק דאמאלס בין איך גיוועזען אין זיינע אויגן אזוי וויא דיא וואס געפינט שלום. (דיא אגדתא געפינט זיך אין סוף מסכת כתובות):

**ב תניא**. מיר האבען גילערנט רבי מאיר זאגט וואס מיינט דער פסוק עס איז בעסער צו גיין אין דיא שטוב וואו מען טרויערט אויף א מת. וויא צוא גיין אין דיא שטוב וואו עס איז א סעודה. ווייל דאדט ווערט מען דעם סוף פון אלע מענטשין. ווערט דער לעבעדיגער געבען אין הארצען. וואס ווערט דער לעבעדיגער געבען אין הארצען. דיא זאכען פון טויט. דער וואס איז מספיד. ווערט מען מספיד זיין. דער וואס בגראבט דעם מת. ווערט מען באגראבען. דער וואס ווייגט מיט אהויכע שטימע אויף דעם מת. ווערט מען אויך ווייגען מיט אהויכע שטימע. דער וואס באגלייט דעם מת. ווערט מען אויך אים באגלייטען. ווערט מען אים מספיד

אכאהל

לבו דברים של מיתה דיספד יספדוניה דיקבר יקברוניה דידל ידלוניה דילוי ילווניה דטען יטענוניה :

ג תנ"ה המדיר את אשתו שלא תשאל ולא תשאיל נפה וכברה ריחים ותנור יוציא ויתן כתובה מפני שמשיאה שם רע בשכנותיה וכן ה א שנדרה שלא תשאל ושלא תשאיל נפה וכברה ריחים ותנור ושלא תארוג בגדים נאים לבניו תצא שלא בכתובה מפני שמשיאתו שם רע בשכניו :

ד נבעון נדרים בנים מתים שנא' (קהלת ה) אל תתן את פיך לחטיא את בשרך וגו' ואיזו הן מעשה ידיו של אדם הוי אומר בניו ובנותיו וכו'.

(ע"ב) פיסקא א"ו יוצאות שלא בכתובה וכו' המקללת יולדיו בפניו. אמר רב יהודה אמר שמואל במקללת יולדיו בפני מולידיו וסימנך (בראשית מח) אפרים ומנשה כראובן ושמעון יהיו לי :

(דף עה) ה ולציון יאמר איש ואיש יולד בה והוא יכוננה עליון (תהלים פז) א"ר מישא בר

דיספד יתן אל לבו אלף הוא יספדוהו ואל ידע לו אם מה כן : דידל. מרים קלו בבכי והמספד : דילוי. מלוה את המת מבית האבל לקבר : רחים ותנור. כמטלטלין : [במקללת יולדיו בפני מולידיו. כלו' בפניו דמתניתין לא תימא לפניו ממש אלא אפילו מקללת אביו של בעל בפני בנו של בעל : וסימנך אפרים ומנשה וגו'. ופסוק זה יהא לך סימן על משנתנו לזכור על יתד דבפניו דמתניתין לא תימא בפניו ממש אלא בפני בנו קאמר והוי כאלו בפניו : אפרים ומנשה. בני בניו כבניו] : ולציון יאמר איש וגו'. לעתיד לבא כשיתקיים מקרא שכתוב והביאו את כל אחיכם מכל הגוים מנחה לה' וגו' כל מקום שימצאו שם ישראל יאמרו עליו אלו מבני ציון זה יולד בה נכתבו שם. ולגי ן

---

אמאהל אים אויך בעלייטין . דער וואס טראגט דעם מת וועט מען אמאל אים אויך טראגין :

ג תניא. מיר האבען אויך אזוי געלערונט דער וואס טוהט אנדר אויף זיין ווייב זי זאל ניט בארגין ביי קיינעם. אונ זיא זאל ניט פאר בארגין צוא קיינעם. ניט אדינע זיפ אונ ניט צגראבע זיפ אונ ניט אמיהל שטיין אונ ניט אהובין : זאל דער מאן איר גטין אונ געבין כתובה. וייל ער מאכט איר אשלעכטין נאמען צווישען דיא שכנים. אונ אויב זיא האט אנדר גטאהן זיא זאל ניט בארגין בייא קיינעם. אונ זיא זאל ניט פאר בארגין צוא קיינעם. ניט אדינע זיפ אונ ניט אגראבע זיפ. אונ ניט אמיהל שטיין אונ ניט אהויבין. אונ זיא זאל ניט וועבין שיינע קליידר פאר זיינע קינדער. זאל זיא נעמען גט פון מאן אן כתובה. וייל זיא מאכט אים אשלעכטין נאמען צווישען דיא שכנים :

ד בעון. אז מען טוהט אנדר אונ מען איז ניט מקיים שטארבין דיא קינדער פון דעם מענטש. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט געבין דיין מויל צוא מאכען זינדיגען דיין לייב פאר וואס זאל גאט זיין אין כעס אויף דיין קול ואויף דיין נדר וואס דו האסט גירעט מיט דיין מויל) אונ ער וועט פאר דארבין דיא ווערק פון דיינע הענט. וואס זענען דיא ווערק פון דעם מענטשינס הענט. זיינע זיהן אונ זיינע טעכטער : דיא ווייבער מוזין נעמען גט און מען דארף זייא ניט געבין דיא כתובה. אז זיא פלוכט דעם מאנס פאטער אונ מוטער פאר דעם מאן. דאס מיינט מען זיא זאגט צום מאן פאר פלוכט זאלין ווערין דיין פאטער אונ מוטער וואס האבען דיך גיבארין. רב יהודה זאגט פון שמואלס וועגין אפילו זיא פלוכט דיא פאטער אונ מוטער פון מאן פאר זיינע קינדער. דאס מיינט מען זיא זאגט צום מאנס זוהן פאר פלוכט זאלין ווערין דיין פאטערס פאטער אונ מוטער וואס זייא האבען אים גיבארין. מוז זיא ארויס גיין פון מאן מיט גט אן כתובה : אצייכען צו גידיינקן וויא מען האט געלערונט וועט זיין דער פסוק יעקב האט גזאגט צו יוסף אפרים אונ מנשה וועלין בייא מיר זיין אזוי וויא ראובן אונ שמעון. אזוי שמועסט דיא משנה אז זיא פלוכט דעם זיידין פר דעם אייניקל :

ה ולציון. אונ צו ציון וועט גזאגט ווערין. יעדער מענטש וואס אין איר איז גיבארין גיווארין. אונ ער איז פאר טריבען גיווארין צווישען דיא פעלקער. אז משיח וועט קומען וועלין דיא פעלקער אים צוריק ברייגען אין ציון. אונ גאט וועט אן ברייטען ציון דיא זאל זיין הויך די העכסטע לאנד פון דער וועלט. רבי מישא דער אייניקל פון רבי יהושע בן לוי האט גזאגט.

סיי

בר בריה דר' יהושע בן לוי אחד הנולד בה ואחד המצפה לראותה אמר אביי וחד מינייהו עדיף כת"י מינן. אמר רבא וחד מינן כי סליק להתם עדיף כתרי מנייהו דהא ר' ירמיה דכי הוה הכא לא הוה ידע מאי קאמרי רבנן כי סליק להתם קרי לן בבלאי טפשאי: (דף עז ע"ב) ז מכריז ר' יוחנן הזהרו מזבובים של בעלי ראתן ר' זירא לא הוה יתיב בזיקיה ר' אלעזר לא עייל באהליה ר' אמי ור' אסי לא הוו אכלי מביעי דההיא מבואה ר' יהושע ב"ל מיכרך בהו ועסיק [בהו ועסיק] בתורה אמר (משלי ה) אילת אהבים ויעלת חן אם חן מעלה על לומדיה אגוני לא מגנא כי הוה שכיב אמרו ליה למלאך המות זיל עביד ליה רעותיה אזל אתחזי ליה א"ל אחוי לי דוכתאי אמר ליה לחיי [א"ל] הב לי סכינך דלמא מבעתת לי באורחא יהבה ניהליה כי מטא להתם דלייה קא מחוי ליה שוור נפיל להדוא גיסא נקטה בקרנא דגלימיה א"ל בשבועתא דלא

כמו ויטלו אכפי סמקום לגלגא על אמתו: אחד הנולד בה כו'. אים אים יולד קה ודים: אחד הנולד בה ואחד המצפה לראותה. יקרא מכניס ויביאהו אלא: והוא יכונה עליון. הקב"ה יכוננה להיות עליון למעלה על כל העולם: וחד מינייהו. מבני ארץ ישראל: עדיף. בקהים ותריפים: וחד מינן. מח"ה שבבבל:

בעלי ראתן. שגן יש לו כמוחו: כוסנו מגומי בעלי ראתן. זבובים הטוכנים עליו קשות להביא אותו הולי על איש אחר: בזיקיה. בזקא שמנשב רוח אחד על שניהם: מיכרך בהו. מדבק אגוס כשעה שעסק בתורה הגבן אגנו ומוכנסת פיס בנגין התורה עליו ולא יוזק: כי הוה שכיב כשהגיע זמנו ליפטר: אחוי לי דוכתאי. כול כמו גן עדן והכאני מקומי: שוור. קפץ: איפגל

סי דער וואס איז געבארין געווארין אין ציון אונ סיי דער וואס האפט צוא זעהן ציון גיהערין שוין צוא ציון. אונ דיא פעלקער וועלין אים ברייגען אין ציון. אביי זאגט איינער פון ארץ ישראל איז אזוי גוט וויא צווייא פון אונז. רבא זאגט אז איינער פון אונז קומט אין ארץ ישראל איז ער אזוי גוט וויא צווייא פון ארץ ישראל. ווארום רבי ירמיה אז ער איז גיוועזן דא אין בבל האט ער ניט גיוואוסט וואס די רבנן זאגין אונ אז ער איז גיקומען אין ארץ ישראל. האט ער אונז גירופען דיא נארישע מענטשין פון בבל.

ז מכריז. רבי יוחנן האט אוים גערופין איהר זאלט אייך היטען פאר דיא פליגען וואס זעצען גישטאנין אויף דיא בעלי ראתן ראס איז א מענטש וואס האט אשערץ אין מוח. ווארום דיא פליגען קענען ברייגען דיא קראנקייט אויף אין אנדער מענטש. רבי זירא איז ניט גיזעסין גאנט פון דעם בעל ראתן ווען עס איז גיוועזן אזוינט טאמער וועט דער ווינט אראב בלאזין דיא קראנקייט פון אים אויף רבי זירא. רבי אלעזר איז ניט אריין גיגאנגען אין דיא שטוב וואו דער בעל ראתן איז גיוועזן. רבי אמי אונ רבי אסי האבין ניט גיגעסין דיא אייער פון דיא גאס וואס דער בעל ראתן האט דארט גיוואהנט. רבי יהושע בן לוי ווען ער פלעגט לערנען תורה פלעגט ער זיך זעצין נעבין דיא בעלי ראתן. אונ האט מיט זייא גילערינט תורה ווארום רבי יהושע האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק דיא תורה איז וויא אגעליבטע איינר אונ זיא ברייגט חן אויף דעם מענטשין. אויב דיא תורה קען געבין חן אויף דעם מענטש וואס לערנט איר. אי גענים אז זיא וועט באשיצען אויף דיא מענטשין וואס לערנען איר. עס זאל קיין שעדין אויף זייא ניט קומען. אז עס איז גיקומען דיא צייט רבי יהושע בן לוי זאל שטארבין. האט מען אין הימעל גיזאגט צום מלאך המות גיי צו רבי יהושע אונ טוה אים זיין ווילען. איז דער מלאך המות גיגאנגען אונ איז גיזעהן געווארין צוא רבי יהושע. האט רבי יהושע גיזאגט צום מלאך המות פיר מיך אין גן עדן אונ ווייז מיר מיין ארט. האט דער מלאך המות גיזאגט צו רבי יהושע גוט איך וועל דיך פירען צום גן עדן. האט רבי יהושע גיזאגט צום מלאך המות גיב מיר דיין מעסער ווארום איך האב מורא טאמער וועסטו מיך שרעקן אין וועג. האט דער מלאך המות גיגעבין צוא רבי יהושע זיין מעסער. אז זייא זענען גיקומען נעבין גן עדן האט דער מלאך המות אויף גיהויבן רבי יהושע אונ האט אים געוויזען וועלכער ארט איז זיינער. האט רבי יהושע אשפרונג גיטאהן אונ איז אריין גיפאלין אין דיא אנדערע זייט. אין גן עדן. האט דער מלאך המות אן גינומען זיין עק קלייד. ער זאל צוריק ארוים גיין. האט רבי

יהושע

אשבועתא . אם נשבע בשבועה מעולם ונשאל עליה והתירה : תבטקי פסטי"ל : א"כ לית את בר ליואי . אין אתה ראוי לכך זה בלתי שומע שהקשת אינו אלא אות ברית שלא יחרוב העולם ואם יש צדיק גמור בדור אין צריך לאות : דלא הואי מידי . לא נראה הקשת בימיו : שושביניה . אוהבו ורגיל

דלא אתינא אמר הקב"ה אי איתשיל אשבועתא ניהדר אי לא לא ניהדר א"ל הב לי סכינאי לא יהב ליה נפקת בת קלא ואמ"ה ליה יהביה ניהליה דמתבעי לברייתא מכריז אליהו קמיה פנו מקום לבר ליואי פנו מקום לבר ליואי אזל אשכחיה לר' שמעון בן יוחאי דהוה יתיב על תלת עשר תבטקי פיזא א"ל את הוא בר ליואי א"ל הן א"ל נראתה הקשת בימיך א"ל הן א"כ אי אתה בר ליואי ולא היא דלא הואי מידי אלא סבר לא אהזיק טיבותא לנפשאי. רבי חנינא בר פפא שושביניה הוה כי הוה קא ניחא נפשיה אמרו ליה למלאך המות זיל עביד ליה רעותיה אזל לגביה ואתחזי ליה א"ל שבקי תלתין יום עד דניהדר תלמודאי דאמרי אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו שבקיה לבתר תלתין יומין אזל אתחזי ליה א"ל אחוי לי דוכתאי אמר לו לחיי א"ל הב לי סכינך דלמא מבעתת לי באורחא אמר לו כחברך בעית למעבד לי אמר לו אייתי

ספר

---

יהושע געזאגט איך שווער איך זאל ניט צוריק ארויס גיין . האט גאט געזאגט אויב רבי יהושע האט אמאהל געשווארין אונ ער האט זיך מתיר געוועזן דיא שבועה. זאל מען אים היינט אויך מתיר זיין דיא שבועה אונ ער זאל ארויס גיין . אונ אויב מען האט אים קיין מאהל ניט מתיר געוועזן א שבועה . זאל מען אים היינט אויך ניט מתיר זיין . אונ ער זאל בלייבן אין גן עדן . איז רבי יהושע געבליבן לעבעדיג אין גן עדן . האט דער מלאך המות געזאגט צו רבי יהושע גיב מיר מיין מעסער . האט רבי יהושע ניט געוואלט געבין . ווייל ער האט מורא געהאט טאמער וויל דער מלאך המות אים הרגנן אין גן עדן . איז ארויס געגאנגען א קול פון הימעל אונ האט געזאגט צו רבי יהושע גיב אים דעם מעסער . ווארום ער בארף דעם מעסער פאר אנדערע מענטשין . ניט פאר דיר . האט אליהו הנביא אים גערופן צוא דיא צדיקים מאכט ריידיג א ארט פאר לוים זוהן : מאכט ליידיג א ארט פאר לוים זוהן . איז רבי יהושע געגאנגען אין גן עדן אונ האט געטראפן רבי שמעון בן יוחאי זיצט אויף דרייצעהן קישנס פון גאלד : האט רבי שמעון געזאגט צו רבי יהושע דו ביסט לוים זוהן . האט רבי יהושע געזאגט יא : האט רבי שמעון געזאגט צו רבי יהושע אין דיא צייט וואס דו ביסט געוועזן אויף דער וועלט האט מען געזעהן א רעגין בויגין' האט רבי יהושע געזאגט יא . האט רבי שמעון געזאגט אויב אזוי ביסטו ניט לוים זוהן . ביסטו ניט ווערט אזוי א כבוד וואס מען האט דא פאר דיר געמאכט . ווארום דער רעגינבויגין איז א צייכין אז דיא וועלט וואלט געדארפט חרוב ווערין : נור גאט האט רחמנות . אונ אז עס איז דא אמתר צדיק אויף דער וועלט . קען ניט דיא וועלט חרוב ווערין . דארף מען דאך ניט דעם רעגינבויגין . זאגט דיא גמרא אבער עס איז ניט אזוי געוועזן . דיא גאנצע צייט וואס רבי יהושע האט געלעבט איז קיין רעגינבויגין ניט געוועזן : נאר רבי יהושע האט ניט געוואלט זאגין אויף זיך אז ער איז אזוי א צדיק : דער מלאך המות איז געוועזן געוואנט אביין צו קומען צו רבי חנינא בר פפא . אז עס איז געקומען דיא צייט רבי חנינא זאל שטארבין . האט מען אין הימעל געזאגט צום מלאך המות . גיי צו רבי חנינא אונ טוה אים זיין ווילען. איז דער מלאך המות געגאנגען אונ איז געזעהן געווארין צו רבי חנינא . האט רבי חנינא געזאגט צום מלאך המות לאז מיך לעבין נאך דרייסיג טעג . ביז איך וועל איבער חזרין מיין לערנען . ווארום מען זאגט וואהל צו דעם וואס קומט אויף יענע וועלט אונ ער געדיינקט זיין לערנען . האט דער מלאך המות אים אפ געלאזן . נאך דרייסיג טעג איז דער מלאך המות געגאנגען אונ איז געזעהן געווארין צוא רבי חנינא . האט רבי חנינא געזאגט צום מלאך המות פיר מיך אין גן עדן אונ וויז מיר מיין ארט : האט דער מלאך המות געזאגט צוא רבי חנינא גוט איך וועל דיך פירען צום גן עדן : האט רבי חנינא געזאגט צום מלאך המות גיב מיר דיין

מעסער

ספר תורה וחזי מי איכא מידי דכתיב ביה דלא קיימתיה א"ל מי איכרכת בבעלי ראתן ואיעסקת בתורה ואפ"ה כי נח נפשיה אפסיק ליה עמודא דנורא בין דידיה לעלמא וגמירי דלא מפסיק עמודא דנורא אלא לחד בדרא או לתרין בדרא קרב לגביה ר' אלכסנדרי אמר עשה בשביל כבוד חכמים לא אשגח עשה בשביל כבוד אביך לא אשגח עשה בשביל כבוד עצמך אסתלק אמר אביי לאפוקי ממאן דלא קיים אפי' אות אחת א"ל רב אדא בר מתנא לאפוקי ממר דלא אית ליה מעקה לאיגריה ולא הא מיהוי הוה וההיא שעתא הוא דשדייה זיקא א"ר חנינא מפני מה אין בעלי ראתן בבבל מפני שאוכלין תרדין ושותין שכר של היזמי. א"ר יוחנן מפני מה אין מצורעים בבבל מפני שאוכלין תרדין ושותין שכר ורוחצין במי פרת:

אלא מלאך המות: מי איכרכת בבעלי ראתן ועסקת בתורה. כדהוה עביד הוא שהיה מסכן בנפשו לכבוד את התורה: בשביל כבוד עצמך. סיקרנו א יך ויפסיק ותעסקו בך: לאפוקי ממאן דלא קיים. עמוד זה בא להוציא מכל מי שלא קיים את כל התורה כמו שקיים הוא: הא' היזמי. שמטילין בו כשות שגדל בסיחמי: פ"ס

# הכותב פרק תשיעי

(דף סט ע"ב) **א ההוא** דא"ל נכסי לטוביה שכיב וכו' אתו ב' טוביה שכן ותלמיד חכם

---

מעסער. ווארום איך האב מורא טאמער וועסטו מיך שרעקין אין וועג. האט דער מלאך המות גזאגט צוא רבי חנינא דוא ווילסט אויך טאהן ווי דיין חבר רבי יהושע האט גיטאהן. האט רבי חנינא גזאגט צום מלאך המות ברייניג אספר תורה אונ זעה אויב עס שטייט אזאך אין די ספר תורה וואס איך האב דאס ניט מקיים גיוועזן. בין איך דאך אזוי אצדיק ווי רבי יהושע. האט דער מלאך המות גזאגט צוא רבי חנינא ביסטו אויך גיזעסין נעבין די בעלי ראתן אונ האסט גילערונט מיט זייא תורה. אזוי ווי רבי יהושע האט גיטאהן. זאגט די גמרא פון דעסטוועגין ווען רבי חנינא איז גישטארבען איז אראפ גיקומען אפייערדיגער זייל אונ האט אפ גיטיילט צווישן רבי חנינא אונ די אנדערע מענטשין וואס זענען דארט גישטאנען. אונ מיר האבין גילערונט אז אפייערדיגער זייל קומט נאר אראפ פאר אזוי אמענטשין וואס איז דער גרעסטער צדיק פון דער וועלט. אדער עס איז דא נאך איין צדיק אזוי ווי ער איז. ניט מעהר. איז רבי אלכסנדרי צוא גיגאנגען נאנט צוא רבי חנינא אונ האט גזאגט צוא איהם טוה וועגין דעם כבוד פון די חכמים. אונ דער פייערדיגער זייל זאל אוועק גיין. האט רבי חנינא נישט אן גינומען דיינע רייד. האט רבי אלכסנדרי נאך גזאגט טוה וועגין דעם כבוד פון דיין פאטער. אונ דר פייערדיגער זייל זאל אוועק גיין. האט רבי חנינא נישט אן גינומען דיינע רייד. האט רבי אלכסנדרי נאך גזאגט טוה וועגין דיין כבוד אונ דער פייערדיגער זייל זאל אוועק גיין. מען זאל קענען צוא גיין צוא דיר דיך מספיד זיין. איז דער פייערדיגער זייל אוועק גיגאנגען. אביי האט גזאגט דער פייערדיגער זייל איז אראפ גיקומען צוא פאר שטעלין אז עס זאל ניט צוא גיין צוא רבי חנינא אזוי אמענטש וואס האט גיפעלט צוא מקיים זיין אפילו נאר איין אות פון די תורה. רב אדא בר מתנא האט גזאגט צוא אביי דער פייערדיגער זייל איז גיקומען צוא פאר שטעלין דו זאלסט ניט צוא גיין רבי חנינא. ווייל דוא האסט ניט גימאכט אמעקה ואנאנעקי צוא דיין בוידים. קען מען אראפ פאלען. זאגט די גמרא עס איז ניט אזוי. עס איז גיוועזן אנאנעט ביי דעם בוידים. נאר איצט האט דער ווינט אראפ גיווארפען דעם גאנעק. רבי חנינא האט גזאגט פאר וואס אין בבל איז ניטא קיין בעלי ראתן. ווייל זייא עסין תרדין אונ טרינקען ביר וואס איז גימאכט מיט אפען. רבי יוחנן האט גזאגט פאר וואס אין בבל איז ניטא קיין קרעציגע מענטשין. ווייל זייא עסין תרדין אונ טרינקען ביר אונ באדין זיך אין די וואסער פון טייך פרת:

## פרק תשיעי

**א** ההוא. אקראנקער האט אמאהל גזאגט מיין פאר מעגין זאל מען נעבין צוא טוביה

אגד

ת"ה קודם קרוב ות"ח ת"ח קודם איבעיא להו שכן וקרוב מאי ת"ש (משלי כז) טוב שכן קרוב מאח רחוק שניהם קרובים שניהם שכנים שניהם ת"ת שודא דדייני:

## אלמנה ניזונת פרק אחד עשר

(דף נו) **א א"ר** [חייא בר אבא א"ר] יוחנן כל המונע תלמידו מלשמשו כאלו מונע ממנו הכד שנאמר (איוב ו) למס מרעהו חסד רב נחמן בר יצחק אומר אף פורק ממנו יראת שמים שנאמר (שם) ויראת שדי יעזוב:

## הנושא פרק שנים עשר

(דף קג) **א ת"ר** בשעה פטירתו של רבי אמר לבני אני צריך נכנסו בניו אצלו אמר להם הזהרו בכבוד אמכם נר יהא דלוק במקומו שלחן יהא ערוך במקומו מטה תהא

**ת"ח קודם.** דמכתמא הדם מגדיק מעביו לנכות בכבת מיהה דחמד מר כל הגביאים לא התנבאו אלא למתנה ת"ה מגכבין: **שודא דדייני.** בטלת הדיינים לפי מה שירלו דיינים שהיה דרכו של מת לקרב את זה יותר מזה או מי שבבניהם מוב וטוב בדרך ישרה שי"ל בו נהכוון כמת לוכו:

**טוחו.** כמו שדי כימה דמתרגמינן ירה כיס כטיל כיס:

**למס מרעהו הכד.** הממים עלמו מרעהו ממים ממנו חכדים ואית דמפקין לה מדכתיב לעיל מיניה ונוסיה מדתה ממני וכמיך ליה למס מרעכו חסד:

**נר יהא דלוק במקומו.** אגל כשלחן כמו בחייו דכל

---

אונ ער איז געשטארבין. זענען געקומען צוויא טובים. איינער איז געוועזן אשכן פון דעם געשטארבענעם. אונ איינער איז געוועזן א למדן. אונ מען ווייסט ניט וועלכין טוביה ער האט גימיינט. זאל מען געבין דעם תלמיד חכם. אונ אויב איינער איז געוועזן א תלמיד חכם. אונ איינער איז געוועזן א פריינד. זאל מען געבין דעם תלמיד חכם דעם פארמעגין. האט מען גיפרעגט אויב איינער איז אשכן אונ איינער איז א פריינד. צו וועמען זאל מען געבין. זאגט די גמרא שלמה המלך האט גיזאגט אז נאנטער שכן איז בעסער וויא א ווייטער ברודער. זאל מען געבין דעם שכן. אונ אויב ביידע טובים זענען געוועזן פריינד. אדער ביידע זענען געוועזן שכנים. אדער ביידע זענען תלמידי חכמים. וועמען זאל מען געבין. מוזין די דיינים קלערין אונ נאך קלערין וועמען דער געשטארבענער האט ליבער גיהאט. דעם זאל מען געבין דאס פארמעגין:

## פרק אחד עשר

**א** אמר. רבי חייא בר אבא האט גיזאגט פון רבי יוחנן וועגין דער רבי וואס לאזט ניט דעם תלמיד ער זאל אים בדינען. פאר מיידט ער פון אים חסד ולאזט ער ניט דעם תלמיד זאל גוט זיין: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק למס מרעהו חסד. דער וואס פאר מיידט זיך פון זיין חבר וְדער רבי וואס פאר מיידט זיך פון זיין תלמיד. ער לאזט ניט דער תלמיד זאל אים בעדינען. פאר מיידט ער פון אים חסד. רב נחמן בר יצחק זאגט דער רבי נעמט אראפ פון דעם תלמיד דיא מורא פאר גאט. וואָרום אז דער תלמיד בדינט זיין רבי איז ער שטענדיג געבין זיין רבי אונ ער זעהט דיא פרומקייט אונ דיא גוטע מדות פון רבי טוהט ער אויך אזוי. אבער אז דער רבי דער ווייטערט דעם תלמיד פון זיך. ווייסט ניט דער תלמיד דאס לערנען. אבער פון גוטע מעשים ווייסט ער ניט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויראת שדי יעזוב. דער תלמיד וועט פארלאזין דיא מורא פאר גאט:

## פרק שנים עשר

**א** תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערנט ווען רבי האט גידארפט שטארבין. האט ער גיזאגט איך דארף מיינע קינדער. זענען דיא קינדער אריין גיגאנגען צו אים. האט רבי גיזאגט צו דיא קינדער איר זאלט זיין געהיט צו געבין כבוד אייער מוטער. אליכט זאל ברענען

תהא מוצעת במקומה יוסף חפני שמעון אפרתי הם שמשוני בחיי והם ישמשוני במותי. הוהרו בכבוד אמכם דאורייתא הוא דכתיב (שמות כ) כבד את אביך ואת אמך אשת אב הוא' אשת אב נמי דאורייתא הוא דתניא (דברים ה) כבד את אביך ואת אמך את אביך זו אשת אביך ואת אמך זה בעל אמך וא"ו יתירה לרבות אחיך הגדול הני מילי מחיים אבל לאחר מיתה לא. נר יהא דלוק במקומו שלחן יהא ערוך במקומו מטה תהא מוצעת במקומה מ"ט כל בי שמשי הוה אתא לביתיה ההוא בי שמשא אתאי שיבבתא קא קרי אבבא אמרה אמתיה שתיקי דרבי יתיב כיון דשמע שוב לא אתא שלא להוציא לעז על צדיקים הראשונים. יוסף חפני ושמעון אפרתי הם שמשוני בחיי והם ישמשוני במותי סבור מינה בהדין עלמא הוא דקאמר כיון דחזו דקדים ערסייהו לערסיה אמרי ש"מ להחוא עלמא הוא דקאמר והאי

ע"ש סיה גא לגיתו מתנסמר כדלקמן: יוסף חפני. דמן חיפה: את אביך. כל אתין רבויין: וא"ו יתירה. ד"את אמך: כגי מילי. דחייב בכבוד אשת אביו בחיי אביו: בי שמשי. ע"ש והלא בעיני לפי שבין השמשות שלו שגור בפי כל וכל הכדיש אליו לגמור מגלכתם עד שלא תחשך לא קרי בי שמשי: שלא לגאות לעז כו'. לומר לא צדיקים היו שלא היה להם רשות לבא לביתם כמו כני: סבור מינה בהדין עלמא. שהיה מתם שיתעסקו בקבורתו: דקדים ערסייהו לערסיה. מת נקברו תחלה: והאי דקאמר הכי. שמוקן לשמש

אויף דעם ארט וואו עס ברענט אלע מאהל. דער טיש זאל זיין געגרייט אויף דיין ארט וואו ער שטייט אלע מאהל. דיא בעט זאל זיין געבעט אויף איר ארט וואו זיא שטייט אלע מאהל. יוסף חפני אונ שמעון אפרתי זייא האבין מיך בעדינט בייא מיין לעבין. זייא זאלין מיך בעדינען בייא מיין שטארבין. פרעגט דיא גמרא צוא וואס האט רבי געבאטין דיא קינדער זיא זאלין זיין געהיט צוא געבין כבוד זייער מוטער. זייא מוזין דאך געבין כבוד זייער מוטער. וויל דיא תורה האט געבאטין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט געבין כבוד צוא דיין פאטער אונ מוטער. ענטפערט דיא גמרא עס איז ניט געוועזן קיין מוטער. נאר דעם פאטערס ווייב. דיא ווייב פון רבי. פרעגט דיא גמרא דעם פאטערס ווייב שטייט דאך אויך אין דיא תורה אז מען דארף איר געבין כבוד. ווארום מיר האבין געלערנט עס שטייט אין פסוק כבד את אביך ואת אמך. ווענע דיא צווייא מאהל את איבעריג נאר את אביך מיינט מען דיין פאטערס ווייב. דיין שטיף מוטער. אונ את אמך מיינט מען דיין מוטערס מאן. דיין שטיף פאטער. אונ דער איבעריגער ואו"ו פון ואת אמך. מיינט מען דיין עלטערין ברודער. מוז אמענטש געבין כבוד דיין שטיף פאטער אונ דיין שטיף מוטער אונ דיין עלטערין ברודער. ענטפערט דיא גמרא ווען דארף אמענטש געבין כבוד דיין פאטערס ווייב. נאר ווען דער פאטער לעבט. אבער אז דער פאטער איז שוין געשטארבין דארף ער ניט געבין כבוד צו דיא שטיף מוטער. דריבער האט רבי געבאטין צו דיינע קינדער אז אפילו נאך זיין שטארבין זאלין זייא געבין כבוד צו זיין ווייב. רבי האט געבאטין אליכט זאל ברענען אויף דעם ארט וואו עס ברענט אלע מאהל. דער טיש זאל זיין געגרייט אויף זיין ארט וואו ער שטייט אלע מאהל. דיא בעט זאל זיין געבעט אויף איר ארט וואו זיא שטייט אלע מאהל. צו וואס דארף מען דאס. זאגט דיא גמרא אלע פרייטאג צו נאכט פלעגט רבי קומען אהיים. אמאהל פרייטאג צוא נאכט איז געקומען א שכנתע האט גערופן בייא דיא טיר מען זאל איר עפענען. האט דיא דינסט געזאגט צו דיא שכנתע שווייג. ווארום רבי זיצט. ווי רבי האט דאס געהערט איז ער שוין מער ניט געקומען. מען זאל ניט רידין אויף אנדערע צדיקים. ווארום מען ווערט זאגין ווייל זייא קענען ניט קומען אהיים אזוי וויא רבי. איז געווים אז זיי זענין ניט געוועזן אזוי פרום ווי רבי. רבי האט געזאגט יוסף חפני אונ שמעון אפרתי האבין מיך בעדינט ביי מיין לעבין. זאלין זיי מיך בעדינען ביי מיין שטארבין. האט מען געמיינט אז רבי וויל זיי זאלין אים בעדינען אויף דער וועלט. זיי זאלין אים בגראבין אונ מספיד זיין. ווייא מען האט געזעהן אז יוסף אונ שמעון זענין געשטארבין פריער ווי רבי האט מען געזאגט אז רבי מיינט זיי זאלין אים בעדינען אויף יענע וועלט. פרעגט דיא גמרא צו וואס האט דאס רבי

נידארפט

והאי דאמר הכי דלא ליטרו סלתא הואי להו ועד האידנא נמי זכותא דרבי הוא דאתניא להו. אמר להם להכמי ישראל אני צריך נכנסו אצלו חכמי ישראל אמר להם אל הספדוני בעיירות (פ"נ) והושיבו ישיבה לאחר שלשים יום שמעון בני חכם גמליאל בני נשיא חנינא בר חמא ישב בראש. אל תספדוני בעיירות סבור מינה משום טרחא הוא דקאמר כיון דחזו דקספדי בכרכים וקאתו כ"ע [אמרו] ש"מ משום יקרא הוא דקאמר. הושיבו ישיבה לאחר שלשים יום דלא עדיפנא מכשה רבינו דכתיב (דברים לד) ויבכו בני ישראל את משה בערבות מואב שלשים יום תלתין יומין ספדי בימכא ולילא מכאן ואילך ספדי בימכא וגרסי בליליא או ספדי בליליא וגרסי בימכא עד דכפדי תריסר ירחי שתא. ההוא יומא דאשכבתיה דר' נפק בת קול ואמרה כל דהוה באשכבתיה דר' מזומן הוא לחיי העולם הבא. ההוא כובס כל יומא הוה אתי קמיה ההוא יומא לא אתא כיון דשמע הכי סליק

סימוהו וישרתוהו : דלא ליטרו. לינכי עליהא כימוהו מלהא דהוכרה כו' שלא וכו להעכבן בו ולאגוהי מלהא דסהי דנה שכיבו כבני דרבי שהיו דרבי לגנא עלייהו : עיירות. גדולות מן כפרים וכרכים גדולים מכם : והושיבו ישיבה. לפסוק בתורה : לאחר שלשים יום. של פטירתו מיד אלא סהיו עסוקים בהספד : שמעון בני חכם הוא. לקמן סריך מהי קאמר : חנינא בר חמא ישב בראש. סימנה : כבור מינה משום טורח. דבני כפרים דסמיכי בעיירות ואתו למספדי : כיון דחזו דקא מספדו בכרכים וקא אתו כולי עלמא. עיירות ומכפרים אמרו משום יקרא הוא דאמר : יומא דאשכבתיה. יום פטירתו :

ארישא

גיבארפט זאגין. אז יוסף אונ שמעון וועלין איהם בעדינען אויף יענע וועלט. ווארום אז מען וועט ועהן ויי שטארבין גלייך ווען רבי שטארבט. וועט מען זאגין זיי האבין געזינדיגט דריבער שטארבין זייא יונג. אונ וואס זייא האבין גילעבט ביז איצט. דער זכות פון רבי האט זייא גיהאלפין. דריבער האט רבי פריער גיזאגט אז זייא וועלין שטארבין פאר אים. זייא זאלין אים בעדינען אויף יענע וועלט. דער נאך האט רבי גיזאגט איך דארף דיא חכמים פון דיא (ישראל) יודין. זענען אריין גיגאנגען צו אים דיא חכמים פון דיא יודין. האט רבי גיזאגט צוא זייא איר זאלט ניט זאגין אויף מיר אהספד אין קליינע שטעט. אונ באלד נאך דרייסיג טעג פון מיין שטארבין זאלין די מענטשין פון דער ישיבה ווייטער לערנען אזוי ווי זיי האבין גילערנט ווארום די גאנצע דרייסיג טעג האט די ישיבה ניט גילערנט מען האט טאג אונ נאכט גיזאגט הספדים אויף רבין. מיין זוהן שמעון איז א חכם. מיין זוהן גמליאל זאל זיין א נשיא. חנינא בר חמא זאל זיין דער ראש ישיבה. זאגט דיא גמרא רבי האט גיזאגט מען זאל אים ניט מספיד זיין אין קליינע שטעט. האט מען גימיינט ווייל רבי וויל ניט מטריח זיין דיא דארפס מענטשין וואס זייא וועלין געווים קומען אין שטאט צום הספד. אז דיא חכמים האבין גיזעהן מען איז אים מספיד אין גרויסע שטעט אונ אלע מענטשין קומען צום הספד פון די דערפער אונ פון דיא שטעט. האט מען גיזאגט רבי האט געווים גימיינט פון וועגין דעם כבוד פון דער תורה. דריבער זאל מען אים מספיד זיין אין גרויסע שטעט. עס זאל זיין גרויס כבוד. נאך האט רבי גיזאגט אז באלד נאך דרייסיג טעג פון זיין שטארבין זאלין דיא מענטשין פון דער ישיבה ווייטער לערנען אזוי ווי זייא האבין גילערנט. ווארום איך בין ניט בעסער פון משה רבינו. ביי משה רבינו שטייט די יודין האבין גיוויינט אויף משה אין ערבות מואב דרייסיג טעג. דיא ערשטע דרייסיג טעג נאך רבים שטארבין. האט מען גיזאגט הספדים ביי טאג אונ ביי נאכט. נאך דרייסיג טעג האט מען מספיד גיוועזין ביי טאג אונ מען האט גילערנט ביי נאכט. אדער מען האט מספיד גיוועזין ביי נאכט אונ מען האט גילערנט ביי טאג. ביז צוועלף חדשים פון יאהר. דער טאג וואס רבי איז גישטארבין איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גיזאגט ווער עס איז גיוועזין ביי רבים שטארבין. איז ער אן גיגרייט צוא לעבין אויף יענע וועלט. עס איז גיווען א וועשער וואס ער פלעגט קומען אלע טאג פאר רבי. דעם טאג וואס רבי איז גישטארבין איז ער ניט גיקומען. ווייא דער וועשער האט גיהערט וואס דער קול פון הימעל האט גיזאגט. איז ער ארויף גיגאנגען אויף דעם בוידים אונ האט זיך אראפ גיווארפען

סליק לאיגרא ונפל לארעא ומית יצתה בת קול ואמרה ף ההוא כובס מזומן לחיי העולם הבא:

ב שמעון בני חכם מאי קאמר ה"ק אע"פ ששמעון בני חכם גמליאל בני נשיא אמר לוי צריכא למימר אמר ר"ש בר רבי צריכא לך ולמטלעתך מאי קשיא ליה הא קרא קאמר (דה"ב כא) ואת הממלכה נתן ליהורם כי הוא הבכור ההוא ממלא מקום אבותיו הוה ורבן גמליאל אינו ממלא מקום אבותיו הוה ורבי מאי טעמא עבד הכי נהי דאינו ממלא מקום אבותיו בחכמה ביראת חטא ממלא מקום אבותיו הוה. חנינא בר חמא ישב בראש לא קבל רבי חנינא שהיה ר' אפס גדול ממנו שתי שנים ומחצה יתיב ר' אפס ברישא ויתיב ר' חנינא אבראי ואתא לוי ויתיב גביה נח נפשיה דר' אפס ויתיב ר' חנינא ברישא ולא הוה ללוי איניש למיתב גביה וקאתא לבבל והיינו דאמרי ליה לרב גברא רבה אקלע לנהרדעא ומטרע ודריש כלילא שרי אמר ש"מ נח נפשיה דר' אפס ויתיב ר' חנינא ברישא ולא היה ליה ללוי אינש למיתב גביה וקאתי ואימא

צריכא למימר. בתמיה דרבן גמליאל דנשיא הוא דלאו נביאה: לך ולמטלעתך. פיסח היה כדה וריק בעלמא לוי אחוי קידה ואיטלע. מאי קשיא ליה. לר"ש בר רבי דאמר צריכא למימר אמאי צריכא הא קרא כתיב: ההוא ממלא מקום אבותיו הוה. כלו' אין באחיו הטוב ממנו אבל כאן היו אחיו גדול ממנו: ויתיב ר' חנינא אבראי. חוץ לבית המדרש שלא היה נכנס לר' אפס: וקאתא. לוי לבבל: כלילא שרי. נפלה כתר בשבת. ש"מ מאן דרכה לצאת בכלילא אשה השובה ואשה חשובה

ניוואָרפֿין אויף דיא ערד אונ איז געשטאָרבין. איז אַרויס גיגאַנגען אַקול פֿון הימעל אונ האָט גזאָגט דער וועשער איז אויך אָנגיברייט צו לעבין אויף יענע וועלט:

ב שמעון. רבי האָט גיזאָגט מיין זוהן שמעון איז אַחָכם. צו וואָס האָט ער דאָס גיזאָגט. נאָר אַזוי האָט רבי גיזאָגט. אפילו מיין זוהן שמעון איז אַחָכם. פֿון דעסטוועגין זאָל מיין זוהן גמליאל זיין אַנשיא. האָט לוי גיזאָגט דאָס האָט רבי גידאַרפֿט זאָגין? גמליאל איז דאָך גיוועזן עלטער פֿון שמעון. געוויס וועט גמליאל זיין אַנשיא. האָט רבי שמעון בר רבי גיזאָגט צו לוי מען דאַרף דיך מיט דיין קוליע וואָרום לוי איז גיוועזן לאָהם והינקעדיג אונ איז גיגאַנגען מיט אַקוליע. רבי האָט גידאַרפֿט זאָגין אַז גמליאל זאָל זיין אַנשיא. אָבער אַז ער וואָלט ניט גיזאָגט וואָלט ער ניט גיוועזן אַנשיא. פֿרעגט דיא גמרא פֿאַר וואָס וואָלט גמליאל ניט גיוועזן אַנשיא. עס שטייט דאָך אין פסוק יהושפט האָט גיגעבין דיא מלוכה צו יהורם ווייל ער איז גיוועזן דער בכור. ענטפֿערט דיא גמרא ווייל יהורם איז גיוועזן גליך צו זיין פֿאָטער יהושפט. אונ צווישען דיא ברידער איז ניט גיוועזן קיין בעסערער וויא יהורם. דריבער האָט מען אים גיגעבין דיא מלוכה. אָבער רבן גמליאל איז ניט גיוועזן גליך צו רבי. אונ דער ברודער איז גיוועזן אַגרעסערער חכם פֿאַר אים דריבער וואָלט מען אים ניט גימאַכט פֿאַר אַנשיא. פֿרעגט דיא גמרא פֿאַר וואָס האָט רבי טאַקי גיזאָגט אַז רבן גמליאל זאָל זיין אַנשיא. ענטפֿערט דיא גמרא אֶמֶת רבן גמליאל איז ניט גיוועזן אַזוי אַחכם וויא רבי. אָבער אין פֿרומקייט איז רבן גמליאל גלייך גיוועזן צו רבי:

רבי האָט גיזאָגט חנינא בר חמא זאָל זיין אַראש ישיבה. רבי חנינא האָט ניט גיוואָלט זיין אַראש ישיבה. ווייל רבי אפס איז גיוועזן עלטער פֿון רבי חנינא מיט צוויא אונ אַהאַלב יאָהר. איז רבי אפס גיוואָרין אַראש ישיבה. אונ רבי חנינא איז גיזעסין אויסער דעם בית המדרש: ווייל עס האָט ניט גיפּאַסט פֿאַר רבי חנינא ער זאָל זיין אַתלמיד ביי רבי אפס. איז גיקומען לוי אונ איז גיזעסין נעבין רבי חנינא. דער נאָך איז רבי אפס גישטאָרבין. איז רבי חנינא גיוואָרין אַראש ישיבה. האָט לוי ניט גיהאַט נעבין וועמין צוא זיצען. איז ער גיקומען אין בבל. דאָס איז וואָס מען האָט גזאָגט צוא רב אַגרויסער תלמיד חכם איז גיקומען אין נהרדעא אונ ער איז לאָהם והינקעדיג. אונ ער האָט גידרשת אַז אַאשה מעג אַרויס גיין אום שבת מיט דעם צירונג וואָס הייסט כלילא. האָט רב גזאָגט איצט ווייס איך אַז רבי אפס איז גישטאָרבין. אונ רבי חנינא איז גיוואָרין אַראש ישיבה. האָט ניט לוי געבין וועמען צוא זיצען. איז ער גיקומען אַהער

פרעגט

ואימא ר' חנינא נח נפשיה ורבי אפס כדיתיב יתיב ולא הוה ליה ללוי אינש למיתב גביה וקאתי אבע"א לוי לר' אפס מיכף הוה כייף ליה ואבע"א כיון דאמר רבי ר' חנינא בר חמא ישב בראש לאסגי דלא מליך דכתיב בהו בצדיקים (איוב כב) ותגזר אומר ויקם לך

אין אלפא ותהוית כפ' במה אשה יוצאה : מיכף הוה כייף ליה. קדם שגלה ממקומו אצל לר' חנינא אין כייף : והא הוה ר' חייא . ולמנייה רבי לראש ישיבה : קברו של רבי . אותו של רבי (הוריד) [הורדתי] עליו דמעות : בע"ש סימן יפה . שיכנס למנוחה מיד : במוצאי יום הכפורים . שמחלו עונותיו

והא הוה ר' חייא נח נפשיה. והא"ר חייא אני ראיתי קברו של רבי והורדתי עליו דמעות איפוך והא"ר חייא אותו היום שמת רבי בטלה קדושה איפוך והתניא כשחלה רבי נכנס ר' חייא אצלו וכצאו שהוא בוכה א"ל רבי מפני מה אתה בוכה והתניא מת מתוך שחוק סימן יפה לו מתוך הבכי סימן רע לו פניו למעלה סימן יפה לו פניו למטה סימן רע לו פניו כלפי הכותל סימן רע לו פניו כלפי העם סימן יפה לו פניו ירוקין סימן רע לו פניו צהובין ואדומים סימן יפה לו מת בערב שבת סימן יפה לו במוצאי שבת סימן רע לו מת בערב יום הכפורים סימן רע לו במוצאי יום הכפורים סימן יפה לו מת

---

פרעגט דיא גמרא טאמער איז רבי חנינא געשטארבן. אונ רבי אפס לעבט אונ איז נאך ווייטער ראש ישיבה אזוי וויא ער איז געוועזן. האט ניט לוי געבין וועמען צוא זיצען. איז ער געקומען אהער: ענטפערט דיא גמרא אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין אז רבי חנינא וואלט ניט געלעבט וואלט לוי געזעסען ביא דער ישיבה פון רבי אפס אונ ער וואלט ניט געקומן אין בבל. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין וויא באלד רבי האט געזאגט חנינא בר חמא זאל זיין ראש ישיבה. קען ניט זיין אז רבי חנינא איז געשטארבן אונ איז ניט געוועזן ראש ישיבה. עס שטייט דאך אין פסוק ביא דיא צדיקים אזוי וויא דוא וועסט גוזר זיין וועט גאט מקיים זיין: פרעגט דיא גמרא רבי חייא איז דאך געוועזן. פאר וואס האט רבי אים ניט געמאכט פאר ראש ישיבה. ענטפערט דיא גמרא רבי חייא איז געשטארבן פריער וויא רבי. פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך געלערנט רבי חייא האט געזאגט איך האב געזעהן דעם קבר פון רבי אונ האב אויף אים געגאסען טרערין: זאגט דיא גמרא פאר קערט האט מען געלערנט. רבי האט געזאגט איך האב געזעהן דעם קבר פון רבי חייא אונ האב אויף אים געגאסען טרערין: פרעגט די גמרא מיר האבען דאך געלערנט רבי חייא האט געזאגט אין דעם טאג וואס רבי איז געשטארבן האבן אויף געהערט צוא זיין היילינגע מענטשין ווארום רבי האט מען גירופען רבינו הקדוש. ועיין בתוספות וריטב"א. זאגט דיא גמרא פאר קערט איז געוועזן: רבי האט אזוי געזאגט אויף רבי חייא. דעם טאג וואס רבי חייא איז געשטארבען האבען אויף געהערט צוא זיין היילינגע מענטשין. פרעגט דיא גמרא מיר האבין דאך געלערנט אז רבי איז קראנק געווארין איז רבי חייא אריין גיגאנגען צוא רבי. אונ ער האט געטראפען רבי וויינט. האט רבי חייא געזאגט רבי פאר וואס וויינסטו. מיר האבען דאך געלערנט דער וואס שטארבט לאכענדיג איז אגוטער סימן צו אים: דער וואס שטארבט וויינענדיג איז אשלעכטער סימן צוא אים. דער וואס שטארבט מיט דעם פנים ארויף. איז אגוטער סימן צו אים. דער וואס שטארבט מיט דעם פנים אראפ: איז אשלעכטער סימן צו אים. דער וואס שטארבט מיט דעם פנים צום וואנט. איז אשלעכטער סימן צו אים. דער וואס שטארבט מיט דעם פנים צוא דיא מענטשין. איז אגוטער סימן פאר אים. דער וואס זיין פנים איז גרין אונ געל ווען ער שטארבט. איז אשלעכטער סימן צוא אים. אונ דער וואס זיין פנים איז פרייליך אונ רויט ווען ער שטארבט. איז אגוטער סימן צוא אים. דער וואס שטארבט אום ערב שבת איז אגוטער סימן פאר אים. אונ דער וואס שטארבט אום מוצאי שבת: איז אשלעכטער סימן צוא אים. אונ דער וואס שטארבט אום ערב יום כפור. איז אשלעכטער סימן צו אים: ווייל ער איז געשטארבן מיט אלע עבירות: דער וואס שטארבט דיא נאכט נאך יום כפור. איז אגוטער סימן צוא אים: ווייל פאר זיין שטארבין האט מען אים מוחל געווען אלע עבירות. דער וואס שטארבט פון אגידערים קראנקייט. איז אגוטער סימן צו

אים

בהולי מעים סימן יפה לו מפני שרובן של צדיקים מיתתן בחולי מעים א"ל אנא אתורה ומצות קא בכינא אבע"א איפוך ואבע"א [לעולם לא תיפוך] רבי חייא עסוק במצוה הוה ור' סבר לא אפגריה :

**נ והיינו** דכי הוו נצי ר' חנינא ור' חייא א"ל ר' חנינא לר' חייא בהדי דידי מנצית דאם ח"ו נשתכחה תורה מישראל מהדרנא לה מפלפולי א"ל ר' חייא אנא עבדי דלא לשתכח תורה מישראל דאייתינא כיתנא ושדיינא ומגדלנא נשבי וצייד‍נא טביא ומאכילנא בישרא ליתמי ואריכנא מגלתא ממשכי דטביי וסליקנא למתא דלית בה מקרי דרדקי וכתיבנא חמשה חומשי לחמשה ינוקי ובתנינא שתא סדרי לשתא ינוקי לכל חד וחד אמרי ליה אתני סדרך לחברך. והיינו דאמר רבי כמה גדולים מעשה חייא א"ל ר"ש בר רבי אפילו מכך אמר לו אין אמר לו רבי ישמעאל ברבי יוסי אפילו מאבא אמר

וסי' יפה לו: לא אסגריה. לא אגסליה ממטות: שדייתא. זרעתא: ומגדלנא נשבי. מקלע לאי מכמורות ודומה לו אין פורסין נשבין ליונים: ולייזנא סביה. צביים: ואריכנא מגלתא. ומתקן אני קלפים להכינה לשון תיקון כדאמרינן במסכת סוכה אריך הו לא אריך כלומר מתוקן או אינו מתוקן ובספר עזרא נמי כתיב ועורים מגלא

---

אים. ווייל דאס מערסטע צדיקים שטארבין פון אגידערים קראנקייט. ווייעגע נידערים זאל ביין ווערין פון צואה: זייא זאלין קומען מיט ארייניגעם גוף אויף יענער וועלט. האט רבי גזאגט איך וויין ניט וואס איך שטארב. נאר איך וויין ווארום איך וועל שוין מער ניט לערנען תורה אונ וועל שוין ניט מאכין קיין מצות. ווען מיר דאך אז רבי איז גישטארבין פאר רבי חייא. ענטפערט דיא גמרא אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין דוא זאלסט דאס אויך פארקערין. רבי חייא איז קראנק גיוועזען אונ רבי איז גיקומען צוא רבי חייא אונ האט אים גיטראפין וויינען. אונ רבי האט גזאגט צוא רבי חייא דיא גאנצע זאך וואס דא שטייט: אז רבי חייא גישטארבין פר רבי. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין דוא זאלסט ניט פארקערין: אונ רבי איז גישטארבין פריער חיא רבי חייא. נאר פאר וואס האט רבי ניט גימאכט רבי חייא פאר ארא‍ש ישיבה. ווייל רבי חייא פלעגט זיין בשעפטיגט צוא טאהן פיל מצות. האט רבי גיטראכט איך וויל אים ניט שטערין פון מצות. אז איך וועל אים מאכען פאר אראש ישיבה וועט ער זיין בשעפטיגט מיט דער ישיבה אונ וועט ניט קענען טאהן מצות:

**נ והיינו**: דס איז וואס מיר האבען גילערונט אז רבי חנינא מיט רבי חייא פלעגין קריגען האט רבי חנינא גזאגט צוא רבי חייא מיט מיר קריגסטו. אויב חס ושלום דיא תורה וועט פארגעסין ווערין פון דיא יודין וועל איך דיא צוריק אויף שטעלין מיט מיין שארפין שכל. האט רבי חייא גזאגט צוא רבי חנינא איך האב גימאכט אז דיא תורה זאל ניט פארגעסין ווערין פון דיא יודין. איך האב גיברייננגט פלאקס אונ האב פארזייט. אונ פון דיא פלאקס האב איך גימאכטע נעצין. אונ מיט דיא נעצין האב איך גיפאנגען הירשען. אונ האב זייא גישאכטען אונ איך האב גיגעבין עסין דיא פלייש פון דיא הירשען צוא יתומים. אונ פון דיא פעל פון דיא הערשין האב איך גימאכט פארמעט. אונ איך בין גיגאנגען אין אשטאט וואס דארט איז ניטא קיין ברבקי מלמד. אונ איך האב געשריבען אויף דעם פארמעט פינף חומשים צו פינף קינדער. צוא איין קינד האב איך גיגעבין דעם ספר בראשית. צום אנדערין שמות. צום דריטען ויקרא. צום פערטין במדבר. צום פינפטין דברים. אונ איך האב גילערונט זעקס סדרים משניות מיט זעקס קינדער. צוא יעדער קינד האב איך גילערונט אסדר משניות. אונ צוא יעדער קינד האב איך גזאגט לערין דיין ספר חומש אונ דיין סדר משניות מיט דיין חבר. ועלין אלע קינדער פון שטאט קענען גאנץ חומש אונ גאנץ משניות. דאס איז וואס רבי האט גזאגט וויא גרויס זענען דיא מעשים פון חייא: האט רבי שמעון דער זוהן פון רבי גזאגט צו רבי דיא מעשים פון רבי חייא זענען גרעסער אפילו פון דייגע מעשים. האט רבי גזאגט יא אפילו פון מייגע מעשים. האט רבי ישמעאל דער זוהן פון רבי יוסי גזאגט צוא רבי דיא מעשים

לא תהא כזאת בישראל: לא תהא כדבר הזה בישראל, כלו' שלא יאמר דבר זה לעולם : נהוג נשיאותך ברמים. ביוקר ובין הגדולים : זרוק מרה. להטיל אימה ומורא עליהם : בצנעא. מכבד כל ת"ח ולפניו : בפרהסיא. מטיל עליהם אימה להודיע גדולתו : רבי מוטל. בחולי בצפורי ומקום קברו מוכן לו בבית שערים : דמדליא. דהמדריך במגילה ומוס נקלא שמה לצפורי שיושבים בגובה ככל כלגוב :

אמר לו חס ושלום לא תהא כזאת בישראל אמר להם לבני קטן אני צריך נכנס ר"ש אצלו מסר לו סדרי חכמה אמר להם לבני גדול אני צריך נכנס ר"ג אצלו ומסר לו סדרי נשיאות אמר לו נהוג נשיאותך ברמים זרוק מרה בתלמידים. איני והכתיב (תהלים טו) ואת יראי ה' יכבד ואמר מר זה יהושפט מלך יהודה כשהיה רואה ת"ח היה עומד מכסאו ומחבקו ומנשקו קורא לו רבי רבי מרי מרי לא קשיא הא בצנעא והא בפרהסיא תני רבי מוטל בצפורי ומקום מוכן לו בבית שערים והתניא (דברים טז) צדק צדק תרדף הלך א"ר רבי לבית שערים רבי בבית שערים הוי אלא כיון דחלש אכטיוהו לצפורי דמדליא ובסים אוירא :

(דף קד) ד ההוא יומא דנח נפשיה דרבי גזרו רבנן תעניתא ובעו רחמי אמרי כל מאן דאמר נח נפשיה דרבי ידקר בחרב סליקא אמתיה דרבי לאיגרא אמרה עליונים מבקשים את רבי והתחתונים מבקשים את רבי יהי רצון שיכופו תחתונים את העליונים

כיון

---

מעשים פון רבי חייא זענען גרעסער אפילו פון מיין פאטערס מעשים. האט רבי גזאגט חס ושלום אזעלכע רייד זאל גאר ניט גירעט ווערין צווישען יודין. ביין פאטערס מעשים זענען גיוועז גרעסער וויא דיא מעשים פון רבי חייא. דער נאך הט רבי גזאגט איך דארף מיין יונגסטען זוהן. איז רבי שמעון גיגאנגען צוא רבי. האט רבי אים גזאגט דיא גרעכטע אונ דיא הויפט זאכען פון חכמה. דער נאך האט רבי גזאגט איך דארף מיין עלטערין זוהן. איז רבן גמליאל אריין גיגאנגען צוא רבי. האט רבי אים גזאגט דיא גרעכטע אונ דיא הויפט זאכען פון נשיאות. אונ נאך האט רבי גזאגט צו רבן גמליאל פיר דיינע נשיאות מיט גרויסקייט. די זאלסט ווארפען אמורא אויף דיינע תלמידים. פרעגט דיא גמרא עס דארף דאך ניט אזוי זיין. ווארום עס שטייט אין פסוק צוא דיא מענטשין וואס האבען מורא פאר גאט האט ער גיגעבין כבוד: דאס מיינט מען יהושפט דער מלך פון יהודה. אז ער הט גיזעהן א תלמיד חכם איז ער אויף גישטאנען פון זיין שטוהל אונ האט אים ארום גינומען אונ האט אים גיקושט. אונ האט אים גירופען מיין רבי מיין רבי מיין הערר מיין הערר. מיר זאך אז מען דארף געבין כבוד צו א תלמיד חכם ניט ווארפען אויף אים אמורא. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אין דער שטיל ווען דער נשיא טרעפט א תלמיד חכם. אדער א תלמיד חכם קומט צוא אים אהיים דארף אפילו דער נשיא אויך געבין כבוד צוא יעדער תלמיד חכם. נאר אז דער נשיא איז צווישען פיל מענטשין. דארף ער ווייזין זיין גרויסקייט אפילו אוף א תלמיד חכם אויך. מיר האבן גילערנט רבי איז גילעגין קראנק אין דיא שטאט צפורי. אונ א קבר איז פאר אים גיווען אן גיגרייט אין דיא שטאט בית שערים. פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך גילערנט עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט נאך יאגען גירעכטיגקייט. דוא זאלסט גיין האבען אדין תורה ביי רבי אין בית שערים. דארט ווערט מען פסקנען א אמתין דין. זעהן מיר דאך אז רבי איז גיזעסן אין בית שערים. ענטפערט דיא גמרא אזוי איז גיווען פריער. האט רבי גיוואוהנט אין בית שערים. אז ער איז קראנק גיווארין האט מען אים גיבראכט אין צפורי. ווייל צפורי איז אויף א בארג איז א פרישער לופט. אונ ער איז גישטארבין אין צפורי. האט מען אים גיטראגין ביז אין בית שערים אונ דארט האט מען אים בגראבין:

ד ההוא. דער טאג וואס רבי איז גישטארבען. אין דער פריא איידער ער איז גישטארבען האבען דיא רבנן גוזר גיווען אלע זאלין פאסטען אונ מען זאל מתפלל זיין רבי זאל לעבין: אונ דיא רבנן האבען גזאגט דער וואס וועט זאגין רבי איז גישטארבין זאל ער גישטאכען ווערין מיט א שווערד דיא דינסט פון רבי איז ארויף גיגאנגען אויף דעם בוידים. אונ הט גזאגט

דיא

כיון דחזאי כמה זימני דעייל לבית הכסא וחלץ תפילין ומנח להו וקמצטער אמרה יהי רצון שיכופו עליונים את התחתונים ולא הוו שתקי רבנן מלמבעי רחמי שקלה כוזא שדיא מאיגרא אשתיקו [מרחמי] ונח נפשיה דרבי אמרו ליה רבנן לבר קפרא זיל עיין אזל אשכחיה דנח נפשיה קרעיה ללבושיה ואהדריה לקרעיה לאחוריה פתח ואמר אראלים ומצוקים אחזו בארון הקדש נצחו אראלים את המצוקים ונשבה ארון הקדש אמרו ליה נח נפשיה אמר להו אתון קאמריתון ואנא לא קאמינא. בשעת פטירתו של רבי זקף י׳ אצבעותיו כלפי מעלה אמר רבש״ע גלוי וידוע לפניך שיגעתי בעשר אצבעותי בתורה ולא נהניתי אפילו באצבע קטנה יר״מ שיהא שלום במנוחתי יצתה בת קול ואמרה (ישעיה נז) יבא שלום ינוחו על משכבותם על משכבך מיבעי׳ ליה מסייע ליה לר׳ חייא בר גמדא דא״ר חייא בר גמדא א״ר יוסי בן שאול בשעה שהצדיק נפטר מן העולם אומרים מלאכי השרת לפני הקב״ה רבש״ע צדיק [פלוני] בא אומר [להם] יבואו צדיקים ויצאו לקראתו [ואומרים לו

דעייל כמה זימנין לבית הכסא. דחולי מעים הוה ליה: וחלץ תפילין ומנח להו וקמצטער. נחלץ ולבנית: פתח ואמר. הספד: אראלים ומצוקים. מלאכים וצדיקים מעשקי ארץ: ולא נהניתי. בעולם הזה אפילו לפי טורח שיגעתי באצבע קטנה שלי: יבאו צדיקים ויצאו לקראתו ויבא בשלום. ואמר לך

---

דיא מלאכים וויעלן רבי זאל שטארבין אונ זיין נשמה זאל קומען צוא זייא. אונ דיא מענטשין פון דער וועלט וויעלן רבי זאל לעבין אונ ער זאל זיין ביא זייא. זאל זיין דער ווילען פון גאט אז דיא אונטערשטע זאלין ניימין דיא אובערשטע אז רבי זאל לעבין אונ זאל בלייבען אונטען. וויא זיא האט געזעהן וויא פיל מאהל רבי איז אריין געגאנגען אין בית הכסא אונ ארויס געגאנגען פון בית הכסא. אונ הט אום גטאן די תפלין אונ אן גטאן די תפלין. אונ ער הט פיל יסורים. הט זי גזאגט עס זאל זיין דער ווילען פון גאט דיא אובערשטע זאלין ניימין דיא אונטערשטע אז רבי זאל שטארבין. דיא רבנן האבען אבער ניט געשוויגען זייא האבען נאר מתפלל געווען רבי זאל לעבין. דריבער האט רבי ניט געקענט שטארבען האט דיא דינסט גינומען א קריגעל אונ האט אים אראפ געווארפען פון בוידים אויף דיא ערד. זענען דיא רבנן דער שראקין געווארין פון דעם קלאפ. זענען דיא שטיל געווארין. אונ האבען אויף געהערט צוא בעטין. איז רבי געשטארבין. אונ דיא רבנן אין בית המדרש האבען נאך ניט געוואוסט אז רבי איז געשטארבען. האבען דיא רבנן גזאגט צו בר קפרא. גייא זעה וואס טוהט רבי. איז בר קפרא געגאנגען אונ ער האט געפונען אז רבי איז געשטארבען. האט בר קפרא צוריסען זיינע קליידער. אונ ער האט איבגעקערט דיא צוריסענע זייט אויף אינטען. מען זאל ניט באלד דער זעהן אז רבי איז געשטארבען. אונ ער איז געקומען צוריק אין בית המדרש. אונ האט אן געהויבען צוא זאגין דיא מלאכים אונ די צדיקים האבען געהאלטען דעם ארון קודש. זענען דיא מלאכים געוועזן שטארקער וויא דיא צדיקים. אונ זייא האבען גיפאנגען דעם ארון הקודש. האבען דיא רבנן גזאגט צו בר קפרא ער איז געשטארבען. האט בר קפרא צוא זייא גזאגט איר זאגט ער איז געשטארבען. אבער איך האב ניט גזאגט. אידער רבי איז געשטארבען האט ער אויף געהויבען זיינע צעהן פינגער אין דער הייך. אונ האט גזאגט. רבונו של עולם דוא ווייסט דאך אז איך האב מיך געמאטערט מיט מיינע צעהן פינגער צו מקיים זיין דיא מצות פון דיא תורה. אונ איך האב ניט הנאה געהאט פון דער וועלט אפילו וויא פיל עס איז ווערט געוועזן דיא ארבעט פון מיין קליינעם פינגער. עס זאל זיין דער ווילען פון פאר דיר. עס זאל זיין פרידען אין מיין רוהונג. איז ארויס געגאנגען א קול פון הימעל אונ האט גזאגט דעם פסוק יבא שלום ינוחו על משכבותם. ער זאל קומען מיט פרידען זייא זאלין רוהען אויף זייער געלעגער. פרעגט דיא גמרא. עס דארף דאך שטיין דוא זאלסט רוהען אויף דיין געלעגער. נאר עס וועט זיין א בעוויזונג אזוי וויא רבי חייא בר גמדא האט גזאגט פון רבי יוסי בן שאולם וועגין. ווען דער צדיק גייט אוועק פון דער וועלט זאגין דיא מלאכים פאר גאט רבונו של עולם דער צדיק קומט. זאגט גאט צוא דיא מלאכים זאלין קומען דיא צדיקים

אונ

**פירוש**

שנו לדיקים על משכבותם: הולך נכוחו. נדרך ישרם:

[בתי דינין. של כ"ג: בתי כנסיות. להתפלל: בתי מדרשות. למשנה ולתלמוד: בתי סופרים. ללמוד תינוקות]: נוטלים שכרם. ומתפרנסים משום לפי שלא היו עוסקין במלאכתם: איסתרא.

לון] יבא בשלום ינוחו על משכבותם א"ר אלעזר בשעה שהצדיק נפטר מן העולם ג' כתות של מלאכי השרת יוצאות לקראתו אחת אומרת לו בא בשלום ואחת אומרת הולך נכוחו ואחת אומרת לו יבא שלום ינוחו על משכבותם. ובשעה שהרשע נאבד מן העולם ג' כתות של מלאכי חבלה יוצאות לקראתו אחת אומרת (שם מח) אין שלום אמר ה' לרשעים ואחת אומרת לו (שם נ) למעצבה תשכבון ואחת אומרת לו (יחזקאל לב) רדה והשכבה את ערלים:

## שני דייני גזירות פרק שלשה עשר

(דף קה) **א** [אמר ר' אושעיא שצ"ד בתי דינין היו בירושלים כנגדן בתי כנסיות וכנגדן בתי מדרשות וכנגדן בתי סופרים] אמר רב יהודה אמר רב אסי גוזרי גזירות שבירושלים היו נוטלים שכרם צ"ט מנה מתרומת הלשכה וכו'. קרנא הוה שקיל איסתרא מזכאי ואיסתרא מחייב ודאין להו דינא והיכי עביד הכי והא כתיב (שמות כג) ושחד לא



---

און זאלען גיין גענען דעם צדיק. אין זאלין זאגען צוא אים קום צוא אונז מיט פרידען. דער נאך זאלין דיא צדיקים גיין צוריק יעדער אויף זיין ארט אונ זאלען רוהען אויף זייער גילעגער. רבי אלעזר זאגט ווען דער צדיק גייט אוועק פון דער וועלט גייען ארוים גענען אים דריי מחנות מלאכים. איינע זאגט צו אים קום מיט פרידען. אונ איינע זאגט צו אים ער זאל גיין אין גלייכען וועג. אונ איינע זאגט צו אים ער זאל קומען מיט פרידען דער נאך רוהען זיי אויף זייער גילעגער. אונ ווען דער רשע ווערט פאר לארין פון דער וועלט דריי מחנות מלאכי חבלה גייען ארוים גענין אים: איינע זאגט ניט שלום האט גאט גזאגט צוא דיא רשעים. אונ איינע זאגט צוא אים צוא טרויערקייט זאלט איר ליגען: אונ איינע זאגט צוא אים נידער אין גרוב אונ ליג מיט דיא ניט גימלתע:

## פרק שלשה עשר

**א** אמר. רבי אושעיא הט גזאגט דריי הונדערט פיר אונ ניינציג בית דין שטובין זענין גיוועזין אין ירושלים. אונ אין יעדער בית דין שטוב זענען גיוועזן דריי אונ צוואנציג דיינים. אונ דריי הונדערט פיר אונ ניינציג שוהלען צום דאווענען. אונ דרייא הונדערט פיר אונ ניינציג בתי מדרשים צום לערנען. אונ דריי הונדערט פיר אונ ניינציג חדרים וואס מען האט דארט גילערנט מיט קליינע קינדער. זענען גיוועזן אין ירושלים. רב יהודה הט גזאגט רב אסי זאגט די דיינים וואס זענען גיוועזן אין ירושלים זייא זאלען גוזר זיין גזרות. וועלכע זאבען מען טאר ניט טאהן אויסער דעם ווס דיא תורה האט גיאסרת פלעגין נעמען גיצאהלט ניין אונ ניינציג פונט צאהר פון הקדש געלט זייא זאלען האבען פון וואנען צוא לעבין: קרנא אז פאר אים איז גיקומן א דין תורה. האט ער גינומען פסק געלט אטאלער פון דעם וואס איז גירעכט. אונ אטאלער פון דעם וואס איז אונגירעכט. אונ האט זיי גיפסקת דיא דין תורה. פרעגט דיא גמרא הט דען קרנא גימעגט אזוי טאהן. עס שטייט אין פסוק ושוחד לא תקח. מען זאל גישט נעמען קיין געלט פון דעם מענטש ווס קומט האבען א דין תורה. טאמער וועט מען פאלש פסקנן. וועסטו אפשר וועלין זאגין ווייל קרנא הט גינומען געלט פון ביידע וועט ער ניט פאלש פסקנן. אז ער וועט אפילו ניט פאלש פסקנן טאר מען אויך ניט נעמען קיין געלט פון דעם מענטש וואס קומט האבען א דין תורה. ווארום מיר האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק ושוחד לא תקח. מען זאל גישט נעמען קיין געלט פון דעם מענטש ווס קומט האבין א דין תורה. וואס מיינט דער פסוק. אויב

תקח [וכ"ת כיון דשקיל מתרווייהו לא אתי לאצלויי דינא וכי לא אתי לאצלויי דינא מי שרי והתניא ושוחד לא תקח מה ת"ל אם ללמד שלא לזכות את החייב ולא לחייב את הזכאי הרי כבר נאמר (דברים טז) לא תטה משפט אלא אפילו לזכות את הזכאי ולחייב את החייב אמרה תורה ושחד לא תקח] וכו' ואסיקה דהוה שכר בטלה דמוכח כי הא דרב הונא כי הוה אתי דינא לקמיה אמר להו הבו לי גברא דדלי לי בתריקאי ואידן לכו דינא. א"ר אבהו בא וראה כמה סמויות עיניהם של מקבלי שחד אדם חש בעיניו נותן ממון לרופא ספק מתרפא ספק אינו מתרפא והם נוטלים שוה פרוטה ומסמין עיניהם שנאמר (שם) כי השחד יעור עיני חכמים. ת"ר כי השחד יעור עיני חכמים קל וחומר לטפשים (שם) ויסלף דברי צדיקים קל והומר לרשעים מידי טפשים ורשעים בני דינא נינהו אלא ה"ק כי השחד יעור עיני חכמים אפילו חכם גדול ולוקח שחד אינו נפטר מן העולם בלא סמיות הלב. ויסלף דברי צדיקים (ע"ב) אפילו צדיק גמור ולוקח שחד אינו נפטר מן העולם בלא טירוף הדעת. כי אתא רב דימי אמר דרש רב נחמן בר כהן מאי דכתיב (משלי כט) מלך במשפט יעמיד ארץ ואיש תרומות יהרסנה אם דומה דיין למלך שאינו צריך לכלום יעמיד ארץ ואם דומה לכהן שמחזר על הגרנות יהרסנה

סלע: הבו לי גברא דדלי. מיא מעקה שדוהי: בתריקאי. במקומי. תריקאי אומר אני שהוא לשון פגם כמו קרנים תרוקות דשהיתה חולין כלו' שאני מסתלק ונפגם מקומי: אינו נפטר מן העולם. וה"ק ק"ו ביטמא את עיניו (כשהיה) [כשיהא] טפש בסופו וישב לדין: שאינו צריך לכלום. שהוא

---

דער פסוק מיינט דער דיין זאל ניט נעמען קיין געלט ער זאל גירעכט מאכען דעם וואס איז אומגירעכט. אונ ער זאל אומגירעכט מאכען דעם וואס איז גירעכט. שטייט דאך שון אין פסוק דו זאלסט ניט פאלש פסקנען. נאר אפילו ער מיינט גירעכט צוא מאכען דעם וואס איז גירעכט אונ אומגירעכט צו מאכען דעם וואס איז אומגירעכט. פון דעסטוועגין האט די תורה גזאגט מען טאר ניט נעמען קיין שוחד דער דיין טאר ניט נעמען געלט. ענטפערט די גמרא קרנא האט גנומען געלט ווייל מען האט אים גישטערט די צייט. ער האט ניט גיקענט גיין אין נאס פאר דינגען. אז צוויא מענטשין פלעגין קומען האבען אדין תורה פאר רב הונא. פלעגט רב הונא צו זייא זאגין גיט מיר אמענטשין וואס זאל שעפין וואסער אונ אן טרינקען מיינע פעלדער. אויף מיין ארט: וועל איך אייך פסקנען די דין תורה. רבי אבהו האט גזאגט קום זעה וויא פאר בלענדט ווערען די אויגען פון די דיינים וואס נעמען שוחד. אמענטש וואס זיינע אויגען זענען אים טונקעל גיט ער געלט צוא אדאקטאר. אונ ער ווייס נאך ניט אויב ער וועט געהיילט ווערין אדער ניין. אונ די דיינים נעמען אפרוטה ואפילו געלט אונ מאכען בלינד זייערע אויגין: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער שוחד מאכט בלינד די אויגין פון די חכמים: די רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דער שוחד מאכט בלינד די אויגין פון די קלוגע. ווערין דאך די אויגין פון די נארין געוויס בלינד. אין פסוק שטייט דער שוחד פאר קרימט די רייד פון די צדיקים. ווערין דאך די רייד פון די רשעים געוויס פאר קרימט. פרעגט די גמרא זענין דען נארין אונ רשעים דיינים. נאר אזוי מיינט דער פסוק דער שוחד מאכט בלינד די אויגין פון די קלוגע. אפילו ער איז אגרויסער חכם אויב ער האט נאר גינומען שוחד. וועט ער ניט אוועק גיין פון דער וועלט ביז דאס הארץ וועט אים בלינד ווערין. דאס מיינט מען ער וועט פאר געסין זיין לערנען אונ וועט ווערין נאריש. אונ דער שוחד פאר קרימט די רייד פון די גירעכטע אפילו ער איז אגרויסער צדיק אונ ער נעמט שוחד. וועט ער ניט אוועק גיין פון דער וועלט ביז זיין פאר שטאנד וועט אים פאר מישט ווערין. אז רב דימי איז גיקומען האט ער גזאגט רב נחמן בר כהן האט גידרשת עס שטייט אין פסוק מלך במשפט יעמיד ארץ ואיש תרומות יהרסנה. אויב דער דיין איז גליך צוא אמלך ער איז רייך אונ ער דארף ניט נעמען ביי קיינעם. וועט ער אויף שטעלין די מענטשין פון דער וועלט. ווייל ער וועט פסקנען ערליכע דינים.

יהרסנה אמר רבה בר רב שילא האי דיינא דשאיל שאלתא פסול למידן דינא ולא אמרן אלא דלית ליה לאושולי אבל אית ליה לאושולי לית לן בה אמר רבא מ"ט דשוחדא כיון דמשקל שחד מיניה אקרבה דעתיה לגביה והוי כגופיה ואין אדם רואה חובה לעצמו מאי שחד שהוא חד. אמר רב פפא לא לידון איניש דינא למאן דרחים ליה ולא למאן דסני ליה דרחים ליה לא חזי ליה חובה דסני ליה לא חזי ליה זכות. אמר אביי האי צורבא מרבנן דמרחמין ליה בני מאתיה לאו משום דמעלי טפי אלא משום דלא מוכח להו במילי דשמיא. [אמר רבא מריש הוה אמינא הני בני מחוזא כולהו רחמין לי כיון דהואי דיינא אמינא מינייהו סנו לי ומינייהו רחמו לי כיון דחזאי דמאן דמיחייב ליה האידנא קא זכי למחר אמינא אי מרחם כולהו רחמו לי אי מסנו כולהו סנו לי]:

ב ת"ר (שמות כג) ושחד לא תקח אין צריך לומר שחד ממון אלא אפי' שחד דברים נמי אסור מדלא

שמיר ואין צריך להתגיף: דשאיל שאלתא. דרגיל לשאול מבני עירו בהמות וכלים: מ"ט דשוחדא. נמה לבור ליטלו לזכות הזכאי: אין אדם רואה חובה לעצמו. אין דעתו מתקרבת כלל להובה לחייב את עצמו ואפי' מתכוין לדין אמת: שהוא חד. כנותן והמקבל נעשים לב אחד:

---

און אויב דער דיין איז גלייך צוא אכהן וואס ער גייט ארום אין די שייערן נעמען תרומה. אזוי גייט דער דיין נעמען נדבות פון מענטשין. דער וועט צוא ווארפען דעם בעשטאנד פון דער וועלט. ווארום ער וועט פסקנן פאלשע דינים פאר געלט. וואס מען האט אים געגעבן. אדער וואס מען וועט אים געבן: רבה בר רב שילא האט גזאגט דער דיין וואס באָרגט געוויס אדער אנדערע זאכען פון זיינע שטאט מענטשין. טאר ער נישט פסקנן קיין דין תורה. ווארום ער וועט גוטס תנפנן די מענטשין וואס ער באָרגט ביי זיי. וועט ער פאלש פסקנן. דאס איז נאר אז דער דיין האט ניט צוא פאר באָרגן. אָבער אז דער דיין האט צוא פאר באָרגן. מעג ער פסקנן דין תורות. ווארום ער דארף ניט קיינעם חנפנן. ער דארף ביי יענעם אטובה. יענער דארף זיין טובה. רבא זאגט פאר וואס טאר מען ניט נעמען שוחד צוא פסקנן אאמתין דין. ווארום ווי באלד דער דיין האט עפעס גינומען פון דעם מענטשין. איז ער שוין צו גיבונדין צוא דעם מענטש. און זיי זענען גלייך ביידע ווי איין מענטש. און אזוי ווי ער קען זיך ניט שולדיג מאכען. אזוי קען ער דעם מענטשין אויך ניט שולדיג מאכען. וועט ער שוין לערנען פאלשע דינים נאר ער זאל אים גירעכט מאכען. וואס איז דער ווארט שחד. שהוא חד. דער וואס גיט געלט צום דיין. ווערט ער מיט דעם דיין איינם. רב פפא זאגט אדיין זאל ניט פסקנן אדין תורה צו דעם מענטש וואס ער האט אים ליב. און ניט צוא דעם מענטש וואס ער האט אים פיינט. ווארום דעם מענטש וואס ער האט ליב וועט ער ניט קענען באשולדיגען. און דעם מענטש וואס ער האט פיינט וועט ער ניט קענען גירעכט מאכען. אביי זאגט דער תלמיד חכם וואס די מענטשין פון זיין שטאט האבען אים ליב. איז ניט ווייל ער איז אזוי גוט. נאר ווייל ער שטראפט זיי ניט זיי זאלין זיין פרום. רבא זאגט אין אנהייב האב איך גימיינט אז אלע מענטשין פון די שטאט מחוזא האבען מיך ליב. ווייא איך בין גיווארין אדיין האב איך גמיינט אנדערע האבען מיך פיינט. און אנדערע האבען מיך ליב: די וואס איך האב גירעכט גימאכט האבען מיך ליב. און די וואס איך האב אומגירעכט גימאכט האבען מיך פיינט. ווייא איך האב גיזעהן אז דער מענטש וואס האט היינט פאר מיר גיהאט אדין תורה און איך האב אים אומגירעכט גימאכט. האט ער מארגין גיהאט נאך אמאהל פאר מיר אדין תורה מיט איין אנדער מענטש און איך האב אים גירעכט גימאכט. ואון פאר קערט דער מענטש וואס הט היינט פאר מיר גיהאט אדין תורה און איך האב אים גירעכט גימאכט. האט ער מארגין גיהאט נאך אמאהל פר מיר אדין תורה מיט איין אנדער מענטש און איך האב אים אומגירעכט גימאכט. האב איך גזאגט אדער אלע האבין מיך ליב אדער אלע האבין מיך פיינט:

ב תנו רבנן: די רבנן האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט נעמען קיין שחד

טרלא כתיב בצע לא תקח היכי דמי שחד דברים כי הא דשמואל הוה עבר במברא אתא ההוא גברא יהיב ליה ידיה א"ל מאי עבידתך א"ל דינא אית לי א"ל פסילנא לך לדינא. אמימר הוה יתיב וקא דאין דינא פרח גדפא ארישיה אתא ההוא גברא שקליה א"ל מאי עבידתיך וכו'. מר עיקבא הות שדי רוקא קמיה אתא ההוא גברא כסייה א"ל מאי עבידתיך וכו'. רבי ישמעאל בר' יוסי היה רגיל אריסיה דהוה מייתי ליה כל מעלי שבתא כנתא דפירי יומא חד אייתי ליה בה' בשבתא א"ל מאי שנא האידנא א"ל דינא אית לי ואמינא אגב ארחאי אייתי ליה למר לא קביל מיניה א"ל פסילנא לך לדינא אותיב זוזא דרבנן וקא דיינין ליה בהדי דקא אזיל ואתי אמר אי בעי טעין הכי ואי בעי טעין הכי אמר תיפח נפשם של מקבלי שחד ומה אני שלא נטלתי ואם נטלתי שלי נטלתי כך מקבלי שחד עאכ"ו. ר' ישמעאל בן

במברא. גשר: יתיב ליה ידיה. לסמכו: כנתא דפירי. סל פירות מפרדס של ר' ישמעאל: זוזא. זוג: כהדי דאזיל ואתי. בכל אשר הולך ובא היה לבו לזכותו של אותו אריס ובאין לו פתחי זכיות ואמר בלבו הלואי ויטעון כך וכך ויזכה בדין:

---

שוחד. מיינט מען ניט נאר געלט טאר דער דיין ניט נעמען. נאר אפילו שוחד פון רייד טאר מער אויך ניט נעמען. ווייל עס שטייט ניט געלט זאלסט ניט נעמען. נאר עס שטייט שוחד זאלסטו ניט נעמען. וואס דער שוחד איז. אפילו רייד. טאר מען אלץ ניט נעמען. וואס איז שוחד פון רייד. אזוי ווי שמואל איז אמאהל גיגאנגען אויף אבריק איז גיקומען א מענטש אונ האט גיגעבין דיא האנט צו שמואל'ער זאל זיך אן לענין אויף איהם. האט שמואל גיזאגט צו דעם מענטש וואס איז דיין טאהן. האט דער מענטש גיזאגט איך דארף מיט אייגעם אדין תורה צוא האבין. האט שמואל גיזאגט איך בין פסול צוא דיין דין תורה. ווייל דוא האסט מיר געגעבין די האנט איך זאל מיך אן לענען דאס הייסט שוין שוחד. אמימר איז גיזעסין אונ האט גיקלערט אדין תורה. איז ארויף גיפלויגין אעוף אויף זיין קאפ: איז גיקומען אמענטש אונ האט אראפ גינומען דעם עוף. האט אמימר גיזאגט צו דעם מענטש וואס איז דיין טאהן. האט דר מענטש גיזאגט איך דארף מיט אייגעם אדין תורה צו האבין: האט אמימר גיזאגט איך בין פסול צו דיין דין תורה: ווארום וואס דוא האסט אראפ גינומען דעם עוף פון מיין קאפ. דאס הייסט שוחד. אויף דעם ארט ווא מר עוקבא איז גיזעסין איז געבין איהם גיוועזען שפייאכין אויף די ערד. איז גיקומען אמענטש אונ האט בדעקט דיא שפייאכין. האט מר עוקבא גיזאגט צוא דעם מענטש וואס איז דיין טאהן. האט דער מענטש גיזאגט איך דארף מיט אייגעם אדין תורה צו האבין. האט מר עוקבא גיזאגט איך בין פסול צוא דיין דין תורה. ווארום וואס דוא האסט בדעקט דיא שפייאכין. דאס הייסט שוחד. רבי ישמעאל ברבי יוסי האט גיהאט אאריס ואמענטש וואס האט גיארבעט אין זיינע פעלדער: אלע ערב שבת פלעגט דער אריס ברייגגען צוא רבי ישמעאל אקארב מיט פירות. אמאהל האט דער אריס גיבראכט די פירות דאנערשטאג. האט רבי ישמעאל גיזאגט צום אריס פאר וואס האסטו היינט גיבראכט די פירות אונ האסט ניט גיווארט ביז מארגין: האט דער אריס גיזאגט איך דארף היינט האבין אדין תורה. האב איך גיבראכט אין איין וועג וועל איך שוין מיט ברייגגען דיא פירות אויך. האט רבי ישמעאל ניט צוא גינומען דיא פירות: אונ ער האט גיזאגט צום אריס איך בין פסול צו דיין דין. האט רבי ישמעאל גיזעצט צוויא רבנים: דייא זאלין קלערין דיין דין תורה. ווא רבי ישמעאל איז נאר גיגאנגען איז איהם גילעגין אין די גידאנקען די דין תורה פון דעם אריס. אונ ער האט אלין גיטראכט דער אריס זאל געווינגען די דין תורה. אונ ער האט גיזאגט הלואי זאל ער אזוי טענען אונ הלואי זאל ער אזוי טענען. האט רבי ישמעאל גיזאגט פאר פליכט זאלין ווערין דיא דיינים וואס נעמען שוחד: מאראך איך וואס איך האב קיין שוחד ניט גינומען. אונ אז איך וואלט גינומען דעם קארב פירות. איז ער דאך מיינער: פון געשווייגען וואלט איך נאר גערין מיין אריס זאל געווינגען. דער וואס נעמט שוחד וויל געווים נאר אז דער וואס האט איהם גיגעבין זאל געווינגען. אמענטש האט אמאהל גיבראכט צוא רבי ישמעאל

ראשית הגז. בכל שנה שגוזז אותן חייב ליתן לכהן אחד מששים :
דגילדני דבי גילי. דגים קטנים: וכי אלישע אוכל בכורים הוה. והלא לא היה כהן אלא בדברי שנתייחס אביו על שבט גד דכתיב ויאמר ויספו לכהן ואלא כמס' פסחים כאלו דבריו דפסט דהאי קרא אביו של אלישע : ש"מ קריבים הוא. נבכי פסול ליה לדינא ; האי עשה והאי עשה. מפום כדייניה עשה ופסקתם פליק : יתמי דמחד תורה. דינא דהאי גברא דהוא עשה דאוכלא כבוד תורה דכל עם נכדים עדיף :

בן אלישע אייתי ליה ההוא גברא ראשית הגז א"ל מהיכא את אמר ליה מדוך פלן ומהתם להכא לא הוה כהן למיתבא ליה א"ל דינא אית לי וכו' כדלעיל :
ג רב ענן אייתי ליה ההוא גברא כנתא דגילדני דבי גילי א"ל מאי עבידתיך א"ל דינא אית לי לא קביל מניה א"ל פסילנא לך לדינא א"ל דיניה דמר לא בעינא קבולי לקביל מר דלא למנען מר מאקרובי בכורים דתניא (מ"ב ד) ואיש בא מבעל שלשה ויבא לאיש הא-להים לחם בכורים עשרים לחם [שעורים] וכרמל בצקלונו וכי אלישע אוכל בכורים הוה אלא לומר לך כל המביא דורון לת"ח כאלו מקריב בכורים א"ל קבולי לא בעינא דאקביל השתא דאמרת לי טעמא מקבלינן שדריה לקמיה דרב נחמן שלח ליה נידייניה מר להאי גברא דאנא ענן פסילנא ליה לדינא אמר מדשלח לי הכי ש"מ קריביה הוא הוה קאים דינא דיתמי קמיה אמר (דף קו) האי עשה והאי עשה דכבוד תורה עדיף סלקיניה לדינא דיתמי ואחתיה לדיניה כיון דחזא בעל דיניה יקרא דקא עביד ליה איסתתם

---

ישמעאל בן אלישע דיא ערשטע ביכול וואר וואס ער האט אפ גישוירין פון זיינע שעפסין וואס דארף מען געבין צום כהן און רבי ישמעאל בן אלישע איז גיוועזן א כהן. האט רבי ישמעאל גזאגט צו דעם מענטש פון וועלכין ארט ביסטו. האט דער מענטש גזאגט איך בין פון דעם ארט. האט רבי ישמעאל צו אים גיזאגט פון דיין ארט ביז צו מיר האסטו ניט גיהאט קיין אנדער כהן וועמען צו געבין דיא וואל. האט דער מענטש גזאגט איך דארף האבין א דין תורה. האט רבי ישמעאל גזאגט איצט בין איך פסול צו זיין א דיין ביא דיין דין תורה:

ג רב. א מענטש האט גיבראכט צו רב ענן א קארב מיט קליינע פישלאך. האט רב ענן גזאגט צו דעם מענטש וואס איז דיין טואן ביי מיר. האט דער מענטש גזאגט צו רב ענן איך דארף האבין א דין תורה. האט רב ענן ניט צו גינומען די פישלאך. און ער האט גזאגט צו אים איך בין פסול צו זיין א דיין ביי דיין דין תורה. האט דער מענטש גזאגט צו רב ענן דיין דין דארף איך ניט און איך וועל האבין מיין דין תורה ביי איין אנדערין. זאל דער רבי געמען דיא פישלאך. זאל דער רבי מיך ניט פר מידין פון צו מקריב זיין בכורים. ווארום מיר האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק א מענטש איז גיקומען פון בעל שלשה און ער האט גיבריינגט צום גאטליכען מאן (צו אלישע הנביא) ברויט פון ערשטע צייטיגע תבואה צוואנציג ברויט פון גערשטין מעהל. און געטריקנטע וואנגען האט ער גיבריינגט אין זיין טארבע. איז דאך א קשיא האט דען אלישע הנביא גיגעסין בכורים. ער איז דאך ניט גיוועזן קיין כהן. נאר דער וואס בריינגט א מתנה צו א תלמיד חכם איז גלייך ווי ער וואלט מקריב גיוועזן בכורים. האט רב ענן גזאגט צו דעם מענטש איך האב ניט גיוואלט נעמין ביי דיר דיא פישלאך נאר איצט אז דו האסט מיר גזאגט א טעם פאר וואס איך זאל נעמען. וועל איך זייא נעמען. האט רב ענן גזאגט צו דעם מענטש גיי האב א דין תורה ביי רב נחמן. האט רב ענן געשיקט צו רב נחמן איך וועט דיך דוא זאלסט אן נעמען דיא דין תורה פון דעם מענטש: ווארום איך ענן בין פסול צו זיין א דיין ביי זיין דין תורה. האט רב נחמן גזאגט אז ענן האט צו מיר אזוי געשיקט מוז דער מענטש זיין זיין קרובים זיין א פריינד. איז גישטאנען פאר רב נחמן א דין תורה פון יתומים. האט רב נחמן גזאגט עס איז א מצות עשה צו משפטן א דין תורה. און עס איז א מצות עשה צו געבין כבוד א תלמיד חכם. איז בעסער צו טאהן פריער דיא מצות עשה פון כבוד התורה. דאס הייסט מען זאל געבין כבוד צום תלמיד חכם. צו רב ענן. מען זאל פריער פסקנן דיא דין תורה פון רב ענן'ס קרובו. האט רב נחמן גיהייסען דיא יתומים זאלין קומען שפעטער. און ער האט צוא

גירופען

איסתתם טענתיה :

דרב ענן הוה רגיל אליהו דאתי גביה דהוה מתני ליה סדרא דאליהו כיון דעבד הכי איסתלק אותיב בתעניתא ובעי רחמי ואתא כי אתא הוה מיבעית ליה בעותיה ועביר תיבותא (ואנחיה) ויתיב קמיה עד דאפיק ליה סדריה והיינו דאמרינן סדר אליהו רבה סדר אליהו זוטא :

הבשני דרב יוסף הוה ריתחא א"ל רבנן לרב יוסף ליבעי מר רחמי אמר להו השתא ומה אלישע דכי הוו רבנן מיפטרי מקמיה הוו פיישי תרי אלפין ומאתן רבנן בעידן ריתחא לא הוה בעי רחמי אנא אבעי רחמי וממאי דפיישי הכי דכתיב (מ"ב ד) ויאמר משרתו מה אתן זה לפני מאה איש מאי לפני מאה איש אילימא דכולהו לפני מאה איש בשני בצורת טובא הוו אלא לאו דכל חד וחד קמי מאה איש. כי הוו מפטרי רבנן מבי רב הוו פיישי אלפא ומאתן רבנן. מבי רב הונא הוו פיישי תמני מאה רבנן. רב הונא הוה

סדר אליהו רבה : שלמד הון נתיבה : סדר אליהו זוטא. שלמד בהוך התיבה :
סוף ריתחא. רעבת של מקום וכאן רעב לעולם :
דכי מפטרי. תלמידיו ממנו לעמוד מבהמ"ד :
הוו פיישי גביה. אוכלי שולחנו : תרי אלפי ומאתן. דכתיב עשרים לחם ולחם בכורים הרי כ"א וכרמל הרי כ"ב וכל אחד לפני ק' איש הרי תרין אלפין

---

גירופֿען דיא דין תורה וואס רב ענן האט געשיקט. וויא דער אנדערער בעל דין האט געזעהן דעם כבוד וואס רב נתן האט געגעבין דעם מענטשין . איז ער פאר מישט געווארין און האט ניט געוואוסט וואס צו טענען :

ד רבי אליהו הנביא פלעגט אלע מאהל קומען צו רב ענן . און ער האט מיט אים געלערנט דעם ספר אליהו . וויא רב ענן האט אזוי געטאהן . איז אליהו הנביא אפ געטאהן געווארין פון אים . האט רב ענן געפאסט און האט מתפלל געוועזן . איז אליהו הנביא געקומען ; ווען אליהו הנביא פלעגט קומען פלעגט ער דער שרעקין צוא רב ענן . האט רב ענן געמאכט א קאסטין און ער איז געזעסין אין דיא קאסטין און אליהו הנביא איז געזעסין אויסוויינינג און האט מיט אים געלערנט . ביז ער האט מיט איהם אויס געלערנט דעם גאנצין ספר אליהו . דאס איז וואס מיר זאגין סדר אליהו רבה סדר אליהו זוטא . דאס וואס אליהו האט געלערנט מיט רב ענן איידער ער איז געזעסין אין דעם קאסטין . הייסט אליהו רבה . און וואס אליהו האט געלערנט מיט רב ענן ווען רב ענן איז געזעסין אין קאסטין . הייסט אליהו זוטא :

ה בשני . אין דיא יאהרין פון רב יוסף איז געוועזן א כעס פון גאט אויף דער וועלט און עס איז געוועזן א הונגער . האבין די רבנן געזאגט צו רב יוסף זאל דער רבי מתפלל זיין . האט רב יוסף צו זייא געזאגט מאדאך אלישע הנביא אז דיא רבנן (דיא תלמידים) זענען פון אים אוועק גיגאנגען איז נאך געבליבען צוויא טויזנד מיט צוויא הונדערט תלמידים וואס האבין גיגעסין בייא אלישע פון דעסטוועגין ווען גאט איז אין כעס געוועזן אין זיין צייט אויף דיא וועלט און עס איז געוועזן א הונגער . האט ער ניט מתפלל געוועזן . זאל איך מתפלל זיין . זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייסין מיר אז אזוי פיל תלמידים האבין גיגעסין בייא אלישע ; ווארום עס שטייט אין פסוק דער בעדינער פון אלישע האט געזאגט וואס וועל איך דאס געבין פאר הונדערט מענטשין . וואס מיינט מע' פאר הונדערט מענטשין ; זאל איך זאגין מען מיינט דיא צוואנציג גערשטין ברויט און דעם ברויט בכורים . און דעם ברויט פון כרמל . איז צוויא און צוואנציג ברויט . דאס זאל מען געבין פאר הונדערט מענטשין . האט דער בעדינער געזאגט דאס איז ווייניג . אין א הונגער יאהר איז דאס נאך צוא פיהל . נאר אזוי מיינט מען יעדער ברויט פאר הונדערט מענטשין . און עס איז געוועזן צוויא און צוואנציג ברויט ; איז דאך געוועזן צוויא און צוואנציג הונדערט מענטשין . אז דיא תלמידים פלעגין אוועק גיין פון רב . פלעגט בלייבין טויזנד מיט צוויא הונדערט תלמידים וואס האבין גיגעסין בייא זיין טיש . אז דיא תלמידים פלעגין אוועק גיין פון רב הונא . פלעגט בלייבין אכט הונדערט תלמידים

וואס

הוה דריש בתליסר אמוראי כי הוו קיימי רבנן ממתיבתא דרב הונא ונפצי גלימייהו הוה סליק אבקא וכסי ליה ליומא ואמרי במערבא קמו ליה ממתיבתא דרב הונא בבלאה. כי מפטרי רבנן מבי רבה ורב יוסף הוו פיישי ארבע מאה רבנן וקרו לנפשייהו יתמי כי הוו מפטרי רבנן מבי אביי ואמרי לה מבי רב פפא ואמרי לה מבי רב אשי הוו פיישי מאתן רבנן וקרו לנפשייהו יתמי דיתמי:

ומאתן: בתליסר אמוראי. המשמיעים מפיו ומשמיעים לרבים זה מכאן וזה מכאן ומגביהים ומלאחור ומתחלקים למקומות כנגד שהיה העם רב: וכסי ליה ליומא. מאפיל את החמה והיה ניכר בא"י: מפני זכת. [אפילו] לטובה: במרום הרים כרמו. שאין בידו ממון לקנות במקום טוב וקונה בראש ההר וכל זבלים שהוא מוציא לו נופל וזב לכרמים שתחתיו:

(דף קי ע"ב) ו אמר שמואל שנוי וסת תחלת חולי מעים. כתוב בספר בן סירא (משלי טו) כל ימי עני רעים והא איכא שבתות וימים טובים כדשמואל דאמר שמואל שנוי וכת תחלת חולי מעים בן סירא אומר אף לילות. בשפל גגים גגו ובמרום הרים כרמו ממטר גגים לגגו ומעפר כרמו לכרמים:

ז ת"ר לעולם ידור אדם בארץ ישראל אפילו בעיר שרובה נכרים ואל ידור בח"ל ואפילו בעיר שרובה ישראל שכל הדר בא"י דומה כמי שיש לו אלוה וכל הדר

---

וואס האבין גיגעסין בייא זיין טיש: ווען רב הונא האט גילערנט זענען געבין איהם גישטאנגען דרייצעהן מענטשין. וואס האבין גיהערט פון אים וואס ער זאגט. אונ זייא זענען גיגאנגען צווישען דיא תלמידים אויף דרייצעהן ערטער. יעדער אויף זיין ארט. ווארום דיא תלמידים זענען אויך גיוועזן צו טיילט אויף דרייצעהן טיילן. אונ זייא האבין גילערנט מיט דיא תלמידים וואס זייא האבין גיהערט פון רב הונא. אז דיא תלמידים פון רב הונאס ישיבה פלעגין אויף שטיין פון לערנען אונ פלעגין אפ שאקלען דיא קליידער פון שטויב ווארום זייא זענען גיזעסין אויף דיא ערד. פלעגט אויף גיין דיא שטויב אזוי הויך אז עס האט פינסטער גימאכט דיא זהן. אונ דאס האט מען דער קענט אין ארץ ישראל. פלעגט מען זאגין אין ארץ ישראל דיא תלמידים פון רב הונאס ישיבה וואס אין בבל זענען אויף גישטאנען פון לערנען. אז דיא תלמידים פלעגין אוועק גיין פון רבה אונ רב יוסף. פלעגט בלייבין פיר הונדערט תלמידים וואס האבין גיגעסין בייא זיין טיש. האט רבה אונ רב יוסף גיזאגט אויף זיך מיר זענען יתומים. אז דיא תלמידים פלעגין אוועק גיין פון אביי: אנדערע זאגין פון רב פפא. אנדערע זאגין פון רב אשי. פלעגט בלייבין צוויא הונדערט תלמידים וואס האבין גיגעסין בייא זיין טיש. האבין זייא גיזאגט אויף זיך מיר זענען יתומים פון יתומים:

ו אמר. שמואל האט גיזאגט אז א מענטש ענדערט זיין גיוואהנהייט: אפילו צום פאר בעסערונג. הייבין אן קראנק צו ווערין זיינע גידערים. אין ספר בן סירא שטייט אלע טעג פון דעם ארעם מאן זענען שלעכט: איז דאך א קשיא עס איז דאך דא שבת אונ יום טוב: עסט דאך דער ארעם מאן פיש פלייש אונ אנדערע גוטע עסין. נאר עס איז אזוי וויא שמואל האט גיזאגט. אז א מענטש ענדערט זיין גיוואהנהייט. אפילו צום פאר בעסערונג: הייבין אן קראנק צו ווערין זיינע גידערים: וייל אגאנצע וואך האט נישט דער ארעם מאן וואס צו עסין. אז עס קומט שבת אדער יום טוב אונ ער עסט יא. ווערט אים קראנק דער בויך. דריבער איז דעם ארעם מאן אייביג שלעכט. בן סירא זאגט אפילו בייא נאכט איז אויך שלעכט דעם ארעם מאן: דער גידעריכטער דאך איז זיינער. אויף דעם גרעסטין בארג איז זיין ווין גארטין דער רעגין פון אלע העכער גיסט אויף זיין דאך. אז ער ברייננט מיסט אויף זיין ווין גארטין. פאלט אראפ דיא מיסט פון זיין ווין גארטין אויף אלע ווייגגארטענער. אונ אויף זיין ווין גארטין בלייבט ווייניג:

ז תנו רבנן: דיא רבנן האבין גילערנט איוד זאל אייביג וואהנען אין ארץ ישראל. אפילו אין א שטאט וואו דארט וואנען גוים מער ווי יודין: אונ ער זאל ניט וואנען אין חוץ לארץ. אפילו אין

אשטאט

הדר בחוץ לארץ דומה כמי שאין לו אלוה שנאמר (ויקרא כה) לתת לכם את ארץ כנען להיות לכם לאלהים וכי כל שאינו דר בארץ אין [לו] אלוה אלא לומר לך כל הדר בח"ל כאלו עובד ע"ז וכן בדוד הוא אומר (ש"א כו) כי גרשוני היום מהסתפח בנחלת ה' לאמר לך עבוד אלהים אחרים וכי מי א"ל לדוד לך עבוד אלהים אחרים אלא לומר לך כל הדר בחוץ לארץ כאלו עובד ע"ז:

(דף קיא) רבי [ז]ירא הוה קא משתמיט מיניה דרב יהודה דבעי למיסק לא"י דאמר רב יהודה כל העולה מבבל לא"י עובר בעשה שנאמר (ירמיה כז) בבלה יובאו ושמה יהיו עד יום פקדי אותם נאם ה'. ור' זירא ההוא בכלי שרת כתיב ורב יהודה כתיב קרא אחרינא (שה"ש ג) השבעתי אתכם בנות ירושלים בצבאות או באילות השדה וגו' ור' זירא ההוא שלא יעלו ישראל כחומה. ורב יהודה השבעתי אחרינא כתיב. ור' זירא ההוא מיבעי' ליה לכדרבי יוסי בר חנינא דאמר רבי יוסי בר חנינא שלש שבועות הללו למה אחת שלא יעלו ישראל כחומה ואחת שהשביע הקב"ה את ישראל שלא ימרדו באומות ואחת שהשביע הקדוש ברוך הוא את האומות שלא ישתעבדו בהן בישראל יותר מדאי

וכי מי אמר לו לדוד. כן אלא מפני שהיה צריך לברוח לגלות מארץ ישראל אל מלך מואב ואל אכיש: דבעי. ר' זירא למיסק ורב יהודה מוחה ביה להכי הוה מישתמיט מיניה: בכלי שרת כתיב. קרא דלעיל מיניה כתיב כי כה אמר ה' צבאות אל העמודים ועל הים וגו': שלא יעלו בחומה. יחד ביד חזקה: אם תעירו ואם תעוררו.

אשטאט וואס דארט וואוהנען יודין מער ווי גוים. ווארום דער וואס וואוהנט אין ארץ ישראל איז גלייך וויא ער האט א גאט. אונ דער וואס וואונט אין חוץ לארץ איז גלייך וויא ער האט ניט קיין גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צוא געבין צו אייך דיא לאנד כנען צוא זיין צו אייך א גאט. פרעגט דיא גמרא צוא דען אלע וואס וואוגען ניט אין ארץ ישראל האבין ניט קיין גאט. נאר אזוי מיינט מען דער וואס וואונט אין חוץ לארץ איז גלייך וויא ער וואלט געדינט עבודה זרה. דוד המלך האט אויך אזוי גזאגט. זיא האבין מיך היינט פאר טריבען פון צו בהעפטין זיך אין דיא נחלה פון גאט (אין ארץ ישראל). אונ זיי זאגין צו מיר גיי דין פרעמדע געטער. ווער האט קענין זאגין צו דוד ער זאל דינען פרעמדע געטער. נאר דער וואס וואונט אין חוץ לארץ איז גלייך וויא ער וואלט געדינט עבודה זרה:

ר' רבי זירא פלעגט זיך בעהאלטין פר רב יהודה. ווארום רבי זירא האט געוואלט גיין פון בבל אין ארץ ישראל. אונ רב יהודה האט גזאגט דער וואס גייט פון בבל אין ארץ ישראל איז ער עובר אויף א מצות עשה. ווארום עס שטייט אין פסוק אין בבל וועלין זיא געבראכט ווערין און דארטין זאלין זיא זיין ביז דעם טאג וואס איך וועל אן זייא גדיינקין אזוי זאגט גאט. אונ רבי זירא זאגט דער פסוק מיינט דיא כלים פון בית המקדש טאר מען ניט צוריק ברענגען פון בבל אין ארץ ישראל ביז גאט וועט הייסין. אבער מענטשין מעגין גיין פון בבל אין ארץ ישראל ווען זיא ווילען. אונ רב יהודה זאגט עס שטייט נאך א פסוק איך האב אייך בשווארין איר טעכטער פון ירושלים בייא די הירשען אדער ביי דיא הינדען פון פעלד אז איר זאלט ניט וועקין דיא ליבשאפט אויף צו גיין אין ארץ ישראל ביז גאט וועט וועלין. אונ רבי זירא זאגט דער פסוק מיינט דיא יודין זאלין ניט גיין אזוי ווי א סאהער אלע מיט איין מאהל מיט כח מלחמה צוא האלטען איין צוא נעמען ארץ ישראל. אבער איינצעלנע מענטשין מעגין גיין פון בבל אין ארץ ישראל ווען זייא ווילען. אונ רב יהודה זאגט עס שטייט אין פסוק נאך אמאהל א שבועה. אפילו איינצעלנע מענטשין זאלין אויך ניט גיין פון בבל אין ארץ ישראל. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק נאך אמאהל א שבועה. וואס טוהט רבי זירא מיט דעם פסוק. ענפערט דיא גמרא רבי זירא דרשת דעם פסוק אזוי וויא רבי יוסי בר חנינא האט גזאגט. צו וואס האט גאט בשווארין דיא יודין מיט דרייא שבועות. איין שבועה איז דיא יודין זאלין ניט גיין אין ארץ ישראל נאר דיא צייט אלע מיט אמאהל אזוי וויא א סאהער. אונ דיא אנדערע שבועה האט גאט בשווארין

דיא

ג׳ שבועות בכל אחת: שלא יגלו את הקץ. נביאים שביניכם: שלא ירחקו את הקץ. בעונם. ל״א שלא ידחקו גרסינן לשון דוחק שלא ירבו בתחנונים על כן יותר מדאי: ושלא יגלו את הסוד. אמרי לה סוד העיבור. ואמרי לה סוד טעמי התורה: מתיר את בשרכם. לבון הפקר:

וכל יאמר שכן. (השוכן) הליכי כלו׳ לא יתרעם לומר גר לי כי כולם נשואי עון: אחה על אדמה מטמאה שמוה. מקרא כזה בגבולה עמוס:

מדאי. ורב יהודה (אמר) (שה״ש ב) אם תעירו ואם תעוררו כתיב ר׳ זירא מיבעי׳ ליה לכדר׳ לוי דאמר ג׳ שבועות הללו למה תלתא הני דאמרן ואידך שלא יגלו את הקץ ושלא ירחקו את הקץ ושלא יגלו הסוד לאוה״ע. (שם) בצבאות או באילות השדה אמר ר׳ אלעזר א״ל הקב״ה לישראל אם אתם מקיימים את השבועה מוטב ואם לאו אני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה:

מ א״ר אלעזר כל הדר בא״י שרוי בלא עון שנאמר (ישעיה לג) ובל יאמר שכן חליתי העם היושב בה נשוא עון. א״ל (רבינא) [רבא] לרב אשי אנן בסובלי חלאים מתנינן לה. אמר רב ענן כל הקבור בארץ ישראל כאלו קבור תחת המזבח כתיב הכא (שמות כ) מזבח אדמה תעשה לי וכתיב התם (דברים לב) וכפר אדמתו עמו. עולא הוה רגיל דהוה סליק לארץ ישראל נח נפשיה בחוץ לארץ אתו אמרו ליה לרבי אלעזר

---

דיא יודין זייא זאלין דינגען דעם מלך וואס זייא וועלין זיין אין זיין מדינה. אונ זייא זאלין ניט ווינדיגען געגין אים. אונ דיא דריטע שבועה איז וואס גאט האט בשווארין דיא פעלקער זיי זאלין ניט שווער ארבעטין מיט דיא יודין. אונ רב יהודה זאגט די דרייא שבועות ווייסין מיר ווייל עס שטייט אין פסוק ביי יעדער שבועה צווייא מאהל דער ווארט דער וועקונג אם תעירו ואם תעוררו. אונ רבי זירא זאגט דיא טאפעלע ווערטער דארפין מיר אזוי ווייא רבי לוי האט גזאגט וועקם שבועות האט גאט בשווארין. וואס זענין דיא וועקם שבועות. דרייא אזוי ווייא מיר האבין פריער גזאגט. אונ נאך דרייא איינס. דיא נביאים זאלין ניט אויס זאגין ווען עס וועט זיין דער סוף פון דעם גלות. אונ דיא אנדערע. שלא ירחקו את הקץ זייא זאלין ניט צו פיל ווינדיגען דיא גאולה זאל דארפין דער ווייטערט ווערין. אדער פאר קערט מיינט מען שלא ידחקו את הקץ. זיי זאלין ניט צו פיל בעטין אז דיא גאולה זאל מוזין זיין פאר דיא צייט. דיא דריטע. דיא יודין זאלין ניט אויס זאגין די סודות פון דיא תורה צוא דיא פעלקער. גאט האט גזאגט איך בשווער אייך מיט דיא הירשען אדער מיט דיא הינדען פון פעלד. וואס איז דאס פאר א שבועה. האט רבי אלעזר גזאגט אזוי האט גאט גזאגט צוא דיא יודין. אויב איר וועט מקיים זיין דיא שבועות איז גוט. אונ אויב ניט וועל איך ערלויבין צוא דיא פעלקער זייא מעגין טאהן מיט אייער פלייש אזוי וויא זייא טוהען מיט דיא פלייש פון דיא הירשען אונ פון דיא הינדען וואס זענען אין פעלד:

מ אמר. רבי אלעזר האט גזאגט דער וואס האונט אין ארץ ישראל וואונט ער אן עבירות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס רוהט אין ארץ ישראל וועט ניט זאגין איך בין קראנק. ווארום דם פאלק וואס וועט זיצען אין ירושלים וועט מען אים מוחל זיין זיינע עבירות. וועט ער ניט האבין פאר וואס קראנק צו זיין. רבא האט גזאגט צוא רב אשי מיר לערנען אז דער פסוק שמועסט פון דיא מענטשין וואס זענין קראנק. זאגט דער פסוק דער מענטש וואס רוהט אין ירושלים אונ איז קראנק. וועט ער ניט צערענען אויף גאט פאר וואס ער איז קראנק. נאר ער וועט זאגין ווייל דאס פאלק וואס זיצט אין ירושלים דארף זיין אן עבירות דריבער איז ער קראנק עס זאל אים פאר געבין ווערין זיינע עבירות. רב ענן זאגט דער וואס איז בגראבין אין ארץ ישראל איז גליך וויא ער וואלט גיוועזען בגראבין אונטער דעם מזבח. דא שטייט מזבח אדמה תעשה לי א מזבח פון ערד זאלסטו מאכען צוא מיר. אונ דארט שטייט וכפר אדמתו עמו. דיא ערד וועט פאר געבין דיא עבירות פון זיין פאלק. לערנען מיר גזירה שוה אדמתו פון אדמה. אז דיא גאנצע ערד פון ארץ ישראל איז אזוי וויא דיא ערד פון מזבח. עולא איז גיוועזען גיוואונט

אלעזר אמר אנת עולא (עמוס ז) על אדמה טמאה תמות אמרו לו ארונו בא אמר להם אינו דומה קולטתו מחיים לקולטתו לאחר מיתה. ההוא גברא דנפלה ליה ובמה בי חוזאה אתא לקמיה דר' חנינא א"ל מהו למיחת וליבמה א"ל אחיו נשא כותית ומת ברוך המקום שהרגו והוא ירד אחריו. אמר רב יהודה אמר שמואל כשם שאסור לצאת מא"י לבבל כך אסור לצאת מבבל לשאר ארצות רבה ורב יוסף דאמרי תרוייהו אפילו מפומבדיתא לבי כובי. ההוא דנפק מפומבדיתא לבי כובי שמתיה רב יוסף. ההוא דנפק מפומבדיתא לאיסתוניא שכיב אמר אביי אי בעי האי בא מרבנן הוה חיי רבה ורב יוסף דאמרי תרוייהו כשרין שבבבל א"י קולטתן כשרין שבשאר ארצות בבל קולטתן למאי אילימא ליוחסין והאמר מר כל הארצות עיסה לארץ ישראל וארץ ישראל עיסה לבבל אלא לענין קבורה:

ארונו בא. לקברו בא"י: כך אמור לאלהם בבבל. לפי שיש שם ישיבות שמרביצים תורה תמיד: ד"ה ספק מפומבדיתא לבי כובי. לגור שם: א"י קולטתו. וכדמפרש: אילימא ליוחסין. שמוחזקים נשים מא"י והא בבל מיוחסי טפי: דאמר מר. כל ארצות עיסה יוחסין כל הארצות הרי הן אצל בבל: כעיסה. המעורבת שאין ניכר בה מה נאסר כך כל המשפחות כספק: אלא לענין קבורה. של בבל מוליכים ארונותיהם לקבר בא"י ושל שאר ארצות אסורין... מא"י וקרובים לבבל קוברים בבבל שם שם

אמר

---

צוא קומען עפעטערס פון חוץ לארץ אין ארץ ישראל. אונ געשטארבען איז ער אין חוץ לארץ. איז מען געקומען צוא רבי אלעזר אונ מען האט אים געזאגט אז עולא איז געשטארבען אין חוץ לארץ. האט רבי אלעזר געזאגט דוא עולא זאלסט שטארבען אויף א טמא ערד. האט מען געזאגט צוא רבי אלעזר זיין קאסטען איז געקומען מען האט אים געבראכט אין ארץ ישראל צו בגראבען אים. האט רבי אלעזר געזאגט עס איז ניט גלייך אז ארץ ישראל נעמט אים צוא לעבעדיג. צו ווא נעמט אים צוא נאך זיין טויט. איינער האט געוואוהנט אין ארץ ישראל אונ ער האט געהאט א ברודער אין חוץ לארץ אין חוזאה. אונ דער ברודער איז געשטארבען אן קינדער. האט ער געדארפט גיין אין חוזאה מייבם זיין דעם ברודערס ווייב. איז ער געקומען פאר רבי חנינא פרעגען אויב ער זאל גיין אין חוזאה חתונה האבען מיט זיין שוועגערין. האט רבי חנינא געזאגט זיין ברודער האט גענומען א גויה ווארום דער וואס וואוינט אין חוץ לארץ איז גלייך וויא ער וואלט געדינט עבודה זרה אונ ער איז געשטארבען. געלויבט איז גאט וואס ער האט אים געהרגעט. זאל ער אויך גיין אין חוץ לארץ. רב יהודה האט געזאגט פון שמואלס וועגען אזוי וויא מען טאר ניט ארויס גיין פון ארץ ישראל אין בבל. אזוי טאר מען ניט ארויס גיין פון בבל אין אנדערע לענדער וואס אין חוץ לארץ. רבה אונ רב יוסף זאגען ביידע אפילו פון פומבדיתא אין כובי טאר מען אויך ניט ארויס גיין. איינער איז אמאהל ארויס געגאנגען פון פומבדיתא אין כובי. האט רב יוסף אים מחרים געוועזען. איינער איז אמאהל ארויס געגאנגען פון פומבדיתא אין איסתוניא. אונ ער איז געשטארבען. האט אביי געזאגט ווען דער למדן וואלט וועלין וואוינען אין פומבדיתא וואלט ער געלעבט. נאר ווייל ער איז ארויס געגאנגען פון פומבדיתא דריבער איז ער געשטארבען. רבה אונ רב יוסף זאגען ביידע דיא פרומע פון בבל נעמט זייא ארץ ישראל צו. אונ דיא פרומע פון אנדערע לענדער נעמט זייא בבל צו. פרעגט דיא גמרא וואס מיינט מען. זאלין מיר זאגען מען מיינט געגען יחוס. אז דיא מענטשין פון ארץ ישראל געבען זייערע טעכטער פאר ווייבער צוא דיא פרומע פון בבל. דער תנא האט דאך געזאגט אלע לענדער זענען אזוי וויא טייג געגען ארץ ישראל. אונ ארץ ישראל איז אזו וויא טייג געגען בבל. אזוי וויא טייג וואס איז געקנעטין אונ מען ווייס ניט וואס איטוייניג ליגט: אזו זענין דיא מענטשין פון אלע לענדער צוא מישט מען ווייס ניט וועלכע איז כשר. נאר ארץ ישראל איז ריינער וויא אלע לענדער. אונ געגען בבל הייסט ארץ ישראל אויך צוא מישט. ווארום דער יחוס פון בבל איז אגעוויסער יחוס. וועלין דאך די פרומע מענטשין פון בבל ניט וועלין טאהן קיין שדוכים פון ארץ ישראל. נאר מען מיינט געגען בגראבען ווערין. דיא מתים פון בבל פירט מען צו בגראבען אין ארץ ישראל. אונ די מתים פון

אודערע

הם זמה הורה : וקרו ליה . לתות המביה : לעם עליה. על א"י : ההוא בנפלים כתיב . ולעולם בא"י : שבו לכם פה עם . עם מלטון עם : הכם

י **אמר** רב יהודה כל הדר בבבל כאלו דר בארץ ישראל שנאמר (זכריה ב) הוי ציון המלטי יושבת בת בבל אמר אביי נקטינן בבל לא חזיא חבליה דמשיח תרגומא אהוצל דבנימין וקרו ליה קרנא דשיזבתא. א"ר אלעזר מתים שבח"ל אינם חיים שנא' (יחזקאל כו) ונתתי צבי בארץ חיים ארץ שצביוני בה מתיה חיים שאין צביוני בה אין מתיה חיים מתיב רבי אבא בר ממל (ישעיה כז) יחיו מתיך נבלתי יקומון מאי לאו יחיו מתיך מתים שבא"י נבלתי יקומון מתים שבח"ל ומאי ונתתי צבי בארץ חיים אנבוכדנצר הוא דכתיב דאמר רחמנא מייתינא עלייהו מלכא דקליל כי טביא א"ל ר' סקרא אחר אני דורש (שם מב) נותן נשמה לעם עליה ורוח להולכים בה ואלא הא כתיב נבלתי יקומון ההוא בנפלים הוא דכתיב ור' אבא בר ממל האי נותן נשמה לעם עליה מאי עביד ליה מבעי' ליה לכדרבי אבהו דא"ר אבהו אפי' שפחה כנענית שבא"י מובטח לה שהיא בת העה"ב כתיב הכא לעם עליה וכתיב התם (בראשית כב) שבו לכם פה עם החמור עם

---

אנדערע לערער וואס זיי זענען נאנטער צו בבל אונ ווייטער צו ארץ ישראל . ברייננט מען די מתים צו בגראבין אין בבל :

י **אמר** . רב יהודה האט גיזאגט דער וואס וואהנט אין בבל איז גלייך וויא ער וואהנט אין ארץ ישראל . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ציון זאל אנטרינען ואנטלויפין אונ זיך בווענין אין בבל . זעהן מיר אז בבל אונ ציון איז אלץ איינס . אביי זאגט מיר האבין גילערונט דיא וואס וואהנען אין בבל וועלין ניט זעהן דיא יסורים וואס עס וועט זיין ווען משיח וועט קומען . נאר ניט דיא מענטשין פון גאנץ בבל . נאר דיא מענטשין פון דיא שטאט הוצל וואס איז אין חלק פון בנימין . נאר זייא אליין וועלין ניט זעהן דיא יסורים וואס עס וועט זיין ווען משיח וועט קומען . אונ דיא שטאט הוצל רופט מען קרנא דשיזבתא . דער ווינקול וואס וועט פרייא ווערין פון דיא יסורים פון משיח . רבי אלעזר האט גיזאגט דיא מתים וואס זענען בגראבין אין חוץ לארץ . וועלין ניט לעבעדיג ווערין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ונתתי צבי בארץ חיים . דיא לאנד וואס איך גלוסט איר (דאס איז ארץ ישראל) . אירע מתים וועלין לעבעדיג ווערין : אונ דיא לאנד וואס איך גלוסט איר ניט (דאס איז גאנץ חוץ לארץ) . אירע מתים וועלין ניט לעבעדיג ווערין . האט רבי אבא בר ממל גיפרעגט עס שטייט אין פסוק דיינע טויטע וועלין לעבין . מיינע טויטע קערפערס וועלין אויף שטיין איז דאך טאפעלע ווערטער . נאר אזוי מיינט מען . דיינע טויטע וועלין לעבעדיג ווערין : דאס זענען דיא מתים פון ארץ ישראל . מיינע טויטע קערפערס וועלין אויף שטיין . דאס זענען דיא מתים פון חוץ לארץ . אונ וואס מיינט דער פסוק ונתתי צבי בארץ חיים . דאס מיינט מען נבוכדנצר . גאט האט גיזאגט איך וועל ברייננען אויף די יודין וואס וואהנען אין ארץ ישראל א מלך וואס ער איז אזוי גרינג וויא א הערש . האט רבי אלעזר גיזאגט צו רבי אבא . רבי איך דארש איין אנדער פסוק . ער גיט א נשמה צוא דעם פאלק וואס אויף איר (אויף ארץ ישראל) . אונ עס גיט א לעבעדיגקייט צוא דיא מענטשין וואס גייען אין איר (אין ארץ ישראל) . וועסטו פרעגין עס שטייט דאך אין פסוק מיינע טויטע קערפערס וועלין אויף שטיין . דאס מיינט מען דיא קינדער וואס ווערין גיבארין פאר דיא צייט . וואס דיא מוטערס האבין זייא מפיל גיוועזין . זייא וועלין אויך אויף שטיין תחיית המתים . אבער נאר אין ארץ ישראל . פרעגט דיא גמרא וואס טוהט רבי אבא בר ממל מיט דעם פסוק ער גיט א נשמה צוא דעם פאלק וואס אויף איר (אויף ארץ ישראל) . ענטפערט דיא גמרא רבי אבא דארף דעם פסוק אזוי וויא רבי אבהו האט גזאגט אפילו א גוישע דינסט וואס איז פאר קויפט צו א יודין אין ארץ ישראל . איז זיא פאר זיכערט אז זיא וועט האבין עולם הבא . וואהרום דא שטייט גאט גיט א נשמה לעם עליה . אונ דארט ביי אברהם אבינו שטייט ווצט אייך דא עם החמור . לייענען מיר ניט עם ההמור

עם הדומה לחמור. ורוח להולכים בה א"ר ירמיה (א"ר) [בר] אבא א"ר יוחנן כל המהלך ד' אמות בארץ ישראל מובטח לו שהוא בן העה"ב. ולר"א צדיקים שבח"ל אינם חיים אמר ר' אלעאי ע"י גלגול מתקיף לה ר' אבא סלא רבה גלגול צדיקים צער הוא אמר אביי מחילות נעשות להם בקרקע:

חיים. כתמיה: ע"י גלגול. מתגלגלים ומגעת עד א"י וחיים שם: מחילות נעשות להם בקרקע. ועומדים על רגליהם והולכים במחילות עד א"י ושם מתגלגלין ויוצאין: דברים בגו. יש כאן דברים מכוסים בדבר זה וצריך לתת להם לב: שצדיק גמור היה. ולא היה צריך לזכות א"י: שלחו ליה לאהוי לרבה. כך נהגו במערבא הוה וכך לו לחים בח"ל ושלחו לגרם לו כדי שיעלה לא"י: שלוחא פילסם

(בראשית מז) יא ונשאתני ממצרים וקברתני בקבורתם. אמר קרנא דברים בגו יודע היה יעקב אבינו שצדיק גמור היה ואם מתים שבח"ל חיים למה הטריח את בניו שלא קבל עליו צער מחילות כיוצא בדבר אתה אומר (שם נ) וישבע יוסף את בני ישראל וגו' א"ר חנינא דברים בגו יודע היה יוסף בעצמו שצדיק גמור ה"ה ואם מתים שבח"ל חיים למה הטריח את אחיו ד' מאות פרסה שלא קבל עליו צער מחילות שלחו לי' אחוהי לרבה יודע יעקב שצדיק גמור

---

החמור: נאר עם החמור. אפאלק וואס איז גלייך צו אאייזיל. אזוי וויא דער עם וואס שטייט בא אברהם מיינט מען דיא גוים וואס זענין זיינע קנעכט. אזוי דער עם וואס עס שטייט לעם עליה מיינט מען אויך דיא גוים וואס זענין יודישע קנעכט. ניט נאט אנשמה אפילו צו זייא אויך. אין פסוק שטייט נאט ניט אלעבעדיגען אטעם צו דיא מענטשין וואס גייען אין ארץ ישראל. האט רבי ירמיה בר אבא גזאגט פון רבי יוחנן וועגין דער וואס גייט פיר איילין אין ארץ ישראל איז ער פאר זיכערט אז ער וועט האבין עולם הבא. פרעגט דיא גמרא האלט דען רבי אלעזר אז דיא געשטארבענע צדיקים וואס אין חוץ לארץ וועלין ניט לעבעדיג ווערין. האט רבי אלעאי גזאגט זייערע ביינער וועלין זיך קוילערין אונטער דיא ערד ביז אין ארץ ישראל. אונ דארט וועלין זיי לעבעדיג ווערין. האט רבי אבא סלא רבה גפרעגט וועלין דאך דיא צדיקים האבין צער ווען זייערע ביינער וועלין זיך קויקערין אונטער דיא ערד. האט אביי גזאגט עס וועט גימאכט ווערין קעלערס אין דיא ערד. אונ די צדיקים וועלין אויף שטיין פון זייערע קברים אונ וועלין גיין דורך די קעלערס ביז זייא וועלין קומען אין ארץ ישראל. אונ אין ארץ ישראל וועלין זייא ארויס גיין פון דיא ערד:

יא ונשאתני. יעקב אבינו האט גזאגט צוא יוסף דוא זאלסט מיך טראגין פון מצרים אונ זאלסט מיך בגראבין אין זייער בגרעבנים: האט קרנא גזאגט אין דער זאך איז דא פאר בארגענע רייד. יעקב אבינו האט דאך גיוואוסט אז ער איז אאמתר צדיק. אונ ער דארף ניט דעם זכות פון ארץ ישראל. אויב דיא מתים וואס זענין בגראבין אין חוץ לארץ וועלין אויך לעבעדיג ווערין. צו וואס האט ער מטריח גיוועזין זיינע קינדער זייא זאלין אים טראגין אין ארץ ישראל. נאר ווייל יעקב האט ניט גיוואלט ליידין דעם צער צוא גיין דורך דיא קעלערס ביז ער וועט קומען אין ארץ ישראל. נאך אזו אגלייכין זאגין מיר. עס שטייט אין פסוק יוסף האט בשווארין דיא יודין ווען זייא וועלין ארויס גיין פון מצרים זאלין זייא מיט נעמען זיינע ביינער. האט רבי חנינא גזאגט אין דער זאך איז דא פאר בארגענע רייד. יוסף האט דאך גיוואוסט אז ער איז אאמתר צדיק. אונ ער דארף ניט דעם זכות פון ארץ ישראל. אויב דיא מתים וואס זענין בגראבין אין חוץ לארץ וועלין אויך לעבעדיג ווערין. צוא נאס האט ער מטריח גיוועזין זיינע ברידער זייא זאלין אים טראגין פיר הונדערט מייל. נאר ווייל יוסף האט ניט גיוואלט ליידין דעם צער צוא גיין דורך דיא קעלערס ביז ער וועט קומען אין ארץ ישראל. דיא ברידער פון רבה האבין גיוואונט אין ארץ ישראל אונ האבין געשיקט צוא רבה וואס ער האט גיוואונט אין חוץ לארץ. ער זאל קומען צוא זייא אין ארץ ישראל. האבין זייא גזאגט צוא אים דיא פריערדיגע רייד וואס עס איז גישמאגען פון יעקב אונ פון יוסף. פון זייא זעהט מען אז מען בדארף וואוגען אין

ארץ

גמור היה וכו'. אילפא מוסיף בה דברים מעשה באחד שהיה מצטער על אשה אחת ובקש לירד כיון ששמע כזאת גלגל בעצמו עד יום מיתו אע"פ שחכם גדול אתה אינו דומה לוכד מעצמו ללומד מרבו ואם תאמר אין לך רב יש לך רב ומנו ר' יוחנן ואם אין אתה עו"ה הזהר בג' דברים אל תרבה בישיבה שישיבה קשה לתחתוניות ואל תרבה בעמידה שעמידה קשה ללב ואל תרבה בהליכה שהליכה קשה לעינים אלא שליש בעמידה שליש בישיבה שליש בהלוך. כל ישיבה שאין עמה סמיכה עמידה נוחה הימנה עמידה ס"ד והאמרת עמידה קשה ללב אלא ישיבה (ע"ג) שאין בה סמיכה עמידה שיש בה סמיכה נוחה הימנה:

יב **אמר** ר' אלעזר עמי ארצות אינם חיים שנאמר (ישעיה כו) מתים בל יחיו רפאים בל יקומו תנ"ה מתים בל יחיו יכול לכל ת"ל רפאים בל יקומו במרפה עצמו מדברי תורה הכתוב מדבר א"ל ר' יוחנן לא ניחא למרייהו דאמרת להו הכי ההוא במרפה עצמו לע"ז הוא דכתיב (שם כו) כי טל אורות טלך וארץ רפאים

אלפא מוסיף בה דברים. מה שלא לו ק : מעשה באחד שהיה מצטער על אשה אחת. שנתן בה עיניו והיה היה בה"ל : ולצ"ם שהכם אתה. יש לך ללמוד כאן ללמוד מפי הרב שאין דומה שלומד ו[מ]עצמו וכו' : ואם האמר אין לך רב. כאן פיכל ללמדך : שאין בה סמיכה. כמו במסעות או נקתדרות יש סמיכה בספסלין וכלאות אין סמיכה: רפאים בל יקומו. במרפה עצמו מד"ת : ולכן רפאים

---

ארץ ישראל: אילפא זאגט דיא האבין נאך מער געשיקט זאגין צו רבה. עס האט אמאל געטראפין איינער האט געוואונט אין ארץ ישראל אונ עס איז אים גיפעלין אאשה וואס האט געוואונט אין חוץ לארץ. האט ער גיהאט גרויס צער פאר וואס ער קען ניט חתונה האבין מיט דיא אשה. אונ ער האט גיוואלט גיין צו איר אין חוץ לארץ. ווייא ער האט גיהערט וואס דא איז פריער גישטאנען פון יעקב אונ יוסף. איז ער געבליבען וואונען אין ארץ ישראל ביז ער איז גישטארבין. אונ אף לו דוא ביסט אגרויסער חכם. פון דעסטוועגין זאלסטו קומען צו אונז אין ארץ ישראל. ווארום עס איז ניט גלייך אז מען לערונט פון זיך אליין צו מען לערונט פון ארבי. וועסטו אפשר זאגין דוא האסט ניט קיין רבי אין ארץ ישראל. דוא האסט ארבי אין ארץ ישראל. דס איז רבי יוחנן. אונ אויב דוא ווילסט ניט קומען צו אינז אין ארץ ישראל. זאלסטו דיך היטען אין דרייא זאכין. דוא זאלסט ניט צוא פיל זיצען. ווארום פון פיל זיצען בעקומט מען מארידען קראנקייט. אונ דוא זאלסט ניט צוא פיל שטיין. ווארום פון פיל שטיין ווערט שוואך דיא הארץ. אונ דוא זאלסט ניט צוא פיל גיין. ווארום פון פיל גיין ווערט טונקעל דיא אויגין. נאר אדריטול זאלסטו שטיין. אונ אדריטול זאלסטו זיצען. אונ אדריטול זאלסטו גיין: אזיצונג וואס מען קען זיך ניט אן לענען. איז בעסער צו שטיין. פרעגט דיא גמרא דו זאגסט דאך אז פון שטיין ווערט שוואך די הארץ. נאר אזו מיינט מען איידער צוא זיצען אן אאנלענונג. איז בעסער צוא שטיין אן גילעהנט:

יב **אמר**. רבי אלעזר האט גזאגט דיא עמי הארצים וואס זענין גישטארבין וועלין ניט צוריק לעבעדיג ווערין ווען משיח וועט קומען. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא טויטע וועלין ניט לעבין רפאים בל יקומו. דיא מענטשן וואס האבין זיך אפ גילאזט פון תורה לערנען. וועלין ניט אויף שטיין. זאגט דיא גמרא מיר האבין אויך אזוי גילערונט. עס שטייט אין פסוק דיא טויטע וועלין ניט לעבין. וואלטין מיר מיינען אלע טויטע וועלין ניט לעבין. שטייט אין פסוק רפאים בל יקומו. דער פסוק מיינט נאר דיא מענטשין וואס האבין זיך אפ גילאזט פון תורה לערנען וועלין ניט אויף שטיין: אבער דיא מענטשין וואס האבין גילערונט תורה וועלין יא אויף שטיין. האט רבי יוחנן גזאגט צוא רבי אלעזר גאט וויל ניט דוא זאלסט אזוי זאגין. נאר דיא גישטארבענע עמי הארצים וועלין אויך אויף שטיין. אונ וואס עס שטייט אין פסוק רפאים בל יקומו. דאס מיינט מען דער וואס האט זיך אפ גילאזט פון דיא תורה אונ ער דינט עבודת זרה דער וועט ניט אויף שטיין צוא תחית המתים. האט רבי אלעזר גזאגט איך דרש איין

רפאים תפיל כל המשתמש באור תורה אור תורה מחייהו וכל שאין משתמש באור תורה אין אור תורה מחייהו. כיון דחזייה דקא מצטער א"ל ר' מצאתי להם (רפואה) [תקנה] מן התורה (דברים ד) ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כלכם היום וכי אפשר לדבוקי בשכינה והכתיב (שם) כי ה' אלהיך אש אוכלה הוא אלא כל המשיא בתו לת"ח והעושה פרקמטיא לת"ח והמהנה ת"ח מנכסיו מעלה עליו הכתוב כאלו מדבק בשכינה כיוצא בדבר אתה אומר (שם ל) לאהבה את ה' אלהיך וגו' ולדבקה בו וכי אפשר לאדם לדבק בשכינה אלא כל המשיא בתו לת"ח והעושה פרקמטיא לת"ח והמהנה ת"ח מנכסיו מעלה עליו הכתוב כאלו מדבק בשכינה. א"ר חייא בר יוסף עתידין צדיקים שמבצבצים ועולים בירושלים שנאמר (תהלים עב) ויציצו מעיר כעשב הארץ ואין עיר אלא ירושלים שנאמר (מ"ב יט) וגנותי (על) [אל] העיר הזאת. וא"ר חייא בר יוסף עתידין צדיקים שיעמדו בלבושיהם קל וחומר מחטה מה חטה שנקברה ערומה יוצאה בכמה לבושים צדיקים שנקברו בלבושיהם עאכ"ו:

רפאים תפיל. ולהכי רפאים תפיל: מצאתי להם תקנה. יהנו לת"ח מנכסיהם: העושה פרקמטיא. מתעסק בממון ת"ח כדי להגיע לידם שכר והם פנוים לעסוק בתורה ע"י אלו וכתיב חיים כלכם היום ע"י דבוקו של ת"ח יזכה לחיים: גלוסקאות

